STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08852

REVOLT-MOMENTN IN DER AMERIKANER GESHIKHTE

I. Sultan

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. סולטאַן

רעוואָלט־מאָמענטן
אין דער
אַמעריקאַנער געשיכטע

פארלאג:
אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן
80 פינפטע עוועניו
ניו יאָרק

אינהאַלט

זייט

פאָרוואָרט — — — — — — — — — — — — — — — — — — 3

דער ערשטער אויפשטאַנד פון ארבעט קעגן קאַפּיטאַל אין די פאַר־
אייניקטע שטאַטן — — — — — — — — — — — — — — — 7

די מאַרטירער פון שיקאַגאָ — — — — — — — — — — — — 22

האָמסטעד — — — — — — — — — — — — — — — — — — 37

לודלאָו — — — — — — — — — — — — — — — — — — 53

דאָס שטורם־יאָר 1922 — — — — — — — — — — — — — 70

נאָכוואָרט — — — — — — — — — — — — — — — — — 101

Copyright by the
INTERNATIONAL WORKERS ORDER
80 Fifth Ave., New York, N. Y.
February, 1934

פאַרוואָרט

די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער פון אַמעריקע זיינען ניט גענוג באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון זייער אייגענעם קלאַס. עס פעלן מאַרקסיסטישע ביכער און בראָשורן וועגן די קאַמפן פונם אַמעריקאַנישן פּראָלעטאַריאַט אין די פאַרגאַנגענע עפּאָכן. עס פעלט אַ מאַרקסיסטישע ליטעראַטור וועגן די אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען אַנטשטאַנען צווישן די אַמעריקאַנישע אַרבעטער. די בורזשואַזיע האָט דוקא פאַרעפנטלעכט אַ געוויסע צאָל שטודיען צו דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, אָבער יענע, געשריבן מיט אַ בורזשואַזן צוגאַנג, זיינען ניט וויסנשאַפטלעך. פון ווערק מיט אַ מאַרקסיסטישן צוגאַנג עקזיסטירט נאָר דער בוך פון אַנטאָני בימבאַ: „געשיכטע פון דער אַמעריקאַנישער אַרבעטער־באַוועגונג” (אין ענגליש, אַרויסגעגעבן פון אינטערנעשאָנאַל פּאָבלישערס); טיילווייז קען מען אָנווייזן אויך אַף סיימאָנס'עס „סאָציאַלע קרעפטן אין אַמעריקאַנישער געשיכטע” (ענגליש) — און דערמיט, אַחוץ נאָך 2־3 בראָשורן, איז אויסגעשעפּט דער היסטאָרישער מאַטעריאַל. דאָס הייסט, אַז אין דעם פרט עקזיסטירט אין אַמעריקע — אַפילו אַף ענגליש — אַ גרויסער בלויז.

אַז דערפון ליידט די גאַנצע היינטיקע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, איז איבעריק צו באַטאָנען. דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף זיין באַקאַנט מיט זיין נעכטן כדי צו קענען שאַפן זיין היינט און זיין מאָרגן. דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף קענען ציען שלוסן פון זיינע ביז־אַהעריקע קאַמפן כדי בעסער צו קענען פירן די נייע — אַפן וועג צו דער דעראָבערונג פון אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג. „דורכפירן אָט דעם וועלט־באַפרייענדיקן העלדן־אַקט”, שרייבט ענגעלס אין זיין „אַנטי־דירינג”, „איז די היסטאָרישע אויפגאַבע פונם היינט־ציייטיקן פּראָלעטאַריאַט. אויספאָרשן די היסטאָרישע באַדינגונגען פון אָט־דער אויפגאַבע און דערמיט צוזאַמען אויפדעקן איר וועזן, קלאָר מאַכן אַף אַזאַ אופן פאַר דעם קלאַס, וואָס איז אונטערדריקט אין דער איצטיקער צייט און וואָס איז באַרופן צו האַנדלען, די באַדינגונגען און דאָס וועזן פון זיין אייגענער זאַך, — אָט דאָס איז די אויפגאַבע פונם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם — דעם טעאָרעטישן אויסדרוק פון דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג.” אַ טייל פון דער אַרבעט פון אויספאָרשן די היסטאָרישע באַדינגונגען פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע איז — באַקענען דעם פּראָלעטאַריאַט מיט דער געשיכטע, מיט די באַדינגונגען, מיט די סבות און דעם אויסגאַנג פון זיינע אייגענע קאַמפן.

דאָס ווערק פון חבר סולטאַן איז אַ בייטראַג צו אָט־דער אַרבעט און דערין איז זיין באַדייטונג.

חבר סולטאַן האָט זיך ניט געשטעלט קיין אויפגאַבע צו געבן די גאַנצע געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט נאָר געגעבן אייניקע פון אירע וויכטיקסטע רעוואָלט־קאַפּיטלען. דער פּראָלעטאַריאַט איז דאָ אויפגעפירט אין זיינע העלסטע אויפברויז־מאָמענטן. אָבער די דאָזיקע מאָמענטן וואַרפן אַ שאַרף ליכט אויף זיין גאַנצן וועזן. זיי דערציילן אומגעהויער פיל וועגן די מעגלעכקייטן, וואָס זיינען אין אים באַהאַלטן.

ווי אַ מאַרקסיסט, האָט חבר סולטאַן ניט געגעבן קיין אָפּגעריסענע עפּיזאָדן. יעדער מאָמענט פון מאַסן־אויפברויז ווערט באַ אים אוועקגעשטעלט אַנטקעגן דעם אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן הינטערגרונט. יעדער מאָמענט ווייזט אַ נייע שטופע אין דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע און באַהערשונג — אַ שטופע, וואָס דערקלערט דעם אויפבריים. דער גרויסער אייזנבאַן־סטרייק פון 1877 — דער ערשטער גרויסער מאַסן־קאַמף פונם מאָדערנעם אַמעריקאַנישן פּראָלעטאַריאַט — ווערט אוועקגעשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דעם כאַראַקטער פונם קאַפּיטאַליזם, וועלכער האָט אָנגעהויבן וואַקסן מיט ריזן־קראַפט נאָכן שלום פונם בירגער־קריג. דער העימאַרקעט־אויפברויז פון די אַכציקער יאָרן, וועלכער איז אַרויסגעוואַקסן פון דעם קאַמף פאַר אַן אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג, ווערט פאַרבונדן מיטן איבערגאַנג פונם קאַפּיטאַליזם צו מאַשין־פּראָדוקציע אַלס די דאָמינירנדיקע פּראָדוקציע־פאָרמע, וואָס דאָס האָט באַדייט די רעלאַטיווע פאַרגרעסערונג פון דער צאָל אומקוואַליפיצירטע אַרבעטער. די האָמסטעד־קאַמפן פון די ניינציקער יאָרן ווערן פאַרבונדן מיט דעם אויפקום פון דער נייער פאָרמע פון קאַפּיטאַל־קאָנצענטראַציע — דעם טראָסט. אין דעם לודלאָו־רעוואָלט פון 1913 געפינען מיר שוין דעם טראָסטיפיצירטן קאַפּיטאַל אין דער ראָלע פון דעם אַליינהערשער, וועלכער באַפעלט איבער דער מלוכה און צייכנט זיך אויס מיט דער באַזונדערער אכזריות׳דיקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט־דער פאָרמע פון קאַפּיטאַליזם.

ענדלעך אין די קאַמפן פון 1922 זעען מיר שוין דעם נאָך־מלחמה׳דיקן קאַפּיטאַליזם, וועמעס דאָמינירנדיקע פאָרמע איז דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל, וועלכער איז געוואָרן אַ וועלט־מאַכט און וועלכער, אין זיין משוגענער יאָגעניש נאָך מערק, זוכט צו צעשטערן אַלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, כדי צו קענען אומגעשטערט אַרויספּרעסן פון דעם פּראָלעטאַריאַט אַ מאַקסימום פּראָפיטן. חבר סולטאַן מאַכט קלאָר אויף אַזאַ אופן, אַז די רעוואָלט־מאָמענטן

אונטערוואַרפן זיך אַ געזעצמעסיקייט, אַז זיי זיינען פאַרבונדן איינער מיטן אַנדערן היסטאָריש און אַז זיי בילדן די הויך־פּונקטן אין אַ גאַנצער געשיכטע פון פאַרשיידנאַרטיקער מאַסן־באַוועגונג.

דערמיט ווערט אַף אַן אומבאַשטרייטבאַרן אופן באַוויזן דער טעזיס, אַז די געשיכטע פונם אַמעריקאַנישן אַרבעטער־קלאַס איז אַ געשיכטע פון קאַמף. די סאָציאַל־רעפאָרמיסטן האָבן אַזוי פיל מאָל איבערגע׳חזר׳ט די באַהויפּטונג וועגן דער אומפעיִקייט פונם אַמעריקאַנישן פּראָלעטאַריאַט צו פירן רעוואָלוציאָנערע קאַמפן און וועגן זיין בלומרשט „איינגעבוירענער" נייגונג צו האַלטן זיך אין די ראַמען פון בורזשואַזע געזעץ און אָרדנונג, אַז דאָס האָט ניט פאַרפעלט צו האָבן אַ ווירקונג אויך אַף רעוואָלוציאָנער־געשטימטע אַרבעטער, וועלכע פאַרהאַלטן זיך דעריבער פעסימיסטיש צו דער מעגלעכקייט פון ערנסטע רעוואָלוציאָנערע אויפשטאַנדן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. חבר סולטאַנס ווערק פאַרניכטעט אָט־די שעדלעכע אילוזיע און שטעלט אַוועק דעם אַמעריקאַנישן פּראָלעטאַריאַט אין דער ריכטיקער פערספּעקטיווע אַלס אַ פּראָלעטאַריאַט וואָס קעמפט — אויב נויטיק מיט געווער אין האַנט.

דער שלוס, וואָס פאָלגט לאָגיש און מיט באַצווינגענדיקער קראַפט פון חבר סולטאַנס היסטאָרישע עטיודן, איז — אַז דער אַמעריקאַנעשער פּראָלע־טאַריאַט האָט דורך זיין גאַנצער געשיכטע געהאַט קנאַפּ דרך־ארץ פאַר געזעץ און אָרדנונג, אַז ער האָט זייער אָפט גענומען דאָס געזעץ אין זיינע אייגענע הענט, אַז ער האָט געשאַפן זיינע אייגענע ספּאָנטאַנע קאַמף־אָרגאַניזאַציעס דאָרט, וואו אַזוינע האָבן געפעלט, און אַז ער האָט זיך געהאַלטן מיט אומ־געוויינטלעכן מוט.

די אַרבעטער פון רעדינג, אין 1877, האָבן באַזיגט די מיליציע, זיך אַריינגעריסן אין אירע קאַזאַרמעס און פאַרכאַפּט די ביקסן מיטן אַנדערן געווער. די אַרבעטער פון העריסבורג האָבן אין דעם זעלביקן סטרייק אָפּ־געהאַלטן אַ זיג איבער אַ רעגימענט סאָלדאַטן, וועמען זיי האָבן געצוואונגען זיך אונטערצוגעבן. די סטרייקס פון די „נייטס אָוו לייבאָר" האָבן געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ סאָציאַלער מלחמה. אין דעם סטרייק, וואָס האָט געפירט צו העימאַרקעט, האָבן זיך אין איין שיקאַגע באַטייליקט 80,000 אַרבעטער און דער סטרייק האָט אָנגענומען דעם אויסזען פון אַן אָפענער מלחמה צווישן די אַרבעטער און דער פּאָליציי. אין האָמסטעד — אין קאַמף פאַר אַן אייגענער יוניאָן — האָבן די אַרבעטער באַשאָסן באַרזשעס מיט דעקעטיווס פון הינטער אַ באַריקאַדע, אַרעסטירט די דעטעקטיווס און זיי אָפּגעפירט אין געפענגעניש; די באַרזשעס האָבן זיי פאַרברענט. (דערביי

דאַרף באַמערקט ווערן, אַז דער נאָמען „פריק”, וואָס פיגורירט אין דעם האָמסטעד־צוזאַמענשטויס אַלס דער נאָמען פון קאַרנעגי'ס שותּף און הויפּט־פאַרוואַלטער פון דער קאַרנעגי־קאָרפּאָריישאָן, חזר'ט זיך איבער הײַנטיקס יאָר אין פאַרבינדונג מיט דעם העלדישן קאַמף פון די מײַנערס אין וועסטערן פּענ־סילווייניע פאַר דער אָנערקענונג פון זייער יוניאָן). אין די קאָלאָראַדאָ־קאַמפּן האָבן זיך די אַרבעטער באַוואָפנט. אין די קאַמפּן פון 1922 האָבן זיי גע־בילדעט „אײַזערנע באַטאַליאָנען”. די פּראַקטיק פון רעוואָלוציאָנערן העלדישן מאַסן־קאַמף איז אַ טראַדיציע פון די אַרבעטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן —און חבר סולטאַנס ווערק ברענגט דאָס אַרויס אפן קלאָרסטן און איבער־צייגנדיקסטן אופן.

די עטיודן זײַנען טיילווייז דערשינען אין דעם „האַמער” פון די יאָרן 1926 און 1927. אין דעם בוך זײַנען זיי איבערגעאַרבעט און פאַראייניקט געוואָרן. אַחוץ דעם איז צוגעשריבן געוואָרן דער לעצטער קאַפּיטל — וועגן דעם קאַפּיטאַליזם אין דעם „פּראָספּעריטי”־פּעריאָד און די סבות פון זײַן קראַך און וועגן דעם אויפקום און דער ראָלע פון די רעוואָלוציאָנערע יוניאָנס און דער קאָמפּאַרטיי, וועלכע זעצן פאָר און אַנטוויקלען אין נייע באַדינגונגען די טראַדיציע פון רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַרישן קאַמף. דערמיט ווערט דאָס ווערק דערפירט ביז דער הײַנטיקער עפּאָכע.

חבר סולטאַנס בוך איז אַ פּיאָנערן־ווערק. די פּראָבע אַרויסצושטעלן די רעוואָלט־מאָמענטן אין דער געשיכטע פונם אַרבעטער־קלאַס אין אַ מאַרקסיס־טישער באַלויכטונג ווערט געמאַכט צום ערשטן מאָל. די וויסנשאַפטלעכקייט פונם ווערק אין פאַרבינדונג מיט דער פאַרשטענדלעכקייט פון שפּראַך און פאַרביקייט פונם בילדער־מאַטעריאַל גאַראַנטירן אים אַ ברייטע פאַרשפּריי־טונג צווישן די אַרבעטער.

מ. אָלגין.

דער ערשטער אויפשטאַנד פון אַרבעט קעגן קאַפּיטאַל אין די פאַראייניקטע שטאַטן

דער מאָדערנער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם איז געבאָרן געוואָרן אין בירגער־קריג. דער בירגער־קריג אין די פאַראייניקטע שטאַטן (1861־1865) איז געווען אַ קאַמף פאַר פּאָליטישער מאַכט. דער יונגער קאַפּיטאַ־ליסטישער קלאַס, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין די צפון־שטאַטן, האָט געזוכט קאָנטראָל איבער דער רעגירונג פון לאַנד, כדי צו קאָנען אויס־שפּרייטן און באַפעסטיקן זיין עקאָנאָמישן באָדן. דער האַלב־פעאָדאַלער קלאַס פון די דרום־שטאַטן, וואָס האָט געהערשט איבער די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט די מאַכט ניט געוואָלט אַרויסלאָזן פון זיינע הענט. אין דעם בירגער־קריג האָבן זיך די צוויי הערשנדע קלאַסן פאַרמאָסטן מיט די כחות, און דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס פון די צפון־שטאַטן איז אַרויסגעקומען דער זיגער.

דער זיג אין דעם בירגער־קריג האָט געגעבן פליגל דעם אַמעריקאַנעם קאַפּיטאַליזם. דער קלאַס פון גרויסע קאַפּיטאַליסטן האָט אַריינגעכאַפּט אין זיינע הענט דעם פולשטענדיקן קאָנטראָל איבער דער פּאָליטישער מאַשין פון דער מלוכה און האָט אויסגענוצט די דאָזיקע מאַשין, כדי רייכער און פעטער צו ווערן. אין די יאָרן פון בירגער־קריג און אין דעם ערשטן צענדליק יאָרן נאָך דעם קריג, זיינען אויסגעוואַקסן די מעכטיקע קאַפּיטאַ־ליסטישע אינדוסטריען, וואָס זיינען דער יסוד פון דער מאָדערנער קאַפּיטאַ־ליסטישער געזעלשאַפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און די ריזיקע פאַרמעגנס, וואָס קאָנטראָלירן די דאָזיקע אינדוסטריען.

דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס האָט פון זיין קינדהייט אָן באַוויזן צו געפינען די לאָזונגען, וואָס זאָלן אָפּנאַרן די ברייטע מאַסן און באַוועגן זיי צו קעמפן זיינע שלאַכטן. אין דעם בירגער־קריג איז דער דאָזיקער לאָזונג געווען: די באַפרייאונג פון די שוואַרצע שקלאַפן. און אין דער צייט, ווען אַרבעטער און פאַרמערס זיינען אין די טויזנטער געפאַלן פאַר אַט דעם לאָזונג אויף די שלאַכט פעלדער פון ענטיעם, פרעדריקסבורג, געטיסבורג, און די אַנדערע שלאַכט פעלדער, וואו דער בירגער־קריג איז אויסגעקעמפט געוואָרן, זיינען אין הינטערגרונט געשטאַנען די אינדוסטריעלע און האַנדלס

קאַפּיטאַליסטן, וואָס האָבן אויסגענוצט די מלחמה זיך אָנצושטאָפּן מיט גאָלד. די מלחמה־פאַדערונגען האָבן זיי די דאָזיקע מעגלעכקייט געגעבן, די יאָרן פון בירגער־קריג זיינען געווען יאָרן פון אויסערגעוויינטליכער פּראָספּעריטי פאַר די צפון־שטאַטן.

ווען דער בירגער־קריג האָט זיך געענדיקט און די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן זיינען געוואָרן די פולשטענדיקע באַלעבאַטים פון דעם מלוכה־אַפּאַראַט, איז די פּראָספּעריטי געוואָרן נאָך גרעסער. דער טריאומפירנדער קאַפּיטאַליזם האָט מיט דער הילף פון דער רעגירונג זיך אַוועקגעלאָזן אין א „משוגענעם גאַלאָפּ“ איינצושלינגען א קאָנטינענט. די נעץ פון אייזנבאַנען, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן בויען צום סוף פון בירגער־קריג איז אויסגעשפּרייט געוואָרן, ביז וואַנען דאָס גאַנצע לאַנד איז באַדעקט געוואָרן מיט א געוועב פון אייזנבאַן־רעלסן. אויף צו בויען די דאָזיקע אייזנבאַנען האָט די רעגירונג אַוועקגעשאָנקען די אייזנבאַן־קאָמפּאַניעס א שטח לאַנד, וואָס איז גרעסער ווי א סך מעריב־אייראָפּייאישע מלוכות. אחוץ דעם האָט די רעגירונג געשאָנקען די דאָזיקע קאָמפּאַניעס מיליאָנען דאָלאַר אין סובסידיעס און באָנד־גאַראַנטיעס.

מיט דער אַנטוויקלונג פון די אייזנבאַנען איז געגאַנגען דער פענאָמענאַלער וואוקס פון דער אַמעריקאַנער אינדוסטריע. די פאָלגענדיקע טאַבעלע גיט אונז א פאַרגלייך פון דעם וואוקס פון דער אַמעריקאַנער אינדוסטריע אין די 10 יאָר ביז דעם בירגער־קריג און די 10 יאָר נאָך דעם בירגער־קריג:

די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע

יאָרן	פאַרגרעס. אין צאָל פון פאַב.	פאַרגרעס. אין צאָל אַרבעטער	פאַרגרעס. אין אויס־געצאָלטען לוין	פּראָ־דוקציע
1860-1850	14.2%	37%	60%	85.5%
1870-1860	79.6%	56%	104.7%	124.4%

„עס איז געווען די צייט“ — שרייבט א. מ. סימאָנס אין זיין סאָציאַלע כחות אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע — „ווען די אַמעריקאַנער דאַ־

לאַראָקראַטיע פון פליש, פּילן, זייף, אויל, אָדער אייזנבאַנען איז געוואָרן דער סינאַנים פון דעם פּאַרוואַניו און דעם אויפגעקומענעם נגיד. אין דער ליטעראַטור האָט זי געשאַפן די ביליקע סענסאַציאָנעלע טעגלאַכע ציַיטונג, דעם „ניו יאָרק לעדזשער" טיפּ פון א זשורנאַל, די דיים־נאָוועל און די אַרבעטן פון מערי דזשיי האָלמס, לאַרא דזשין ליבי און די „דאַטשעס". אין דער אינדוסטריע זיינען די הערשנדע פיגורן געווען דזשיי גולד און דזשים פיסק. אין פּאָליטיק האָט זי ערפונדן די „מאַשין", דעם „וואָרד־הילער" און דעם פּאָליטישן באָס".

די אַנטשטייאונג פון דער מאָדערנער אַרבעטער־באַוועגונג

דער אַרבעטער־קלאַס איז געווען דער איינציקער קלאַס, וואָס האָט גאָר ניט גענאָסן פון דער גרויסער קאַפּיטאַליסטישער סעודה נאָכן בירגער־קריג. ווען די מחנות אַרבעטער זיינען נאָך דער מלחמה באַפרייט געוואָרן פון מיליטער־דינסט און האָבן זיך אומגעקערט צום אינדוסטריעלן לעבן, האָבן זיי געפונען אַן ענדערונג אין די באַדינגונגען, אונטער וועלכע זיי איז אויסגעקומען צו אַרבעטן. דער אינדיווידועלער באַלעבאָס האָט גע־האַלטן אין פאַרשוואונדן. זיין פּלאַץ האָט פאַרנומען די קאָרפּאָראַציע, אָדער טראָסט. גרויסע מאַסן אַרבעטער האָבן געמוזט פאַרקויפן זייער אַרבעט־קראַפט צו אָט די טראָסטן.

אמת, אַז אַרבעט איז געווען גענוג. די באַדינגונגען זיינען אָבער נאָך געווען ערגער, ווי אין די צייטן, ווען מען האָט געאַרבעט פאַר דעם אינ־דיווידועלן באַלעבאָס, און די שכירות זיינען אין פאַרגלייך מיט די שטייגנדע פרייזן אויף שפּייז און קליידער געווען נאָך ערגער, ווי פריער. די נייע אַרבעט־באַדינגונגען פאַר אַזויפיל מענטשן, וועלכע זיינען געווען באַקענט מיט דער ווירקזאַמקייט פון אַ מיליטערישער דיסציפּלין, האָט געמוזט ברענגען צו דעם, אַז זיי זאָלן זיך אָנהויבן צו אָרגאַניזירן. א סך פון די היינטיקע „אינטערנייש־אָנאַל" יוניאָנס זיינען געבאָרן געוואָרן אין דעם צענדליק יאָרן נאָך דעם בירגער־קריג.

די פאָלגענדיקע טאַבעלע ווייזט דעם וואוקס פון דער צאָל יוניאָנס בלויז אין איין יאָר — פון דעצעמבער 1863 ביז דעצעמבער 1864, ערב דעם סוף פון דעם בירגער־קריג:

שטאַטן	צאָל יוניאָנס אין 1863	צאָל יוניאָנס אין 1864	שטאַטן	צאָל יוניאָנס אין 1863	צאָל יוניאָנס אין 1864
קאָנעקטיקוט	2	6	ניו העמשייר	3	5
דעלאַווער	—	1	ניו דזשוירזי	4	10
אילינאָי	1	10	ניו יאָרק	16	74
אינדיאַנא	3	17	אָהייאָ	4	16
קענטאָקי	2	8	פּענסילווייניע	15	44
מיין	1	7	ראָוד איילאַנד	1	7
מערילענד	—	1	טענעסי	—	2
מאַסאַטשוסעטס	17	42	ווערמאַנט	1	—
מישיגען	4	9	ווירדזשיניע	1	1
מיזורי	4	9	וויסקאָנסין	—	1
			סך־הכל	79	270

די צאָל מיטגלידער אין די יוניאָנס האָט אין 1872 שוין דערגרייכט קרוב 300 טויזנט. די מערסטע פון זיי האָבן זיך געהאָט פאַראייניקט אין אַ נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע, די נעשאָנאַל לייבאָר יוניאָן, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1866.

דער אינדוסטריעלער קריזיס פון 1873

די עקאָנאָמישע געזעצן פון׳ם קאַפּיטאַליזם האָבן געמאַכט אַ סוף צו דער גרויסער אַמעריקאַנער פּראָספּעריטי, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם בירגער־קריג. דער „משוגענער גאַלאָפּ“ פון דעם אַמעריקאַנעם קאַפּיטאַליזם איז געקומען צו אַ שטילשטאַנד אין 1873. אַ קריזיס, וואָס איז ארויסגערופן געוואָרן אַ דאַנק דער איבערפּראָדוקציע אין אַלע צווייגן פון דער אינדוסטריע, האָט פאַרענדיקט די דאָזיקע עפּאָכע. דער קריזיס פון 1873 איז געווען איינער פון די ערגסטע, וואָס דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם האָט איבערגעלעבט. קרוב זיבן יאָר האָבן אָנגעהאַלטן די „שווערע צייטן“.

מיט דעם קריזיס זיינען געקומען זיינע שטענדיקע באַגלייטער: ארבעטסלאָזיקייט, הונגער און נויט. די באַלעבאַטים האָבן זיך באַנוצט מיט דעם פּאַראַליז אין דער אינדוסטריע און מיט דער גרויסער ארמיי פון

אַרבעטלאָזיקע צו שניידן שכירות. אין דער טעקסטיל אינדוסטריע, למשל, זיינען די שכירות פאַרקלענערט געוואָרן אין די זיבן יאָר, פון 1873 ביז 1880, אויף העלפט. די יונגע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס האָבן ניט געהאַט קיין כח זיך צו שטעלן קעגן די אַטאַקעס פון די באַלעבאַטים, הויפּטזאַכלעך פון די גרויסע טראַסטס, אויף די שכירות פון די אַרבעטער. אין די מערסטע פאַלן זיינען די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס זיך איינגאַנצן צעפאַלן, און די, וועלכע זיינען ניט צעפאַלן געוואָרן, האָבן געפירט אַ קלעגליכע עקזיסטענץ. ווען געבן אַן אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד האָט אפילו קיין רייד ניט גע־קאָנט זיין. די צאָל פון די נאַציאָנאַלע יוניאָנס איז געפאַלן פון קרוב 30 צו 8־9 און אָט די 8־9 יוניאָנס, וואָס האָבן נאָך עקזיסטירט, האָבן פאַר־לאָרן דעם גרעסטן טייל פון זייערע מיטגלידער. די מאַשיניסטן־יוניאָן האָט פאַרלאָרן צוויי דריטל פון אירע מיטגלידער; די ציגאַרמאַכער — פיר־פינפטלאָך; די קופּערשמידן — זעקס־זיבטלאָך; אין ניו יאָרק, למשל, איז די צאָל אָרגאַניזירטע אַרבעטער געפאַלן פון 44 טויזנט אויף 5 טויזנט. אַזוי הילפלאָז זיינען געווען די אַרבעטער, אַז זייער לעבנס־מצב איז אַראָפּגעדריקט געוואָרן אַלץ נידעריקער און נידעריקער און זיי האָבן געלעבט אין ערגערע באַדינגונגען ווי די נעגער־שקלאַפן פאַר דעם בירגער־קריג.

דער רעוואָלט פון די אייזנבאַן־אַרבעטער

אין קיין אַנדער אינדוסטריע אָבער האָבן די קאַפּיטאַליסטן זיך אַזוי ניט איזדיעקעוועט איבער די אַרבעטער, ווי אין דער אייזנבאַן־אינדוסטריע; און אין קיין אַנדער אינדוסטריע האָט די אוממענטשלאַכע עקספּלואַטאַציע ניט אַרויסגערופן אַזויפיל ביטערקייט און צאָרן צווישן די אַרבעטער, ווי אין דער אייזנבאַן־אינדוסטריע. די אַרבעטער זיינען באַהאַנדלט געוואָרן ערגער ווי בהמות. די אַרבעט־שטונדן זיינען געווען אומבאַגרענעצט. די אַרבעטער איז אויסגעקומען צו אַרבעטן 2 — 3 טעג אין וואָך און פאַר־ברענגען די איבעריקע טעג אין וואָך ערגיץ וואו אויף אַ זייטיקער סטאַנציע אויף זייערע אייגענע הוצאות; די קלעגלאַכע שכירות, וואָס די אייזנבאַן־אַרבעטער האָבן באַקומען, זיינען קוים געווען גענוג צו דעקן די אויס־גאַבן, וואָס זיי איז אויסגעקומען צו מאַכן, וואַרטנדיק אויף די סטאַנציעס אויף זייער ריי, אַזוי אַז די פאַמיליעס פון די אייזנבאַן־אַרבעטער זיינען בוכשטעבלעך געשטאָרבן פון הונגער. שכירות האָבן געדאַרפט געצאָלט ווערן יעדן חודש. עס פלעגן אָבער אוועקגיין צוויי, דריי און אפילו פיר חדשים, איידער זיי פלעגן זייערע שכירות באַקומען.

די פּענסילוואַניע אייזנבאַן־ליניע האָט געשניטן די שכירות פון די אַרבעטער אויף 10 פּראָצענט באַלד נאָך דער פּאַניק, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין 1873; זי האָט אָבער דערקלערט אַ נייע אַלגעמיינע רעדוצירונג אויף 10 פּראָצענט אין שכירות פון די אַרבעטער, וואָס האָט געדאַרפט אַריינגיין אין קראַפט דעם ערשטן יוני, 1877. די ניו יאָרק סענטראַל אייזנבאַן האָט נאָכגעפאָלגט דעם ביישפּיל פון דער פּענסילוואַניע און האָט אויך געשניטן די שכירות פון די אַרבעטער אויף 10 פּראָצענט; די נידעריקערע שכירות האָבן געדאַרפט אַריינגיין אין קראַפט דעם 1טן יולי. די באַלטימאָר און אָהייאָ אייזנבאַן ליניע האָט דערקלערט אַן ענלעכע רעדוקציע אין שכירות, וואָס האָט געדאַרפט אַריינגיין אין קראַפט דעם 16טן יולי.

מיט אַ פּאָר חדשים פריער, האָבן די אייזנבאַן־מאַגנאַטן באַוויזן אינגאַנצן צו פאַרניכטן די יוניאָנס פון די אייזנבאַן־אַרבעטער. די בראָדערהוד פון לאָקאָמאָטיוו אינזשינערן האָט אין אַפּריל 1877 אָנגעפירט צוויי סטרייקס, איינעם קעגן דער באָסטאָן און אָלבאַני אייזנבאַן ליניע און דעם צווייטן קעגן דער פּענסילוואַניע; ביידע סטרייקס האָט די יוניאָן פאַרלאָרן. די אייזנבאַן־מאַגנאַטן האָבן אויסגענוצט דעם דורכפאַל, וואָס די יוניאָן האָט געהאַט, כדי אינגאַנצן זי צו פאַרניכטן. פּרעזידענט גאָוען פון דער פּענסילוואַניע און רידינג אייזנבאַן ליניע האָט פאַראָרדערט די אינזשינערן, וואָס זיינען געווען באַשעפטיקט אויף דער פּענסילוואַניע, אַז זיי זאָלן זיך צוריקציען פון דער יוניאָן, אָדער זיי וועלן אַרויסגעוואָרפן ווערן פון דער אַרבעט. די אַרבעטער האָבן לפנים זיך אונטערגעוואָרפן; אין דער שטיל אָבער האָבן זיי צוגעגרייט אַ סטרייק, וואָס האָט זיך געזאָלט אָנהויבן דעם 14טן אַפּריל. דער דאָזיקער פּלאַן איז דורכגעפאַלן אַ דאַנק די פּינקערטאָן־שפּיאָנען, וואָס די אייזנבאַן האָט געהאַט אין דער יוניאָן. די אייזנבאַן־קאָמפּאַניע איז געווען באַזאָרגט מיט סטרייק־ברעכער, ווען דער סטרייק האָט אויסגעבראָכן. דער דאָזיקער לעצטער דורכפאַל פון דער יוניאָן פון די לאָקאָמאָטיוו־אינזשינערן האָט זי אינגאַנצן צעבראָכן. די אַנדערע אייזנבאַן־בראָדערהודס, די בראָדערהוד פון אייזנבאַן־קאָנדוקטאָרן, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1868, און די בראָדערהוד פון אייזנבאַן־פייערלייט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1873, זיינען געווען צו שוואַך צו שפּילן, וועלכע עס איז ראָל אין דער אינדוסטריע.

ווען די פּענסילוואַניע האָט דערקלערט, אַז זי וועט אויף דאָס ניי שניידן די שכירות פון די אַרבעטער, אין יוני, האָבן די לעצטע אויסגעקליבן אַ קאָמיטע, וואָס איז באַשטאַנען אויסשליסלעך פון לאָקאָמאָטיוו־אינזשי־

נערן, וועלכע האָט סוף מאי געהאַט אַן אינטערוויו מיט דעם פּרעזידענט פון דער קאָמפּאַניע. דער פּרעזידענט האָט צוגעזאָגט דער קאָמיטע, אַז די אַרבעטער וועלן קריגן צוריק זייערע אַלטע שכירות, אַזוי גיך ווי „צייטן וועלן ווערן בעסער". די קאָמיטע האָט אָנגענומען די דערקלערונג פון דעם פּרעזידענט. די אַרבעטער פון דער ליניע האָבן אָבער דערקלערט אָפן, אַז די קאָמיטע האָט געהאַנדלט בלויז אין די אינטערעסן פון די אינזשינערן. די אַרבעטער פון די אייזנבאַנען, וואָס האָבן געהאַט זייערע ענד־סטאַנציעס אין פּיטסבורג, האָבן אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן אַ געהיימע יוניאָן פון אייזנבאַן־אַרבעטער, וואָס זאָל זיך שטעלן קעגן דער געפּלאַנטער רעדוצירונג אין שכירות.

דער פירער פון דער נייער אָרגאַניזאַציע איז געווען אַ יונגער קאָנ־דוקטאָר, ראָבערט ה. אמאָן. ער האָט דעם 2טן יוני, 1877, אָרגאַניזירט דעם ערשטן לאָקאַל פון דער נייער יוניאָן אין אַלעגעהעני סיטי און איז געוואָרן דער גענעראַל־אָרגאַניזער פון דער יוניאָן. אין אַ קורצער צייט האָט ער באַוויזן צו אָרגאַניזירן אָפּטיילונגען פון דער יוניאָן אויף דער באַלטימאָר און אָהייאָ אייזנבאַן ליניע, אויף דער פּענסילווייניע, אויף דער איירי און אויף דער אַטלאַנטיק און גרייט נאָרטוועסטערן אייזנבאַן ליניעס. די נייע יוניאָן האָט זיך געשטעלט אַלס איר אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן אַלע אַרבעטער פון די הויפּט אייזנבאַן יוניאָנס „אין איין סאָלידער קערפּער־שאַפט", כדי אַרויסצורופן אַ סטרייק גלייכצייטיק אויף אַלע אייזנבאַנען.

דער לכתחילה'דיקער פּלאַן איז געווען, אַז דער סטרייק זאָל זיך אָנ־הויבן דעם 27טן יוני; 40 אָרגאַנייזערס זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון פּיטסבורג צו אינפאָרמירן די פאַרשיידענע אָפּטיילונגען וועגן דעם טאָג פון סטרייק. דעם 25טן יוני איז אָבער פאָרגעקומען אַ מיטינג פון דער יוניאָן, וואו שטאַרקע מיינונגס־פאַרשיידנקייטן צווישן די פירער פון דער יוניאָן האָבן געבראַכט צו דעם, אַז אַ טייל פון די פירער האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו באַטייליקן אין דעם געפּלאַנטן סטרייק. דאָס האָט געפירט צו דעם, אַז די גאַנצע באַוועגונג האָט צוזאַמענגעבראָכן און די נייע יוניאָן האָט אין די וויטערדיקע געשעענישן קיין שום ראָל ניט געשפּילט.

דער ערשטער אויפשטאַנד פון אַרבעט קעגן קאַפּיטאַל אין אַמעריקע

די אָרגאַניזירטע פאַרזוכן זיך צו שטעלן קעגן דער שרעקלאַכער עקס־פּלואַטאַציע פון די אייזנבאַן־מאַגנאַטן זיינען אויף אַזאַ אויפן אַלע דורכ־געפאַלן. דער האַס און דער צאָרן פון די אייזנבאַן־אַרבעטער קעגן זייערע

עקספּלואַטירער האָבן אָבער געוואַקסן מיט יעדן טאָג און האָבן ענדלעך גע־פונען אַן אויסדרוק אין אַ ספּאָנטאַנעם ניט אָרגאַניזירטן סטרייק, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אָפענער מלחמה צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל. „קיינמאָל איז די פּאַראַיינִיקטע שטאַטן ניט געשטאַנען אַזוי נאָענט צו אַ בירגער־קריג, ווי אין די טעג פון די אײַזנבאַן־סטרייקס" — האָט געשריבן פּרעזידענט הייז וועגן אָט־דעם סטרייק.

דער סטרייק האָט זיך אָנגעהויבן דעם 17טן יולי אין מאַרטינסבורג, וועסט ווירדזשיניע, אויף דער באַלטימאָרער און אָהייאָ אײַזנבאַן ליניע, אַ טאָג נאָכדעם, ווי די קאָמפּאַניע האָט דורכגעפירט איר באַשלוס וועגן רעדוצירן די שכירות אויף צען פּראָצענט. די אײַזנבאַן אַרבעטער האָבן זיך אָפּגעזאָגט דורכצופּאָזן וועלכן עס איז צוג, סײַדן זיי וועלן צוריקקריגן זייערע אַלטע שכירות. די סטייט־מיליציע, וואָס איז אַרויסגערופן גע־וואָרן אין מאַרטינסבורג האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַשיצן די סקעבס, מיט וועלכע די אײַזנבאַן קאָמפּאַניע האָט געוואָלט אַרויסשיקן די באַנען; די מיליציאַנערן האָבן טיילווייז נאָך געהאָלפן די סטרייקער, און צוויי טעג צייט האָבן די סטרייקער געהאַלטן די מאַכט איבער אָט דעם פּונקט פון דער אײַזנבאַן ליניע. גאָווערנאָר מאַטיוס פון וועסט ווירדזשיניע האָט אַפּעלירט צו פּרעזידענט הייז צו שיקן פעדעראַלע סאָלדאַטן צו דערשטיקן דעם סטרייק און אַן אָפּטיילונג פון 200 פעדעראַלע סאָלדאַטן איז אָנגע־קומען אין מאַרטינסבורג צו באַשיצן די סקעבס, מיט וועלכע די אײַזנבאַן־קאָמפּאַניע האָט אָנגעהויבן אַרויסצושיקן באַנען פון שטאָט.

דער סטרייק אָבער, האָט שוין, ווי אַ פייער, אַרומגעכאַפּט די אַנדערע אָפּטיילונגען פון דער ליניע און אין די מער וויכטיקע פּונקטן האָבן די סטרייקער געהאַט דעם קאָנטראָל איבער דער אײַזנבאַן ליניע. אין באַל־טימאָר איז דעם 20טן יולי פאָרגעקומען דער ערשטער בלוטיקער צוזאַמענ־שטויס צווישן די רעוואָלטירנדיקע אײַזנבאַן־אַרבעטער און דעם מיליטער.

דער גאָווערנאָר פון מערילענד האָט פאַראָרדנט 2 רעגימענטן פון דער מיליציע צו פאָרן פון באַלטימאָר קיין קאָמבערלאַנד, מערילאַנד, וואו די סטרייקער האָבן געהאַט פאַרכאַפּט אין זייערע הענט די אײַזנבאַן־דעפּאָ. די אַרבעטער פון באַלטימאָר זיינען געוועזן אַנטשלאָסן ניט צו דערלאָזן די מיליציאָנערן אָפּצופאָרן קיין קאָמבערלאַנד. איינער פון די צוויי רעגימענטן האָט באַוויזן אָפּצוטראָגן זיך שטילערהייט צום דעפּאָ און אָפּצופאָרן קיין קעמדען, פון וואַנען ער האָט גענדאַרפט נעמען אַ באַן קיין קאָמבערלאַנד. דער צווייטער רעגימענט אָבער איז אַרומגערינגלט געוואָרן אין זיין קאַ־

זארמע פון אַ טויזנט־קעפּיקער מאַסע אַרבעטער, וואָס האָט באַלאַגערט די קאַזאַרמע און ניט דערלאָזן די מיליציאָנערן פּאַרלאָזן די געביידע. די מיליציאָנערן האָבן געמאַכט אַ פּאַרזוך דורכצוברעכן זיך אַ וועג צווישן עולם און זיינען באַגעגנט געוואָרן מיט אַ האַגל שטיינער. די מיליציאָנערן האָבן געענטפערט מיט אַ שיסעריי פון ביקסן און האָבן באַוויזן זיך צו מאַכן אַ וועג צום דעפּאָ. די אויפגערייצטע אַרבעטער האָבן באַלאַגערט די דעפּאָ און זי אונטערגעצונדן; די פייערלעשער זיינען ניט צוגעלאָזן געוואָרן צום דעפּאָ אויסצולעשן דעם פייער. דער רעגימענט וואָלט שלעכט אָפּגעשניטן, ווען די באַלטימאָרער פּאָליציי וואָלט ניט געקומען אין צייט צו הילף די פייערלעשער און מיט אירע דובינקעס און רעוואָלווערן ניט געמאַכט אַ וועג צום דעפּאָ, אַזוי אַז די פייערלעשער האָבן געהאַט די מעגלעכקייט אויסצולעשן דעם פייער*). ניט אומזיסט קלאָגט די ניו יאָרקער איוונינג פּאָסט עדיטאָריעל, אַז „מען טאָר ניט פאַרמאַכן די אויגן אויף דעם פאַקט, אַז די רעגירונג־מאַכט פון די סטייטס האָט ניט באַוויזן איינצוהאַלטן די אָרדענונג“.

די בלוטיקסטע צוזאַמענשטויסן צווישן די אַרבעטער און דעם מיליטער זיינען אָבער פּאָרגעקומען אין פּענסילווייניע סטייט, הויפּטזעכלעך אין און אַרום פּיטסבורג, אין דעם סטרייק אויף דער פּענסילווייניע אייזנבאַן ליניע.

דער סטרייק אויף דער פּענסילווייניע ליניע האָט זיך אָנגעהויבן צוליב אַן אַנדער סיבה ווי דער סטרייק אויף דער באַלטימאָר און אָהייאָ. די רעדוצירונג פון שכירות האָט די קאָמפּאַניע דורכגעפירט נאָך מיט אַ חודש פריער, און עס איז איר אַראָפּ גלאַט; אַ קליינער סטרייק, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין אַלעגהעני סיטי, איז שנעל אונטערדריקט געוואָרן. די קאָמפּאַניע האָט איצט דערפונדן אַ נייעם מיטל שטאַרקער צו עקספּלואַטירן אירע אַרבעטער און אַגב אינגאַנצן אַרויסגעוואָרפן אַ העלפט פון זיי פון דער אַרבעט. די קאָמפּאַניע האָט דעם 19טן יולי אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז אַנשטאָט 17 וואַגאָנען, וואָס האָבן ביז דעמאָלט צוזאַמענגעשטעלט אַ פראַכט־צוג זאָל די צאָל וואַגאָנען פאַרגרעסערט ווערן ביז 34, וועלכע זאָלן באַדינט ווערן פון דער זעלביקער צאָל אַרבעטער, וואָס האָבן ביז איצט באַדינט בלויז 17 וואַגאָנען.

---

*) מיר האָבן אין די באַריכטן וועגן דעם קאַמף אין באַלטימאָר ניט געפונען אָנגעבן די צאָל טויטע און פאַרוואונדעטע, אָדער צי זיינען בכלל געווען טויטע און פאַרוואונדעטע.

פיטסבורגער שלאַכטן; אַרבעטער באַזיגן מיליטער

דעם 19טן יולי אין דער פרי, ווען די פאַרוואַלטונג פון דער אייזנבאַן־ליניע אין פיטסבורג האָט געמאַכט אַ פּאַרזוך דורכצופירן די פאַראָרדענונג פון דער קאָמפּאַניע, האָט די מאַנשאַפט פון עטלאַכע פראַכט־צוגן, ארום 25 אין צאָל, זיך אָפּגעזאָגט ארויסצופירן די צוגן; זיי האָבן פאַרכאַפּט די „סוויטשעס" און האָבן ניט דערלאָזן קיין צוגן ארויסצוגיין פון שטאָט. די צאָל סטרייקער האָט געהאַלטן אין וואַקסן מיט יעדער שעה און אין אָוונט זיינען שוין עטלאַכע טויזנט אייזנבאַן־אַרבעטער געווען אין סטרייק.

די אַרבעטער־באַפעלקערונג פון פיטסבורג איז געקומען צו הילף די סטרייקער. צו הילף דער קאָמפּאַניע איז געקומען דער גאָווערנאָר פון סטייט, וועלכער האָט ארייגעשיקט דריי רעגימענטן אינפאַנטעריע און אַ באַטאַריע אַרטילעריע אין פיטסבורג; צו הילף דער אייזנבאַן־קאָמפּאַניע איז אויך געקומען די פעדעראַלע רעגירונג, וואָס האָט אריינגעשיקט 600 סאָלדאַטן פון פילאַדעלפיע צו דערשטיקן דעם אויפשטאַנד פון די אַרבעטער.

די קאַמפן צווישן די אַרבעטער און דעם מיליטער זיינען געווען בלוטיקע. „דאָס איז ניט געווען קיין געוויינטליכער המון, וועמען מען קאָן אָפּסטראַשן מיט אַרעסטן" — לייענען מיר אין דעם אַפּיל, וואָס די שטאָט פיטסבורג האָט שפּעטער געמאַכט צו דער לעגיסלאַטור, אַז מען זאָל זי באַפרייען פון דעם שאָדנערזאַץ, וואָס די פענסילווייניע האָט פון איר געמאָנט — „דאָס איז ניט געווען קיין געוויינטלעכער רייאָט, נאָר אַן אויפשטאַנד, קעגן וועלכן דאָס מיליטער איז געווען מאַכטלאָזיק. אפילו די סאָלדאַטן האָבן געמוזט זוכן שוץ הינטער די ווענט פון דעם „רונד־הויז" (טורעם לעבן סטאַנציע), פון וואַנען זיי זיינען ארויסגעטריבן געוואָרן צוליב דער שיסעריי פון המון און זיינען געצוואונגען געווען צו אַנטלויפן פון שטאָט".

די שלאַכטן צווישן די אַרבעטער און מיליטער אין פיטסבורג האָבן זיך אָנגעהויבן דעם 21טן. דער פיל־טויזנט־קעפּיקער עולם אַרבעטער האָט זיך ניט דערשראָקן פאַר די סאָלדאַטן; די סאָלדאַטן זיינען באַגעגנט געוואָרן מיט אַ האָגל שטיינער, ווען זיי האָבן געמאַכט אַ פּאַרזוך פונאַנדערצוטרייבן דעם עולם. די סאָלדאַטן האָבן אָן אַ וואָרנונג אָנגעהויבן שיסן אין די אַרבעטער און 26 זיינען געפאַלן טויט; צענדליקער אַרבעטער זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן אין דער דאָזיקער שלאַכט.

די סאָלדאַטן זיינען אַרוים די זיגער אין דער ערשטער שלאַכט, אָבער ניט אויף לאַנג.

די אַרבעטער האָבן מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער זיך אומגעקערט צום שלאַכט־פעלד, דאָס מאָל ניט אומבאַוואָפנט; זיי האָבן פאַרנומען דאָס גאַנצע געווער, וואָס זיי האָבן געקאָנט קריגן אין שטאָט און האָבן באַלאַגערט די דעפּאָ, וואו די סאָלדאַטן האָבן זיך געפונען. די סאָלדאַטן האָבן אָפּגעטראָטן און זיך באַפעסטיקט אין דעם „רונד־הויז“. די סטרייקער זיינען געווען אַנטשלאָסן צו פאַרטרייבן די פעדעראַלע סאָלדאַטן פון שטאָט. דעם 22טן יולי, אינדערפרי האָבן זיי זיך אומגעקערט צו דער אַטאַקע. ערגעץ וואו האָבן זיי געקראָגן אַ קאַנאָן און זיי האָבן געמאַכט פּאָרבאַרייטונגען אָנצוהויבן באָמבאַדירן דאָס „רונד־הויז“. די אָפיצערן האָבן געלאָזט וויסן, אַז זיי גיבן זיך אונטער, און זיי זיינען פון די אַרבעטער אַרויסבאַגלייט געוואָרן פון שטאָט.

די פּיטסבורגער בורזשואַזיע איז איצט געווען דערשראָקן אויף טויט און האָט זיך גענומען אָרגאַניזירן צו באַקעמפן די אַרבעטער. אין דעם זעלביקן אַפּיל צו דער פּענסילווייניע סטייט לעגיסלאַטור לייענען מיר:

„די אַנפירנדיקע בירגער האָבן פאַרשטאַנען די געפאַר און האָבן זי באַגעגנט אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן; זיי האָבן געשאַפן אַ זיכערקייט־קאָמיטע, געזאַמלט 51 טויזנט דאָלאַר אין מזומן צו באַשיצן אייגנטום און איינצושטעלן אָרדענונג“.

די זיכערקייט־קאָמיטע האָט גע׳פועל׳ט, אַז נייע צוויי רעגימענטן סאָלדאַטן זאָלן אַריינגעשיקט ווערן אין שטאָט. די אויסגעמאַטערטע אַרבעטער זיינען ניט געווען בכח אויפצונעמען אַ נייעם קאַמף. די פּענסילווייניע אייזנבאַן קאָמפּאַניע האָט מיט דער הילף פון דער אַרמיי געוואונען דעם קאַמף אין פּיטסבורג.

דער קאַמף האָט אָבער איצט געפלאַקערט אין צענדליקער שטעט, אין רעדינג, העריסבורג, סקרענטאָן, אַלטונאַ, ווילקעסבאַר און אַז. וו. אין שטעט אין דער וועסט אַזוי ווייט, ווי שיקאַגאָ און סינסינאַטי זיינען פאָרגעקומען גרויסע קאַמפן צווישן אַרבעטער און מיליטער. אין דער ניו יאָרקער איווינינג פּאָסט פון דעם 24טן יולי לייענען מיר דעם פאָלגנדיקן באַריכט:

„אַן עולם פון עטלעכע טויזנט מענטשן האָט זיך פאַרזאַמלט ביי

דער אייזנבאַן סטאַנציע אין רעדינג און געמאַכט אַ פאַרזוך אָפּצושטעלן אַלע פראַכט־באַנען, דורכלאָזנדיק בלויז די פּאָסט־באַנען.

„אַכט אזייגער נעכטן אָוונט זיינען אָנגעקומען זיבן אָפּטיילונגען פון פערטן רעגימענט. די סטרייקער זיינען באַפאַלן די סאָלדאַטן מיט שטיינער און די לעצטע האָבן תיכף אָנגעהויבן שיסן; פינף זיינען געפאַלן טויט און אַ גרויסע צאָל זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. צווישן די פאַרוואונדעטע געפינען זיך אויך פּאָליציאַנטן.

„דער המון האָט זיך אַריינגעבראָכן אין דער קאַזאַרמע פון דער רעדינגער מיליץ און האָט פאַרכאַפּט אַלע ביקסן; זיי האָבן אויך צוגענומען גאַר די געווער, וואָס זיי האָבן געקאָנט קריגן אין די שטאָטישע געשעפטן".

אין דעם זעלביקן טאָג לייענען מיר אין דעם זעלביקער צייטונג אַ באַריכט וועגן די געשעענישן אין העריסבורג:

„נעכטן נאָכמיטאָג האָט דער המון זיך דערוואוסט, אַז אַן אָפּטיילונג פון דעם פילאַדעלפיער רעגימענט אויף דעם מערב ברעג פון טייך איז גרייט זיך אונטערצוגעבן, אויב מען וועט איר גאַראַנטירן, אַז זי וועט באַשיצט ווערן.

„אַרום 4 אזייגער האָט אַן עולם זיך אָנגעהויבן צו פאַרזאַמלען אויפן בריק, כדי בייצואוואוינען די סצענע, ווי אַזוי דאָס מיליטער וועט זיך אונטערגעבן. ווען די סאָלדאַטן האָבן דערזען דעם עולם זיינען זיי אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַניק, דענקענדיק, אַז דער עולם וועט זיי אַטאַקירן; זיי האָבן אָנגעהויבן אָפּצוטרעטן אין דער ריכטונג פון סאַסקוועהאַנאַ טייך.

„אין אַ שעה, אָדער צוויי זיינען איינגעשטעלט געוואָרן פאַרבינדונגען צווישן די סאָלדאַטן און דעם עולם און די סאָלדאַטן האָבן געקראָגן די פאַרזיכערונג, אַז מען וועט זיי לאָזן אָפּטרעטן בשלום. עס האָט זיך באַלד פאָרמירט אַ פּראָצעסיע פון דעם המון, וואָס האָט אונטער יובל־געשרייען אַריינגעמאַרשירט מיט סאָלדאַטן אין שטאָט און געמאַרשירט מיט זיי איבער דער הויפּט־גאַס, צו אַ האָטעל, וואו מען האָט די געפאַנגענע סאָלדאַטן מכבד געווען מיט עסן און מיט טרינקען. די סאָלדאַטן האָבן אָפּגעגעבן דעם המון זייער געווער.

„האַלב צוועלף בייטאַכט האָט דער באַוואָפנטער המון פאַרנומען דעם אָפיס פון דער וועסטערן יוניאָן קאָמפּאַניע".

דעם 25טן יולי באריכטעט די איווינג פּאָסט:

„אין סינסינאַטי האָט דער המון אטאקירט די צענטראַלע פּאָליציי סטאנציע, כדי צו באפרייען צוויי פון די פירער, וואָס זיינען ארעס־טירט געוואָרן. א דריט־חלק פון דער פּאָליציי־מאכט פון שטאָט האָט זיך קוים ספּראַוועט מיט דעם עולם“.

ריזיקע דעמאָנסטראַציעס און צוזאַמענשטויסן אין שיקאַגאָ

אין שיקאַגאָ האָט דער סטרייק פּאַראַליזירט דעם גאַנצן אייזנבאַן פאַרקער; כמעט די גאַנצע ארבעטער באַפעלקערונג פון שיקאַגאָ איז גע־קומען צו הילף די סטרייקער; ריזיקע דעמאָנסטראַציעס, אין וועלכע ס'האָבן זיך באַטייליקט צענדליקער־טויזנטער ארבעטער זיינען פאָרגעקומען אויף די שיקאַגאָער גאסן.

די טרוקענע באריכטן אין דער איווינג פּאָסט גיבן אונז בלויז א רמז, אויף דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין שטאָט אין פאַרלויף פון די טעג, וואָס דער סטרייק האָט אָנגעהאַלטן:

„די אייזנבאַן ארבעטער“ — דערציילט די „איווינג פּאָסט“ פון 25טן יולי — „האָבן נעכטן נאָכמיטאָג אָפּגעהאַלטן א דעמאָנסטראַציע אין שיקאַגאָ; ארבעטער פון אנדערע פאכן האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דער דעמאָנסטראַציע און באַלד האָבן 30,000 מענטשן מאַרשירט איבער די גאסן.

„דער גאַנצער אייזנבאַן־פאַרקער איז אָפּגעשטעלט“.

און דעם 27טן יולי באריכטעט די איווינג פּאָסט:

„די פאַרזאַמלונג, וואָס די קאָמוניסטן האָבן גערופן אין מאַרקעט סטריט, איז אָפּגעבראָכן געוואָרן פון דער פּאָליציי נאָך א שלאַכט, אין וועלכער שטיינער, דובינקעס, אייזנס און קוילן זיינען באַנוצט געוואָרן.

„ארום 7 אזייגער אין אָוונט האָט אויף 16טער און האַלסטעד סטריט זיך אָנגעהויבן א בלוטיקער רייאָט. דער המון האָט גובר געווען די פּאָליציי, וועלכע איז געצוואונגען געווען צו זוכן שוץ אין דעם „ראונד־הויז“ פון דער „שיקאַגאָ, בערלינגטאָן און קווינסי“ אייזנבאַן ליניע“.

דער סטרייק, וואָס ארום 40 אייזנבאַן־ארבעטער האָבן אָנגעהויבן אין א קליין שטעטל, אין וועסט ווירדזשיניא, האָט אין א פּאָר טעג ארומגע־

כאַפּט, ווי אַ פייער, דאָס גאַנצע לאַנד, און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גענעראַל סטרייק פון אייזנבאַן־אַרבעטער — דער ערשטער גענעראַל סטרייק אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

פון ניו יאָרק ביז סאַן פראַנציסקאָ האָט געפלאַקערט דער קאַמף צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל; וואָרים דער אייזנבאַן סטרייק איז געווען מער ווי אַ סטרייק פון אַרבעטער פון אַן אינדוסטריע — דאָס איז געווען אַ באַוואָפנטער אויפשטאַנד פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן האָבן טאַקע גוט פאַרשטאַנען, אַז זיי קעמפן פאַר די סאַמע יסודות פון דער קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט אין אַמעריקע און האָבן געמאַכט אַלע הכנות פאַר אַ נייעם בירגער־קריג. אַ קורצע טעלעגראַמע פון סאַן־פראַנציסקאָ אין דער איוונינג פּאָסט וואַרפט אַ ליכט אויף די „הכנות" וואָס די קאַפּיטאַליסטן האָבן געמאַכט:

„נעכטן אָונט, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין „טשיימבער אָוו קאַמערס" אַ גרויסער מיטינג פון די פּראָמינענטסטע בירגער פון סאַן־פראַנציסקאָ.

„עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו אָרגאַניזירן אַ קאָמיטעט פון בירגער, וואָס זאָל קאָאָפּערירן מיט דעם מיליטער און מיט דער פּאָליציי, אין פאַל דאָס וועט זיין נויטיק. אַ קאָמיטעט פון 24 איז אויסגעקליבן געוואָרן צו אָרגאַניזירן די בירגער."

מיר האָבן שוין דערמאָנט אַז דער אויפשטאַנד פון די אַרבעטער אין פּיטסבורג איז אונטערדריקט געוואָרן, ווען די בורזשואַזיע פון שטאָט האָט זיך אָרגאַניזירט און געשאַפן אַ פאָנד פון צענדליקער טויזנטער דאָלאַר צו באַקעמפן די סטרייקערס. אַזעלכע „זיכערקייט־קאָמיטעטן" און „קאָמיטעטן צו קאָאָפּערירן מיט דעם מיליטער און דער פּאָליציי" זיינען געשאַפן געוואָרן אין אַלע שטעט און שטעטלעך, וואו דער קאַמף איז געפירט געוואָרן.

דער ערשטער אויפשטאַנד פון אַרבעט קעגן קאַפּיטאַל אין אַמעריקע איז דערשטיקט געוואָרן. די אַרבעטער זיינען נאָך געווען צו שוואַך זיך צו פאַרמעסטן אין כחות מיט דעם אַמעריקאַנעם קאַפּיטאַל. די קאַפּיטאַליסטן האָבן געהאַט אין זייערע הענט די מלוכה־מאַכט; די אַרבעטער אָבער האָבן ניט פאַרמאָגט קיין צענטראַליזירטע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל אָנפירן זייער קאַמף, וואָס זאָל אריינטראָגן קלאָרקייט, אויסגעהאַלטנקייט און פּלאַנמעסיקייט אין דעם קאַמף.

נייע בלוטיקע קאַמפן צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל אין אַמעריקע האָבן נאָכגעפאָלגט אָט־דעם ערשטן רעוואָלט פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער. ניט ריכטיק איז די פאַרזיכערונג וואָס מען הערט אָפט אין רעפאָרמיסטישע קרייזן, אַז די אַמעריקאַנער אַרבעטער האָבן ניט קיין רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס. די אָפיציעלע אַרבעטער פירערשאַפט זוכט צו פאַרשווייגן די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט. די רעוואָלוציאָנערע, קלאַסן־באַוואוסטזיניקע אַרבעטער פון אַמעריקע דערמאָנען מיט ערע און אַכטונג די ערשטע מוטיקע קעמפער קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

די מאַרטירער פון שיקאַגאָ

אויף דעם שיקאַגאָ היי־מארק, אויף ראנדאלף, צווישן דעספליינס און האלסטעד גאסן, האָט דעם 4טן מאַי, 1886, זיך אָפּגעשפּילט איינע פון די גרויסע דראַמעס פון קלאַסנקאַמף און קלאַסנהאַס אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די הויפּט העלדן אין דער דאָזיקער דראַמע זענען געווען: ערשטנס, די בעסטע און די איבערגעגעבנסטע פאָרשטייער פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג אין די אַכציקער יאָרן, די פירער פון דעם קאַמף אין שיקאַגאָ פאַר אַן אַכט־שעה׳דיקן אַרבעט־טאָג; צווייטנס, די פאַרקערפּערונג פון דער ברוטאַלער פּאָליציי־מאַכט פון אַמע־ריקאַנעם קאַפּיטאַליזם, קאַפּיטאַן באָנפילד און זיינע געהילפן פון שיקאַגאָער פּאָליציי דעפּאַרטמענט.

די פּאַסירונגען אין שיקאַגאָ דעם 3טן און 4טן מאַי, 1886, זיינען מיט בלוט פאַרשריבן אין דער געשיכטע פון דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף אין די פאַראייניקטע שטאַטן; די דאָזיקע פּאַסירונגען זיינען געשען אין אַזאַ עפּאָכע, ווען די אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג, צוזאַמען מיט דער באַוועגונג פון די אַרבעטער איבער דער גאַנצער וועלט, איז געווען דורכ־געדרונגען מיט רעוואָלוציאָנערע טענדענצן און רעוואָלוציאָנערע אידעאַלן. אין אַ קאָנקרעטער, פּראַקטישער פאָדערונג, די פאָדערונג פאַר אַן אַכט־שעה׳דיקן אַרבעט־טאָג, האָט דער רעוואָלוציאָנערער גייסט פון די אַמערי־קאַנער אַרבעטער דעמאָלט געפונען זיין אויסדרוק; די באַוועגונג פאַר אַן אַכט־שעה׳דיקן אַרבעט־טאָג האָט אַרומגעכאַפּט די ברייטע מאַסן אַמערי־קאַנער אַרבעטער, דורכגעדרונגען זיי מיט דעם גייסט פון פּראָלעטאַרישער איניקייט, אָנגעצונדן זיי מיט ענטוזיאַזם, מיט רעוואָלוציאָנערער באַ־גייסטערונג.

פאַר אָט דער באַוועגונג האָבן די אַמעריקאַנער אַרבעטער באַצאָלט דעם קאַפּיטאַליזם אַ בלוטיקן פּרייז — די שיקאַגאָ היי־מאַרקעט קרבנות.

ענדערונגען אין די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין די אַכציקער יאָרן.

דער אָנהויב פון די אַכציקער יאָרן עפנט אַ נייעם פּעריאָד פון אינ־דוסטריעלער אויסברייטונג און פּראָספּעריטי אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

דער גרויסער קריזיס פון די זיבעציקער יאָרן האָט זיך אויסגעלעבט. אָנ־הויב 1880 הויבן זיך אָן די רעדער פון אַמעריקאַנער אינדוסטריע בים־לעכווייז צו באַוועגן, און אין די נעקסטע פאַר יאָר זיינען שוין אין דער אינדוסטריע באַשעפטיקט, לויט בראַדסטריטס סטאַטיסטישע חשבונות, מיט אַ צענט־חלק מער אַרבעטער, ווי אין 1880.

איינער פון די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דעם נייעם פעריאָד, איז די פאַרוואַנדלונג פון דער פּראָדוקציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין אַ מאַשין־פּראָדוקציע. די פאַבריק־סיסטעם פון פּראָדוקציע איז אין די אַכציקער יאָרן געוואָרן די הערשנדע אין אַמעריקע. דאָס קען מען זען פון דעם, ווי עס איז געוואַקסן די פּראָדוקציע פון מאַשינען. דער קאַפּיטאַל, וואָס איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין דער פּראָדוקציע פון מאַשינען, איז צווישן 1880 און 1890 פאַרגרעסערט געוואָרן אויף צוויי און אַ האַלב מאָל. די צאָל „פּעטענטס", וואָס די פּעטענט־ביוראָ פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט אַרויסגעגעבן, איז פאַרגרעסערט געוואָרן פון אַרום דרייצן טויזנט אַ יאָר אין די זיבעציקער יאָרן צו אַרום איין־און־צוואַנציק טויזנט אַ יאָר אין די אַכציקער יאָרן.

די נייע פּראָדוקציע־פאָרמען, די מאַשין־אינדוסטריע און די פעקטאָרי־סיסטעם האָבן געפירט צו דעם, אַז די צאָל ניט־קוואַליפיצירטע אַרבעטער זאָל שטאַרק אויסוואַקסן. אַט־דעם אַרבעטער־רעזערוו האָט די פאַבריק געשעפּט פון דאָרף און אויפן חשבון פון דאָרף.

אין די זיבעציקער יאָרן האָט די באַפעלקערונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן זיך פאַרגרעסערט אויף 11,600,000 נפשות. פון אַט־דעם צוואַוואוקס האָט די באַפעלקערונג פון די שטעט מיט העכער 8,000 איינוואוי־נער געקראָגן נאָר 1.6 פּראָצענט. אין די אַכציקער יאָרן איז דער באַפעל־קערונג־צוּוואוּקס געווען 12,000,000 נפשות, און אויף אַט־די שטעט האָט זיך אָנגענומען 6.6 פּראָצענט. די שטעט האָבן אָנגעהויבן וואַקסן אויפן חשבון פון דער פאַרם.

אַ צווייטער קוואַל, פון וועלכן די פעקטאָרי האָט געשעפּט איר רעזערוו פון ניט־קוואַליפיצירטע אַרבעטער, איז געווען די אימיגראַציע. די אַכציקער יאָרן זיינען געווען די באַנער־יאָרן פאַר אימיגראַציע. די צאָל אימיגראַנטן, וואָס זיינען אין אַט־דעם צענדליק יאָרן אָנגעקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט דערגרייכט 5,246,613, מיט צוויי און אַ האַלב מיליאָן מער, ווי די צאָל אימיגראַנטן וואָס זיינען אָנגעקומען אין די זיבעציקער יאָרן. אַט־די גרויסע צאָל איינגעוואַנדערטע אַרבעטער איז געווען געצוואונגען

צו לויפן אין פאַבריק און אָננעמען די באַדינגונגען, וואָס די קאַפּיטאַליסטן האָבן דיקטירט. קיין אַנדער אויסוועג האָבן די אימיגראַנטן ניט געהאַט. די ניט־באַזעצטע טעריטאָריע אין דער וועסט, וואָס פלעגט פריער איינשלינגען דעם גרעסטן טייל אימיגראַנטן, איז אין אָנהויב פון די אַכציקער יאָרן אַזוי גוט ווי פאַרשוואונדן. דער אימיגראַנט האָט שוין כמעט ניט געקאָנט ווערן אַ פּיאָנער־פאַרמער אין דער וועסט. זיין אַרבעט־קראַפט אין שטאָט, אין פאַבריק, איז געוואָרן דער איינציקער קוואַל פון זיין חיונה.

דער גערדאַנג פון די ניט־קוואַליפיצירטע אַרבעטער זיך צו אָרגאַניזירן און די נייטס אָוו לייבאָר

די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין אָנהויב פון די אַכציקער יאָרן זיינען באַשטאַנען כמעט אויסשליסלעך פון קוואַליפיצירטע אַרבעטער. די פאָרם פון אָרגאַניזאַציע איז געווען די פאַך־יוניאָן, וואָס איז געווען איינגעשלאָסן אין די דלד־אמות פון דעם פאַך און זיך ווייניק געקימערט פאַר די אינטערעסן פון די אַרבעטער פון אַנדערע פאַכן. בעסערע באַדינגונגען פאַר דעם פאַך איז געווען די איינציקע אויפגאַבע, וואָס די פאַך־יוניאָן האָט זיך געשטעלט. אין די יאָרן פון פּראָספּעריטי האָט די פאַך־יוניאָן באַוויזן אַרויסצוקריגן בעסערע באַדינגונגען פאַר אירע מיטגלידער. די פאַך־יוניאָנס, וואָס זיינען כמעט פאַרשוואונדן אין די קריזיס־יאָרן פון 1873-1879, האָבן ווידער אויפגעלעבט אין אָנהויב פון די אַכציקער יאָרן.

די דאָזיקע יוניאָנס האָבן אָבער געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די מאַסן ניט־קוואַליפיצירטע אַרבעטער. ניט נאָר האָבן זיי ניט געמאַכט אַ פּאַרזוך צו אָרגאַניזירן אָט־די מאַסן אַרבעטער, נאָר זיי האָבן געקוקט אויף זיי ווי אויף אַ געפאַר פאַר די אינטערעסן פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער. דער פאַקט, וואָס גרויסע מאַסן ניט־קוואַליפיצירטע אַרבעטער זיינען געווען אימיגראַנטן, האָט נאָך פאַרשטאַרקט דעם אַנטאַגאַניזם צווישן אָט־די צוויי שיכטן פון אַרבעטער־קלאַס. פרידריך ענגעלס, אין אַ בריוו צו שלייטערן, כאַראַקטעריזירט די צעטיילונג אין דעם אַמעריקאַנער אַרבעטער־קלאַס אין די פאָלגענדע ווערטער:

„מיר שיינט, אַז אייער גרויסע שטערונג אין אַמעריקע איז די פּריווילעגירטע לאַגע פון די איינגעבאָרענע אַרבעטער. ביז 1848 איז אַ פּערמאַנענטער אַרבעטער־קלאַס פון איינגעבאָרענע געווען גיכער אַן אויסנאַם, ווי אַ כלל. די קליינע צאָל איינגעבאָרענע אַרבעטער אין די שטעט

פון די מזרח־שטאַטן האָבן נאָך אַלץ געקענט האָפן צו ווערן פאַרמערס אָדער מיטגלידער פון דער בורזשואַזיע. אָן אַרבעטער־קלאַס האָט זיך איצט אַנטוויקלט און אין אַ גרויסער מאָס זיך אָרגאַניזירט אין טרייד יוניאָנס. אָבער ער פאַרנעמט נאָך אַלץ אַן אַריסטאָקראַטישע פּאָזיציע און לאָזט איבער די שלעכט־באַצאָלטע פאַכן צו די אימיגראַנטן, פון וועלכע בלויז אַ קלענער פּראָצענט טרעט אַריין אין די יוניאָנס. די דאָזיקע אימיגראַנטן זיינען אָבער צעטיילט אין נאַציאָנאַליטעטן, וואָס פאַרשטייען זיך ניט איינע דער אַנדערער און פאַרשטייען ניט אין די מערסטע פאַלן די שפּראַך פון לאַנד. אייער בורזשואַזיע פאַרשטייט אפילו בעסער ווי די עסטרייכישע רעגירונג, ווי אַזוי אויפצושפּילן איין נאַציאָנאַליטעט קעגן דער צווייטער... אין ניו יאָרק עקזיסטירן פאַרשיידנקייטן אין דעם לעבנס־מצב פון די אַרבעטער, וועגן וועלכע עס קאָן אפילו ניט זיין קיין פראַגע ערגעץ אַנדערשוואו...“

די לאַגע פון די ניט־קוואַליפיצירטע און האַלב־קוואַליפיצירטע אַרבעטער איז געוואָרן נאָך ערגער אין משך פון דער דעפּרעסיע, אין 1883-1885. כאָטש אַרבעטלאָזיקייט איז אין פאַרלויף פון דעם דאָזיקן קריזיס ניט געווען אַזוי אַלגעמיין, ווי אין דעם גרויסן קריזיס פון די זיבעציקער יאָרן, האָבן אָבער די באַלעבאַטים אויסגענוצט דעם שטילשטאַנד אין דער אינדוסטריע צו שניידן די שכירות, וואָס אַרבעטער קריגן. די פאַרעפנטלעכע ציפערן ווייזן, אַז דורכשניטלאַך זיינען שכירות געשניטן געוואָרן אויף פופצן פּראָצענט; די שכירות פון די ניט־קוואַליפיצירטע אַרבעטער זיינען אָבער אין אַ סך אינדוסטריען געשניטן געוואָרן אַזוי גרויס, ווי אויף פערציק פּראָצענט. אין דעם באַריכט, וואו אָט־די ציפערן זיינען פאַרעפנטלעכט ווערט ווייטער דערקלערט:

„צווישן די לוין־אַרבעטער, איז די פאַרקלענערונג פון שכירות געווען אַמערסטן גרויס דאָרט, וואו עס האָבן ניט עקזיסטירט קיין אינדוסטריעלע אָרגאַניזאַציעס, אָדער וואו די אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען שוואַך. דאָרט, וואו טרייד יוניאָניזם איז אַמשטאַרקסטן, האָבן געשריבענע קאָנטראַקטן און אַ פאַראייניקטער ווידערשטאַנד געווירקט אָף אָפּצושטעלן די טענדענץ פון פאַרקלענערן די שכירות.“

אָט דער גרויסער אונטערשייד אין דער לאַגע פון די אָרגאַניזירטע און ניט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער האָט געגעבן אַ שטויס די לעצטע זיך אָנצוהויבן צו אָרגאַניזירן. אין דער דאָזיקער באַוועגונג צו אָרגאַניזירן די ניט־אָרגאַניזירטע מאַסן פון אומקוואַליפיצירטע אַרבעטער איז אויסגעוואַקסן

די ערשטע מאסן־אָרגאַניזאַציע פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער, די ריטער פון אַרבעט — „נייטס אָוו לייבאָר".

די נייטס אָוו לייבאָר איז פון אָנהויב געווען אַ געהיימער אַרבעטער־אָרדן, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1869 אין פילאַדעלפיע פון אַ צאָל שניידער־אַרבעטער מיט אוריאַ סמיט אין דער שפּיץ. פרידריך ענגעלס כאַראַקטעריזירט די נייטס אָוו לייבאָר ווי אַן אָרגאַניזאַציע, „וועמעס פאַר־פלאָנטערטע פּרינציפּן און לעכערלעכע אָרגאַניזאַציע־פאָרם אַנטשפּרעכן, ווייזט אויס, דער פאַרפלאָנטערטקייט פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער". די נייטס אָוו לייבאָר האָבן זיך אָבער אונטערשיידט פון די אַנדערע אַרבעטער־יוניאָנס פון יענער צייט דערמיט, וואָס די פירער האָבן געגלויבט אין דער סאָלידאַרישקייט פון די אַרבעטער אַלס קלאַס. זיי האָבן געגלויבט אין איין מעכטיקער אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקאַנעם אַרבעטער־קלאַס אָן אונ־טערשייד צווישן קוואַליפיצירטע און ניט־קוואַליפיצירטע אַרבעטער, מענער אָדער פרויען, ווייסע אָדער שוואַרצע. זיי האָבן אויך געגלויבט אין קלאַסן־קאַמף, אין דעם גרונטרים צווישן די אינטערעסן פון די אַרבעטער און די קאַפּיטאַליסטן.

די נייטס אָוו לייבאָר זיינען געוואָרן די פירער פון דער באַוועגונג פון די ניט־קוואַליפיצירטע אַרבעטער זיך צו אָרגאַניזירן. זיי האָבן אָנגעפירט אין די יאָרן 1883 — 1885 אַ גרויסע צאָל סטרייקס פון די ניט־קוואַלי־פיצירטע און האַלב קוואַליפיצירטע אַרבעטער. די דאָזיקע סטרייקס, ווי דער סטרייק פון די פראַכט־אַרבעטער אויף די ניו יאָרקער אייזנבאַנען, דער סטרייק פון די ציגל־מאַכער אין שיקאַגאָ, דער סטרייק אויף גולד'ס אייזנ־באַן־ליניעס האָבן פּאָפּולער געמאַכט דעם אָרדן צווישן די ברייטסטע שיכטן פון די אַרבעטער־מאַסן אין אַמעריקע.

די סטרייקס, וואָס די נייטס אָוו לייבאָר האָבן געפירט, האָבן אין יעדן וויכטיקן קאַמף געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ סאָציאַלער מלחמה. „אַר־בעט און קאַפּיטאַל האָבן זיך באַגעגנט אין אַ קאַמף אויף לעבן און טויט", דערקלערט אַ רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף אַ קאָנ־וועגשאָן פון די אַרבעטער פון גולדס אייזנבאַן־ליניעס אין דער צייט פון דעם סטרייק אויף דער וואַבאַש אייזנבאַן, און די אַרבעטער פאַרפליכטן

זיך צו העלפן די סטרייקער מיט „אונזער סימפּאַטיע און געלט און...
אונזערע לעבנס, אויב דאָס וועט זיין נויטיק".

באַוועגונג פאַר אַן אַכט שעה־דיקן אַרבעטס־טאָג

די קוואַליפיצירטע אַרבעטער האָבן באַטראַכט די טעטיקייט פון די נייטס אָוו לייבאָר אַלס אַ שטערונג אין זייער אייגענער אַנטוויקלונג, אַלס אַ פאַרזוך צו ברענגען די קוואַליפיצירטע אַרבעטער צו דעם, אַז זיי „זאָלן אַראָפּזינקען צו דער מדרגה פון בעטלער־אַרבעטער". אין 1881 האָבן אַ צאָל פירער פון די טרייד־יוניאָנס פון קוואַליפיצירטע אַרבעטער פאַרופן אַ קאָנוועַנשאָן פון פאַרטרעטער פון יוניאָנס צו גרינדן אַן אָרדן אין אָפּאָזיציע צו די נייטס אָוו לייבאָר. די קאָנווענשאָן איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין טערע־האוט, אינדיאַנאַ. די פאַרטרעטער פון די יוניאָנס האָבן באַשלאָסן צו רופן דעם זעלביקן יאָר אַ צווייטע קאָנווענשאָן, וואָס זאָל אָפּגעהאַלטן ווערן אין פּיטסבורג. אין פּיטסבורג איז געגרינדעט געוואָרן די פעדעראַציע פון טרייד־ און לייבאָר־יוניאָנס פון אַמעריקע און קאַנאַדע, פון וועלכער עס איז מיט פינף יאָר שפּעטער אַרויסגעוואַקסן די אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר. די דאָזיקע פעדעראַציע האָט זיך געשטעלט אויפ'ן שטאַנדפּונקט פון „פּיור ענד סימפּל" יוניאָניזם.

קיין גרויסן דערפאָלג האָט אָבער די פעדעראַציע ניט געהאַט אין די ערשטע יאָרן אפילו צווישן די קוואַליפיצירטע אַרבעטער. פאַר די פירער פון דער פעדעראַציע איז געוואָרן קלאָר, אַז די אָרגאַניזאַציע וועט לאַנג ניט קאָנען לעבן, אויב זי וועט פאַרבלייבן אָפּגעריסן פון די מאַסן. און אויף דער קאָנווענשאָן פון דער פעדעראַציע, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין שיקאַגאָ, אין אָקטאָבער 1884, איז באַשלאָסן געוואָרן אויפצולעבן די פעדעראַציע דורך דעם, וואָס זי זאָל איבערנעמען די פירערשאַפט אין אַ נאַציאָנאַלער באַוועגונג פאַר אַן אַכט שעה'דיקן אַרבעטס־טאָג. דעם קאַמף האָט מען געזאָלט דורכפירן אין דער פאָרם פון אַ גענעראַל־סטרייק.

די באַוועגונג פאַר אַן אַכט שעה'דיקן אַרבעטס־טאָג איז ניט געווען ניי אין די פאַראייניקטע שטאַטן. שוין אין די זיבעציקער יאָרן איז די דאָזיקע באַוועגונג געווען שטאַרק פּאָפּולער צווישן די אַרבעטער. אין 1872 און 1873 זיינען אין ניו יאָרק און אין אַ סך אַנדערע אַרבעטער־צענטערן פאָרגעקומען גרויסע דעמאָנסטראַציעס פאַר דער פאָדערונג פון אַן אַכט שעה'דיקן אַרבעטס־טאָג. די באַוועגונג איז דעמאָלט געווען אַזוי שטאַרק, אַז אַ צאָל שטאַט־לעגיסלאַטורן זיינען געווען געצוואונגען אָנ־

צונעמען געזעצן, וואָס פירן איין דעם אכט שעה'דיקן ארבעטס־טאָג פאַר די רעגירונגס־אָנגעשטעלטע. די דאָזיקע געזעצן זיינען אָבער פאַרבליבן בלויז אויפ'ן פאַפיר. דער לאָזונג פון דער פעדעראַציע פון טרייד און לייבאָר יוניאָנס: אַן אכט־שעה'דיקן ארבעטס־טאָג פאַר די אַמעריקאַנער ארבעטער ביי דעם ערשטן מאי 1886, האָט באַלד געפונען א טיפן אָפקלאַנג אין די מאַסן.

אמת, די פירער פון די נייטס אָוו לייבאָר זיינען ניט געווען באַ־גייסטערט פאַר דער דאָזיקער באַוועגונג. אייניקע פון זיי זיינען אפילו געווען פיינטלעך געשטימט צו דער באַוועגונג. פּאַודערלי, דער פירער פון די נייטס אָוו לייבאָר האָט ערב דעם אָנהויב פון דעם גענעראַל סטרייק פאַר דעם אַכט־שעה'דיקן ארבעטס־טאָג, דעם 13טן מערץ, 1886, ארויסגעגעבן א געהיימען צירקולאַר, אין וועלכן ער האָט געראַטן, אז די נייטס אָוו לייבאָר זאָלן זיין פאָרזיכטיק און זיך ניט איילן צו באַטייליקן אין דעם סטרייק. די מאַסן מיטגלידער פון די נייטס אָוו לייבאָר זיינען אָבער געווען אוועק־געטראָגן מיט דער כוואַליע פון באַגייסטערונג, וואָס האָט ארומגעכאַפּט די ארבעטער פאַר אָט דעם לאָזונג. זיי האָבן געקוקט אויף דער דאָזיקער פאָדערונג, ווי אויף דער אישו, ארום וועלכער עס דאַרפן אויסגעקעמפט ווערן די ערשטע אַלגעמיינע שלאַכט צווישן ארבעט און קאַפּיטאַל. אַזוי האָבן אויך געקוקט אויף דער אישו די אָרגאַניזערס פון די נייטס אָוו לייבאָר, וועלכע זיינען געווען נאָענטער פאַרבונדן מיט די מאַסן און האָבן געוואוסט זייערע שטימונגען. די אַלגעמיינע פאַרדאַמונג פון דער דאָזיקער באַוועגונג אין דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע האָט בלויז פאַרשטאַרקט דעם גלויבן פון די ארבעטער אין דער באַוועגונג.

די צוגרייטונג־ארבעט פאַר דעם אַלגעמיינעם סטרייק האָט זיך אָנ־געהויבן אין מערץ 1886. דער וויכטיקסטער ארגומענט פאַר דעם סטרייק איז געווען, אַז דער קירצערער ארבעט־טאָג וועט מעגלעך מאַכן פאַר די ארבעטלאָזיקע צו קריגן ארבעט. די אָנפירונג פון דעם סטרייק איז איבער־געלאָזן געוואָרן אין די הענט פון די לאָקאַלע יוניאָנס. די צאָל ארבעטער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דעם סטרייק, איז קיינמאָל ניט פעסטגע־שטעלט געוואָרן. בראַדסטריטס גיט אָן א ציפער פון 340,000 ארבעטער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער באַוועגונג פאַר אַן אכט־שעה'דיקן ארבעט־טאָג, פון וועלכע ארום 200,000 האָבן די פאָדערונג געוואונען.

די געשעענישן אין שיקאַגאָ

דער צענטער פון דעם סטרייק איז געווען שיקאַגאָ, וואו אכציק טויזנט

אַרבעטער האָבן געוואָרפן די אַרבעט פאַר דער פאָדערונג פון דעם אַכט־שעהדיקן אַרבעט־טאָג. די נשמה פון דער באַוועגונג איז געווען די סענטראַל לייבאָר יוניאָן, וואָס איז געשטאַנען זייער נאָענט צו די אַנאַר־כיסטיש־סינדיקאַליסטישע גרופּן, וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן צוויי צייטונגען: דעם אַלאַרם אין ענגליש און די אַרבעטער צייטונג אין דייטש. דער רעדאַקטאָר פון דער ענגלישער צייטונג איז געווען אַלבערט פּאַרסאָנס, אַ מיטגליד פון די נייטס אָוו לייבאָר, און איינער פון די בעסטע רעדנער און פּייאיקסטע אָרגאַניזירער פון דער אַרבעטער באַוועגונג. מען זאָגט, אַז אין די עלף יאָר, פון 1875, ווען ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, ביז 1886, האָט ער אַדרעסירט העכער טויזנט מאַסן־מיטינגען.

דער רעדאַקטאָר פון דער דייטשער אַרבעטער צייטונג איז געווען אויגוסט שפּיז, אַ דייטשער אימיגראַנט, וועלכער איז געקומען אין אַמעריקע אין 1872. ער איז געווען פאַרבונדן מיט דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג פריער אַלס טוער פון דער ס. ל. פּ. און שפּעטער אַלס פילאָזאָפישער אַנאַרכיסט.

די דאָזיקע צוויי זיינען געווען די פּראָמינענטסטע און איינפלוסרייכסטע פירער פון דער באַוועגונג אין שיקאַגאָ פאַר דעם אַכט־שעהדיקן אַרבעט־טאָג. בכלל זיינען זיי געווען שטאַרק פּאָפּולער אין דער אַמעריקאַנער אַר־בעטער־באַוועגונג.

שוין די צוגרייטונג צו דעם סטרייק האָט אין שיקאַגאָ אָנגענומען דעם אויסזען פון אַן אָפענער מלחמה צווישן די אַרבעטער און דער פּאָליציי. אָפּברעכן מיטינגען און שלאָגן אַרבעטער זיינען געוואָרן די טאָג־טעגלאַכע דערשיינונגען אין שטאָט.

גאָווערנאָר אַלטגעלט אין זיין, די אורזאַכן פאַר באַפּרייען פילדען, שוואַב און נעבע ברענגט אַ צאָל געשוואָרענע דערקלערונגען פון שיקאַגאָ איינוואוינער וועגן דעם ברוטאַלן בושעווען פון דער פּאָליציי אין די חדשים פאַר דעם אַלגעמיינעם סטרייק.

דער העלד פון דעם פּאָליציי־טעראָר אין שיקאַגאָ איז געווען דער פּאָליציי־קאַפּיטאַן באָנפילד. טשאַרלס עדוואַרד ראָסעל, וועלכער איז דעמאָלט געווען אַ רעפּאָרטער פון אַ שיקאַגאָער קאַפּיטאַליסטישער צייטונג, דער־ציילט אין זיינע דערינערונגען וועגן אָט דעם טרויעריק־באַרימטן העלד פון דער היי־מאַרקעט טראַגעדיע:

„אַ פעסט־געבויטער, אַנטשלאָסענער שטאַרקער מאַן, אַן אכזר, האָט

> באנפילד זיך ארויסגערוקט צום פראָנט הויפּטזעכלעך א דאנק זיין פּי־זישער קראפט און אומדערשראָקענער מוט, ווארים פארשטאנד האָט ער געהאט ווייניק... ער האָט געשפּאָלטן אלע קעפּ, וואָס זיינען אים גע־קומען אונטערן האנט און נאָכדעם פלעגט ער דערקלערן, אז רו איז איינ־געשטעלט געוואָרן און דער סטרייק איז געבראָכן. איך געדיינק גוט א בילד, ווען איך האָב אים געזען אין דעם סטריט־קאר סטרייק אין 1885. זיין דובינקע האָט געהאָגלט קלעפּ רעכטס און לינקס; מענטשן זיינען געפאלן ווי די סנאָפּעס, שרעקלעך צוקאליעטשעט.”

דעם ערשטן מאַי 1886, האָט זיך אָנגעהויבן דער סטרייק פאַר דער פאָדערונג פון דעם אַכט־שעהדיקן אַרבעט־טאָג. די שטימונג, סיי פון די אַרבעטער, סיי פון דער בירגערלעכער באַפעלקערונג איז געווען אַן אָנ־געשטרענגטע. דעם שבת פון דעם ערשטן מאַי איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ ריזיקע דעמאָנסטראַציע, אין וועלכער עס האָבן אַנטייל גענומען אַרום 25 טויזנט אַרבעטער. באַנפילד מיט זיינע אַרויסהעלפער האָט זיך אַליין איבערשטיגן מיט זיינע ברוטאַלע מעשים. גאָווערנאָר אַלטגעלט דער־קלערט, אַז די באָמבע וואָס איז געוואָרפן געוואָרן דעם פערטן מאַי איז געווען אַן אַקט פון פערזענלאַכער נקמה קעגן באַנפילד מיט זיינע פּאָלי־ציאַנטן, כאָטש די טעאָריע, אַז דאָס איז געווען אַ פּראָוואָקאַציע צו ברעכן דעם גרויסן סטרייק, שיינט צו זיין מער באַרעכטיקט.

דעם ערשטן טאָג פון דעם גענעראַל־סטרייק האָבן פערציק טויזנט אַרבעטער אין שיקאַגאָ געוואָרפן די אַרבעט און די צאָל אַרבעטער וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסן אין סטרייק איז געוואַקסן מיט יעדן טאָג. אין פיר טעג צייט האָט די צאָל סטרייקער דערגרייכט העכער אַכציק טויזנט.

דער אַקטיווסטער עלעמענט צווישן די סטרייקער זיינען געווען די האָלץ־אַרבעטער; די יוניאָן פון די האָלץ־אַרבעטער איז געווען אָנגע־שלאָסן אָן דער סענטראַל לייבאָר־יוניאָן און אַרום צען טויזנט אַרבעטער פון טרייד האָבן גלייך פון ערשטן טאָג זיך אָנגעשלאָסן אין סטרייק.

דעם 3טן מאַי האָט אַ גרופּע פון די סטרייקענדיקע האָלץ־אַרבעטער אָפּגעהאַלטן אַ מיטינג לעבן מעקאָרמיק'ס פאַבריק פון לאַנדווירטשאַפטלאַכע מאַשינען. אין דער דאָזיקער פאַבריק איז זינט פעברואַר אָנגעגאַנגען אַ לאָקאַוט אויף די אַרבעטער, וועלכע האָבן געפאָדערט, אַז די קאָמפּאַניע זאָל אָפּשטעלן אירע דיסקרימינאַציעס קעגן די אַנטיילנעמער און טוער פון אַ פריערדיקן סטרייק. שפּיז איז געווען דער רעדנער אויף דעם דאָזיקן מיטינג, און אין זיין אויטאָביאָגראַפיע דערציילט ער, אַז אין דער צייט,

ווען ער האָט געהאַלטן אין ריידן, האָבן די סטרייק־ברעכער פון מעקאָרמיק'ס פאַבריק אָנגעהויבן אַרויסצוקומען פון דער אַרבעט אין דער באַגלייטונג פון פינקערטאָן־דעטעקטיווס. עס האָט אויסגעבראָכן אַ געשלעג צווישן די סטרייקערס מיט די סטרייק־ברעכער און דעטעקטיווס. שטיינער האָבן געהאָגלט פון ביידע זייטן. באַלד איז אָנגעקומען פּאָליציי, און די סטרייקער האָבן זיי באַגעגנט מיט אַ האָגל שטיינער. אָן וועלכע עס איז וואָרנונג האָבן די פּאָליציאַנטן אָנגעהויבן שיסן אין די סטרייקער. פיר זיינען געפאַלן טויטע און אַ פּאָר צענדליק אַרבעטער זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן.

פול מיט צאָרן און אַנטריסטונג איז שפּיז אַוועק אין דער רעדאַקציע פון דער אַרבעטער צייטונג און האָט אָנגעשריבן אַן אויפרוף צו די שיקאַגאָער אַרבעטער, וואָס איז באַרימט געוואָרן אַלס דער „נקמה צירקולאַר". אין דעם אויפרוף האָט שפּיז באַנוצט די פראַזע: „אַרבעטער, באַוואָפנט זיך און קומט אין פולער קראַפט!" אויף דער פראַזע האָט די אָנקלאַגע שפּעטער געבויט איר גאַנצע באַשולדיקונג קעגן די אַנאַרכיסטן.

דעם נעקסטן טאָג, דעם 4טן מאַי, איז גערופן געוואָרן אַ מאַסן־מיטינג אויף היי־מאַרקעט סקווער צו פּראָטעסטירען קעגן די גרוילטאַטן פון דער פּאָליציי. מיר וועלן לאָזן דעם דעמאָלסטיקן מעיאָר פון שיקאַגאָ, קאַרטער ה. העריסאָן, וועלכער האָט בייגעוואוינט דעם מיטינג, דערציילן וועגן דעם, וואָס דאָרט איז פּאָרגעקומען:

„געווען נאָר איין טייל אין אָנהויב פון מר. שפּיזס רעדע" — דערציילט העריסאָן — „ווען אין משך פון אַ פּאָר מינוט האָב איך מורא געהאַט, אַז דער רעדנער וועט קומען צו אַ פּונקט, וואו איך וועל געצוואונגען זיין צו שליסן דעם מיטינג. אין אַלגעמיין אָבער איז דער כאַראַקטער פון דער פאַרזאַמלונג געווען אַזעלכער, אַז איך האָב באַמערקט צו קאַפּיטאַן באָנפילד, אַז עס איז זייער אַ רואיקער מיטינג. אין מר. פּאַרסאָנס רעדע האָט צוגעצויגן אויפמערקזאַמקייט די סטאַטיסטיק וועגן דעם חלק, וואָס אַרבעטער און קאַפּיטאַליסטן באַקומען; דער רעדנער האָט באַוויזן, אויב איך געדענק ריכטיק, אַז קאַפּיטאַל קריגט 85 פּראָצענט און די אַרבעטער 15 פּראָצענט. איך האָט זיך אומגעקערט אין פּאָליציי־צירקל און געזאָגט באָנפילדן, אַז איך דיינק, אַז די רעדעס זיינען געענדיקט, אַז עס האָט קיין זאַך ניט פּאַסירט און עס וועט שוין קיין זאַך ניט פּאַסירן, וואָס זאָל פאָדערן אַריינמישונג. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך גלויב, אַז ער קאָן הייסן די רעזערוון פון די אַנדערע פּאָליציי־צירקלען גיין אהיים."

באַנפילד האָט אָבער ניט אויסגעפאָלגט די פאָראָרדענונג פון מעיאָר. אזוי גיך ווי דער מעיאָר איז אװעקגעגאַנגען, האָט באַנפילד באַפוילן דעם פּאָליציי־קאַפּיטאַן װארד צו צעטרייבן דעם עולם, וואָס איז נאָך פארבליבן ביי דעם מיטינג.

„עס איז געווען ארום 10 אזייגער" — דערציילט לעאָן לואיס אין זיין פאמפלעט וועגן די שיקאגער געשעענישן — „פילדען האָט אָנגע־הויבן ריידן. א שווארצער דראָענדער וואָלקן איז אָנגעקומען פון צפון און האָט אָנגעזאָגט אויף א רעגן. צוויי־דריטל פון די פארזאמלטע האָבן צוליב דעם פארלאָזן די פארזאמלונג. געבליבן זיינען בלויז א פּאָר הונדערט מענטשן, און זיי האָבן געהאלטן אין צעגיין זיך. „איך ענ־דיק באלד", — האָט פילדען געזאָגט, — „ווארט נאָך א מינוט". פונקט דעמאָלט האָבן צוויי הונדערט פּאָליציאַנטן זיך א לאָז געטאָן אָף דעם קליינעם עולם, וואָס איז פארבליבן.

„צוקומענדיק צום רעדנערס וואָגן, האָט קאפּיטאן וואַרד אויפגע־הויבן זיין שטעקן און האָט זיך געווענדעט צום רעדנער: „אין נאָמען פון פאָלק פון שטאַט אילינאָי באפעל איך אייך זיך צוגיין".

„קאַפּיטאן", — האָט פילדען געענטפערט, — „דאָ איז א פרייד־לעכע פארזאמלונג". וואַרד האָט געהייסן די פּאָליציאַנטן צעטרייבן דעם עולם. פונקט דעמאָלט האָט אויפגעריסן א באָמבע. א פּאָליציאַנט מיטן נאָמען דעגאַן איז דער'הרג'עט געוואָרן און ארום זעכציק מענטשן זיינען פארוואונדעט געוואָרן. די פּאָליציי האָט גלייך אָנגעהויבן שיסן אין די פארזאמלטע."

דער אויפרייס פון דער באָמבע אויף היי־מאַרקעט סקווער איז געווען דער סיגנאַל פאַר אַ פּאָליצייאישן טעראָר־קאַמפּיין קעגן די סטרייקער. מי־טינגען זיינען אָפּגעבראָכן געוואָרן, די אַרבעטער צייטונג האָט מען אוועק־געשטעלט אונטער דער צענזור פון דעם הויפּט פון דער פּאָליציי. די הויפּט־פירער פון דער באַוועגונג פאַר אַן אַכט־שעה'דיקן ארבעטס־טאָג זיינען אַרעסטירט געוואָרן.

דעם 17טן מאַי האָט די גרענד דזשורי אָנגעקלאָגט ניין אַרבעטער־פירער אַלס די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דעם טויט פון דעם פּאָליציאַנט דעגאַן, וועלכער איז דער'הרג'עט געוואָרן פון דער באָמבע. די אָנגעקלאָגטע זיינען געווען: שפּיז, שוואַב, פילדען, פּאַרסאָנס, פישער, ענגעל, ניבע, לינג און שנויבעט. שנויבעט האָט באַוויזן זיך אַרויסצודרייען פון די הענט פון דער פּאָליציי און אַנטלויפן קיין אויסלאַנד. פּאַרסאָנס, וועמען

די פּאָליציי האָט ניט באַוויזן צו אַרעסטירן, איידער ער איז אָפּגעפאָרן פון שיקאַגאָ, האָט זיך אומגעקערט צום משפט.

דער פינאַל

דער משפט איבער די אַכט אָנגעקלאָגטע אַרבעטער־פירער, איז געווען אַ פּאַרס; די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטישע גערעכטיקייט האָט באַוויזן, ווי זי קאָן דינען די אינטערעסן פון קאַפּיטאַל, פון קאַפּיטאַליסטישן קלאַסן־האַס. די דזשורי, וואָס האָט גע׳משפּט די אַרבעטער־פירער, איז געווען אויסגעשפּראָכן פּאַרטייאיש. יעדער איינציקער פון די דזשורי־לייט האָט אָפן דערקלערט, אַז ער האָט פאָראורטיילן קעגן אַנאַרכיסטן, סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן.

שוין דער צוזאַמענשטעל פון דער דזשורי איז גענוג צו באַווייזן, אַז דער משפט איז געווען אַן אַקט פון נקמה. דער ריכטער פון פּראָצעס, גערי, האָט באַשטימט איינעם, רייס, אַז ער זאָל אויסקלייבן מענטשן פאַר דער דזשורי, וועמען ער וועט געפינען פאַר פּאַסיק. גאָווערנאָר אַלטגעלט דערקלערט אין זיין שריפט, אַז ער האָט געשוואָרענע סטייטמענטס, אַז רייס האָט זיך באַרימט: „איך פיר אָן דעם דאָזיקן פּראָצעס; איך ווייס וואָס איך טו. די חברה־לייט וועלן הענגען אַזוי זיכער ווי טויט. איך רוף פאַר דער דזשורי אַזעלכע מענטשן, וואָס זיי וועלן זיין געצוואונגען צו טשאַלענדזשען, און ווען זיי האָבן אויסגענוצט אַלע זייערע טשאַלענדזשעס, וועלן זיי מוזן אָננעמען אויף דער דזשורי מענטשן, וואָס וועלן זיין פאַר אונז צופרידענשטעלנד".

דער משפט האָט זיך אָנגעהויבן דעם 21טן יוני און האָט געדויערט ניין־און־פערציק טעג. רייס׳עס פּראָגראַם פון צוזאַמענשטעלן די דזשורי איז דורכגעפירט געוואָרן גאַנץ גענוי. די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע איז געקומען צו הילף צו שאַפן שטימונג קעגן די אָנגעקלאָגטע. טאָג איין טאָג אויס האָבן די צייטונגען געוואָרפן אַ שרעק אויפ׳ן באַלעבאַטישן עולם מיט גרויסע שרעקענדיקע „קעפּ" וועגן אַנאַרכיסטישע גוואַלדטאַטן; טאָג איין טאָג אויס האָבן זיי געפאָדערט, אַז די אָנגעקלאָגטע זאָלן פאַר׳משפט ווערן, כאָטש מען האָט קיין איין באַוויז ניט געבראַכט, אַז די אָנגעקלאָגטע האָבן געהאַט צו טאָן מיט׳ן וואַרפן די באָמבע.

די דזשורי און דער ריכטער האָבן בשלימות געטאָן די אַרבעט, פאַר וועלכער זיי זיינען באַשטימט געוואָרן. די דזשורי האָט געפונען די אַכט אָנגעקלאָגטע שולדיק און ריכטער גערי האָט פאַר׳משפט זיבן פון די אָנ־

געקלאָגטע, שפּיז, פּאַרסאָנס, שוואַב, פילדען, פישער, ענגעל און לינג — צום טויט. ניבע איז פאַר'משפּט געוואָרן צו פופצן יאָר טורמע. און אַפילו איז געמאַכט געוואָרן צום סופרים קאָורט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. דער דאָזיקער זייל פון קאַפּיטאַליסטישער קלאַסן־הערשאַפט האָט אָבער דעם אַפילו צוריקגעוויזן.

אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם איז זיך נוקם ביזן סוף

אין הערבסט 1887 האָט דער סופרים קאָורט צוריקגעוויזן דעם אַפּיל פון די אומשולדיק־פאַראורטיילטע אַרבעטער־פירער. דער איינציקער אויסוועג צו ראַטעווען זייערע לעבנס איז געווען צו אַפּעלירן צו גאָווערנאָר פון אילינאָי, ער זאָל זיי באַגנאַדיקן. אין וויניקער פון אַ וואָך, זיינען בלויז אין שיקאַגאָ געזאַמלט געוואָרן העכער איין־און־פופציק טויזנט אונטערשריפטן אויף אַ פּעטיציע צום גאָווערנאָר, ער זאָל באַגנעדיקן די אַרבעטער־פירער.

פון די זיבן פאַראורטיילטע צום טויט האָבן בלויז דריי אונטערגעשריבן אַ פּעטיציע צום גאָווערנאָר, בעטנדיק באַגנעדיקונג. פיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו בעטן וועלכע עס איז טובות פון קאַפּיטאַליסטישן שטאַט.

די דריי, וואָס האָבן אונטערגעשריבן די פּעטיציע זיינען געווען: פילדען, שוואַב און שפּיז; דער לעצטער האָט אונטערגעשריבן די פּעטיציע בלויז נאָכדעם, ווי זיינע פריינט און קרובים האָבן אים שטאַרק געבעטן און ניט אָפּגעלאָזט ביז ער האָט אונטערגעשריבן די ביטע פאַר באַגנעדיקונג. פאַר דזשיימס בוקענן, איינעם פון די אָנגעזעענע טוער פון די ניײטס אָוו לייבאָר, וועלכער איז געווען שטאַרק טעטיק אין דער באַוועגונג צו קריגן אַ באַגנעדיקונג פאַר די פאַר'משפּטע, און איז געווען פערזענלאך באַפריינדעט מיט אייניקע פון זיי, האָט שפּיז דערקלערט, אַז ער גלויבט, אַז ער איז באַגאַנגען אַ פעלער, אונטערשרייבענדיק די פּעטיציע. עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז ער איז געווען גערעכט. די ראַדיקאַלע דייטשישע קאָלאָניע האָט שטאַרק פּראָטעסטירט קעגן דעם, באַטראַכטענדיק עס אַלס אַן אַקט פון שוואַכקייט, און שפּיז האָט געשריבן אַ צווייטן בריוו צום גאָווערנאָר, אין וועלכן ער האָט צוריקגעצויגן זיין פּעטיציע.

די איבעריקע פיר פאַר'משפּטע אַרבעטער־פירער, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבן די פּעטיציע, האָבן געשיקט דערקלערונגען צום גאָווערנאָר. אין זייערע סטייטמענטס האָבן זיי קלאָר געמאַכט, אַז זיי האָבן ניט סאַנקציאָנירט די זאַמלונגען פון אונטערשריפטן פאַר דער פּע־

טיציע. „איך בין אָדער שולדיק, אָדער אומשולדיק אין דעם פאַרברעכן, פאַר וועלכן איך בין אָנגעקלאָגט געוואָרן" — האָט געשריבן פאַרסאָנס, — „אויב איך בין שולדיק, וויל איך בעסער דעם טויט, ווי דעם לעבן פון אַ שקלאַף; אויב איך בין אומשולדיק, פאָדער איך מיין פריהייט". אין דעם זעלביקן זין האָבן אויך געשריבן ענגעל און פישער. לינג'ס סטייטמענט איז געווען דער קלאַסן־באַוואוסטזיניקסטער פון די אַלע פיר. לינג איז בכלל געווען איינער פון די מערקווירדיקסטע טיפּן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. אינגאַנצן נאָך ניט קיין 22 יאָר אַלט, האָט ער ארויסגעוויזן אַ קלאָרקייט פון געדאַנק אין אַלע זיינע רעדעס און דערקלערונגען, וואָס באַווייזט אַז די אַרבעטער־באַוועגונג האָט אין אים פאַרלאָרן אַ צוקונפטיקע גרויסע פיגור.

„איך האָב גערופן די בארויבטע און אונטערדריקטע מאסן", — האָט לינג געשריבן אין זיין סטייטמענט, — „זיך צו שטעלן קעגן דער מאכט פון זייערע אונטערדריקער. די דאָזיקע מאכט איז באזירט אויף שענדלעכע געזעצן, וואָס ווערן דורכגעפירט אין די אינטערעסן פון קאַפּיטאל דורך באוואָפנטער מאכט. איך האָב זיי גערופן זיך שטעלן קעגן דער דאָזיקער מאכט, כדי זיי זאָלן קענען אָנהאלטן א ווירדיקע און מענטשלעכע עקזיסטענץ דורך דעם וואָס זיי וועלן קריגן דעם פולן ווערט פון זייער ארבעט. דאָס און בלויז דאָס איז דער „פארברעכן", וואָס איז קעגן מיר באוויזן געוואָרן. פארלייכטערן דעם אורטייל וועט זיין א באוויז, אז דער הערשנדיקער קלאס, וועמען איר פארטרעט, שעמט זיך פאר זיין טאט".

לינג האָט ניט דערלאָזן, אַז די קאַפּיטאַליסטישע גערעכטיקייט זאָל אים געזעצלעך דערמאָרדן: אַ טאָג איידער דער אורטייל האָט געדאַרפט דורכגעפירט ווערן, דעם 10טן נאָוועמבער, 1887, איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. ער האָט זיך אַליין צעריסן אויף שטיקלאַך דורך אַן אימפּראָוויזירטער באָמבע.

דער גאָווערנאָר פון אילינאָי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו ענדערן דעם אורטייל איבער 4 פון די פאַר'משפטע. דעם אורטייל איבער פילדען און שוואַב'ן האָט ער פאַרביטן אויף לעבנס לענגלאַכער תפיסה. זיי און ניבע זיינען אין 1893 באַגנאַדיקט געוואָרן פון גאָווערנאָר אַלטגעלט.

פרייטיק, דעם 11טן נאָוועמבער, 1887, זיינען פאַרסאָנס, שפּיז, ענגעל און פישער געפירט געוואָרן צו דער תליה. מיר וועלן לאָזן טשאַרלז עדוואַרד ראָסעל באַשרייבן די סצענע:

„אַ בלאָק פון דער טורמע אין יעדער ריכטונג האָט מען פאַרצויגן אַ שטריק און דער פאַרקער איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. הינטער דער שטריק זיינען געווען רייען פּאָליציאַנטן, באַוואָפנט מיט רייאָט־ביקסן. אינווייניק ביזן סאַמע טורמע זיינען די טראָטוארן אויך פּאַטראָלירט געוואָרן פון באַוואָפנטע פּאָליציאַנטן. די טורמע זעלבסט איז באַוואַכט געוואָרן ווי אַ באַלאַגערטע פעסטונג. פון יעדן פענסטער האָט מען געקענט זען אַ פּאָליציאַנט מיט אַ ביקס אין האַנט. דער דאַך איז געווען שוואַרץ פון פּאָליציאַנטן“.

אָט אַזוי האָט זיך דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם געגרייט אויסצולעשן די לעבנס פון פיר אַרבעטער־פירער פאַר זייער איבערגעגעבנקייט צו די אינטערעסן פון אַרבעטער־קלאַס. אָט איז נאָך איין שטריך, וואָס בוקענען דערציילט אין זיינע דעראינערונגען און וואָס וואַרפט אַ ליכט אויף דער קלאַסן־נקמה פון אַמעריקאַנעם קאַפּיטאַליזם.

דאָנערשטיק נאָכמיטאָג איז פאַרסאָנס פרוי, לוסי פאַרסאָנס, געקומען דעם לעצטן מאָל זען איר מאַן. מען האָט זי אין טורמע ניט אַריינגעלאָזן; מען האָט איר אָבער געהייסן קומען מאָרגן אינדערפרי. ווען זי און אירע צוויי קינדער זיינען פרייטיק אינדערפרי צוגעקומען צו דער טורמע, האָבן זיי געפונען דעם וועג פאַרצאַמט פון די איבערגעצויגענע שטריק. זי האָט דערציילט די פּאָליציאַנטן וועגן וואָס זי איז געקומען, און געבעטן זיך ביי זיי איר צולאָזן צו דער טורמע. אַ לאַנגע צייט האָבן זיי זי אַרומגעשיקט פון איינעם צום צווייטן. אין איר פאַרצווייפלונג האָט זי אָפן קול אָנגעהויבן פּראָטעסטירן קעגן דער אומרעכט, וואָס ווערט קעגן איר באַגאַנגען.

די פּאָליציאַנטן האָבן בלויז אויף דעם געוואַרט. זיי האָבן אַריינגעוואָרפן לוסי פאַרסאָנס מיט אירע צוויי קינדער אין אַ פּאַטראָל־וואָגן און זיי פאַרשפּאַרט אין נאָענטסטן פּאָליציי־צירקל. באַפרייט האָט מען זיי ווען דער מאַן און פאָטער איז שוין געווען טויט.

דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם האָט זיך בלוטיק אָפּגערעכנט פאַר דער באַוועגונג פון אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעט־טאָג. פּראָפעטיש זיינען אָבער שפּיז'ס לעצטע ווערטער:

”עס וועט קומען אַ צייט, ווען אונזער שווייגן וועט זיין אַ סך מעכטיקער, ווי די שטימען וואָס איר דערשטיקט היינט“.

האָמסטעד

דער סוף פון די אכציקער און דער אָנהויב פון די ניינציקער יאָרן פאַרצייכענען דעם אָנהויב פון אַ נייער פאַזע אין דער אַנטוויקלונג פון אַמעריקאַנעם קאַפּיטאַליזם. דער פּראָצעס פון אינדוסטריעלער קאָנצענטראַציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך דער פּאַניק פון 1873, קריגט אין אָט די יאָרן אַ העכערן אויסדרוק: עס ווערט געשאַפן דער טראָסט. דער אינדיווידועלער קאַפּיטאַליסט הויבט אָן שפּילן אַלץ אַ קלענערע ראָל אין דער אינדוסטריע. דער טראָסט, די העכסטע פאָרם פון קאָנצענטרירטן קאַפּיטאַל, ווערט דער כאַראַקטעריסטישער אויסדרוק פון אַמעריקאַנעם קאַפּיטאַליזם.

„די טענדענץ אין דער ריכטונג פון דער קאָנצענטרירונג פון דער אינדוסטריע איז קיינמאָל ניט געווען אַזוי בולט" — שרייבט הענרי ד. לאָיד, אין זיין וועלטה ווערסוס קאָמאָנוועלטה — „ניט ווייניקער ווי פינף הונדערט מיליאָן דאָלאַר געפינט זיך אין דער קאָמבינאַציע פון קוילן. די קאָמבינאַציע פון אויל פאַרמאָגט צוויי הונדערט מיליאָן דאָלאַר, און די אַנדערע קאָמבינאַציעס, אין וועלכע די מיטגלידער פון אויל טראָסט זיינען די פירער, פאַרמאָגן נאָך הונדערטער מיליאָנען. הונדערטער מיליאָנען זיינען פאַראייניקט אין די אייזנבאַנען און עלעוואַטאָרן פון דער נאָרט-וועסט; הונדערט מיליאָן דאָלאַר, לכל הפחות, איז קאָנצענטרירט אין דער פלייש-קאָמבינאַציע; אין שנאַפּס פינף-און-דרייסיק מיליאָן דאָלאַר, אין ביר פונקט אַזויפיל, אויב ניט מער; דער צוקער טראָסט האָט אין זיין רשות פינף-און-זיביציק מיליאָן דאָלאַר, לעדער — העכער הונדערט-מיליאָן דאָלאַר, אין דער גאַז-טראָסט האָט הונדערטער מיליאָנען..."

די דאָזיקע ציפערן גיבן אונז אַ פאָרשטעלונג וועגן דער גוואַלטיקער קאָנצענטרירונג פון מאַכט, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם קאַפּיטאַליסטישן-קלאַס גופא. אַ בולט בילד וועגן דעם קאָנצענטרירונג-פּראָצעס אין דער אַמעריקאַנער אינדוסטריע גיט אונז די פאָלגענדיקע טאַבעלע וועגן דער צאָל פירמעס אין די אָנפירענדיקע אינדוסטריען פון לאַנד. אין אומגעפער 40 יאָר איז די באַפעלקערונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן פאַרצווייפאַכט געוואָרן, דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם האָט דעראָבערט אינטערנאַציאָנאַלע מאַרקן, די פּראָדוקציע איז פענאָמינאַל געוואַקסן — די

צאָל פירמעס אין די פירענדיקע אינדוסטריען איז אָבער זינט 1880 גע־וואָרן אַלץ קלענער.

צאָל פירמעס אין די פירנדיגע אינדוסטריען פון לאַנד

יאָרן	1850	1860	1870	1880	1890	1900
אגריקולטורעלע אינ־סטרומענטן — — —	1333	2116	2076	1943	910	715
קאַרפּעטן — — —	116	213	215	195	173	133
באַוועל־סחורות — —	1094	1091	956	1005	905	1055
גלאָז — — — — — —	94	112	201	211	294	355
געשטריקטע סחורות—	85	197	248	359	796	921
אייזן און שטאָל — — —	468	542	726	699	699	668
לעדער — — — — —	6686	5188	7569	2628	1787	1306
פּאַפּיר — — — — —	443	555	677	742	649	763
שיף־בוי — — — — —	953	675	694	2188	1006	1116
זיידנס — — — — —	67	139	86	382	472	483
פלייש־פּראָדוקטן — —	185	259	768	872	1367	1134
וואָלנס — — — — —	1539	1260	2891	1991	1311	1035
מאַלץ־פּראָדוקטן —	431	1269	1972	2191	1248	1509
סך־הכל — —	13,514	13,616	19,349	18,504	11,617	11,193

אַט די אינדוסטריעלע קאָנצענטרירונג האָט געבראַכט מיט זיך די קאָנצענטרירונג פון ריזיקע אַרבעטער־אַרמייען אין יעדער אינדוסטריע. די גיגאַנטישע טראַסטן האָבן געבראַכט צום לעבן גרויסע יוניאָנס; די קלאַסן־קעגנזאַצן זיינען געוואָרן אַלץ מער אָפן, דער קלאַסן־קאַמף אַלץ מער ברוטאַל.

די נייע מעטאָדן פון קלאַסן־קאַמף

דער אַמעריקאַנישער קאַפּיטאַליסטן־קלאַס האָט אַ סך געלערנט פון דער מעכטיקער מאַסן־באַוועגונג פון די אַרבעטער פאַר דעם אַכט־שעה׳־דיקן אַרבעטס־טאָג אין 1886; די קאַפּיטאַליסטן האָבן זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן אין שטאַרקע פאַראיינען, וואָס האָבן זיך געשטעלט אַלס זייער אויפגאַבע צו באַקעמפן יעדע פאָרם פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. „זינט

דעם לעצטן מאי"‚—שרייבט דזשאָן סווינטאָן אין סעפּטעמבער‚ 1886‚ — „האָבן פיל קאָרפּאָראַיישאָנס און פּאַראיינען פון באַלעבאַטים אָנגעווענדט אַלערליי מיטלען צו צעברעכן די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען געוואָרן שטאַרק און גרויס אין די לעצטע צוויי, דריי יאָר. זיי אַטאַקירן די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס צייטנווייס פון פראָנט, אָפטער פון דער זייט אָדער פון הינטן; צייטנווייס מאַכן זיי אַ פּאַראייניקטן אָנפאַל אויף אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, נאָר אָפטער זוכן זיי צו געווינען דורך דריידלעך, וואָס זיי קאָנען פאַרציען פאַר אַ לאַנגער צייט, ניט אַרויסרופנדיק קיין ווידערשטאַנד".

די מיטלען, וואָס די קאָרפּאָריישאָנס און קאַפּיטאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אָנגעהויבן אָנצואווענדן אין זייער קאַמף קעגן די אָרגאַניזירטע אַרבעטער, זיינען געווען גאַנץ ניי. די „בלעק ליסט" איז געווען איינער פון די מיטלען. די אַרבעטער, וואָס זיינען געווען באַקאַנט, ווי טעטיקע מיטגלידער פון די נייטס אָוו לייבאָר, זיינען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון זייערע דזשאָבס און זיי האָבן קיין אַרבעט מער ניט געקענט קריגן אין זייער טרייד, אָפט אויך ניט אין אַנדערע טריידס. פון צייט צו צייט איז די „בלעק ליסט" אָנגעווענדעט געוואָרן ניט בלויז קעגן איינצעלנע אַרבעטער, נאָר קעגן גאַנצע פאַבריקן. אַזוי האָט די טשעמפּיאָן ריפּער קאָמפּאַניע פון ספּרינגפילד, אָהייאָ, געמאַכט אַ לאָק־אויט אויף אירע 1,200 אַרבעטער, דערפאַר וואָס זיי זיינען געווען מיטגלידער פון די נייטס אָוו לייבאָר; מיט דער אויסנאַם פון אַ קליינער צאָל, וואָס זיינען „בלעק ליסטעט" געוואָרן, זיינען די איבעריקע צוריקגענומען געוואָרן צו דער אַרבעט, נאָכדעם ווי זיי האָבן אונטערגעשריבן אַן „אייזנפעסטע" שבועה, אַז זיי וועלן מער ניט געהערן צו קיין שום אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע*).

דער שפּיאָן־פּראָוואָקאַטאָר פון דער סטרייק־ברעכערישער פּינקערטאָן דעטעקטיוו־אַגענטור איז געווען אַ צווייטער מיטל, וואָס די באַלעבאַטים האָבן אָנגעהויבן צו באַנוצן אין זייער קאַמף מיט די אַרבעטער. די פּינקערטאָן דעטעקטיוו־אַגענטור וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו ספּעציאַליזירן אין אַרבעטער־קאַמפן אין די זיבעציקער יאָרן, איז איצט געוואָרן אַ ווירקזאַמער פאַקטאָר אין יעדן אַרבעטער־קאַמף.

אַ געהיימער צירקולאַר, וואָס די פּינקערטאָן אַגענטור האָט אַרויסגעשיקט צו די באַלעבאַטים, אַנאָנסירט:

*) קאָמאָנס, „געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין די פּאַראייניקטע שטאַטן".

„קאָרפּאָריישאָנס אָדער איינצעלנע באַלעבאַטים, וואָס ווילן אויס־געפינען צו זייערע ארבעטער האַלטן באַם סטרייקן, אָדער האַלטן באַם אָנשליסן זיך אין וועלכער עס איז געהיימע ארבעטער־אָרגאניזאציע, מיט דער אויסזיכט ארויפצוווינגען באַדינגונגען אויף די באַלעבאַטים, קאָ־נען זיך ווענדן צום פּאַרוואַלטער פון איינער פון אונזערע אָפּטיילונגען און קריגן א דעטעקטיוו, וואָס וועט זיין צוגעפּאַסט אַריינצודרינגען צווישן די ארבעטער און קריגן די דאָזיקע אינפאָרמאציע".

דער דאָזיקער צירקולאַר איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דזשאָזעף בוקענען וועלכער האָט אים פאַרעפנטלעכט*).

דעראינדזשאַנקשאָן און דאָס אויסנוצן פון פעדעראַלע געזעצן, ווי דער שערמאַן אַנטי־טראָסט געזעץ, קעגן ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס האָבן אויך אָנגעהויבן צו ווערן פּאָפּולער אין אָט די יאָרן.

דער הויפּט־קאַמף פון די קאַפּיטאַליסטן איז צום סוף פון די אַכציקער יאָרן אָנגעפירט געוואָרן קעגן די נייטס אָוו לייבאָר, וואָס איז אין 1887 נאָך געווען א מעכטיקע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געציילט העכער א האַלבן מיליאָן מיטגלידער. די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז די נייטס אָוו לייבאָר, וואָס האָט געשטרעבט צו אָרגאַני־זירן די מאַסן ניט־קוואַליפיצירטע ארבעטער און זיי אַריינצוציען אין פּאָ־ליטישן קאַמף, איז זייער גרעסטע געפאַר. זיי האָבן געקאָנט זיך פאַר־גינען צו דולדן די יוניאָנס פון דער אַמעריקאַן פעדעראַיישאָן אָוו לייבאָר. פאַרקערט, אין זייער קאַמף קעגן די נייטס אָוו לייבאָר האָבן די קאַפּיטאַ־ליסטן אויסגענוצט די אַרבעטער־אַריסטאָקראַטיע, וואָס איז געווען אָרגאָ־ניזירט אין די דאָזיקע יוניאָנס. אָבער אויך די יוניאָנס פון דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר זיינען ברוטאַל אַטאַקירט געוואָרן, ווען זיי האָבן געפּרואווט מאַכן אַן ערנסטן פאַרזוך צו אָרגאַניזירן די ברייטע מאַסן פון זייער טרייד. די סטרייקס אין 1892 פון די שטאָל־ארבעטער אין האָמסטעד, פון די אייזנבאַן־ארבעטער אין באַפאַלאָ, און פון די מאַינערס אין קור ד'אַלין, טענעסי, זיינען מיט בלוט פאַרשריבן אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער ארבעטער־באַוועגונג.

דער גרעסטער און בלוטיקסטער פון די דאָזיקע ארבעטער־קאַמפן איז

---

*) קאַמאַנס „געשיכטע פון דער ארבעטער־באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן".

פאָרגעקומען אין האָמסטעד, אין דעם סטרייק קעגן דער קאַרנעגי שטאָל קאָרפּאָריישאָן.

די סיבות פון דעם סטרייק אין האָמסטעד

איינע פון די שטאַרקסטע יוניאָנס פון דער א. פ. אָוו ל. אין אָנהויב פון די 90־ציקער יאָרן איז געווען די יוניאָן פון די אייזען־ און שטאָל־אַר־בעטער, די אַמאַלגאַמייטעד אַסאָסיאיישאָן אָוו אייראָן און סטיל וואָרקערס. די דאָזיקע יוניאָן האָט אין 1889 בלויז דורך אַ וואָרנונג, אַז זי וועט רופן אַ סטרייק, געצוואונגען די קאַרנעגי שטאָל קאָרפּאָריישאָן אונטערצושרייבן מיט איר אַ דריי יאָריקן אָפּמאַך פאַר די אַרבעטער אין דער האָמסטעד־פאַבריק. אַזאַ מעכטיקע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין דער אינדוסטריע האָט די קאַרנעגי שטאָל קאָרפּאָריישאָן, וואָס איז געווען אַ טאָן־געבערן אין דער שטאָל־אינדוסטריע, ניט געקאָנט דערלאָזן. זי הויבט זיך אָן גרייטן צו אַ קאַמף מיט דער יוניאָן.

דער אָפּמאַך מיט דער יוניאָן האָט געדאַרפט זיך ענדיקן דעם 30טן יוני, 1892. אָבער שוין מיט חדשים פריער האָט קאַרנעגי זיך גענומען גרייטן צום קאַמף. אַן אייזערנער פּאַרקן צוואַנציק פוס הויך, מיט שפּיציקע אייזערנע הוקן, איז אויפגעבויט געוואָרן אַרום דער פאַבריק אין האָמסטעד. מען האָט אפילו גערעדט, אַז דער פּאַרקן איז עלעקטריפיצירט. „פריקס פעסטונג" האָבן די אַרבעטער אָנגעהויבן רופן די פאַבריק.

אָנהויב 1892 האָט די פירמע געלאָזט וויסן דעם קאָמיטעט פון די פאַבריק־אַרבעטער, אַז ער זאָל צושטעלן די נייע אַרבעט־באַדינגונגען, וואָס די אַרבעטער פאָדערן. די קאָמיטע האָט איבערגעגעבן דער אַדמיניסטראַציע די נייע פאָדערונגען פון די אַרבעטער. אין אַלגעמיין איז דאָס געווען דער אַלטער אָפּמאַך מיט אַ פאָדערונג פאַר אַ קליינער העכערונג אין שכירות. די פאָדערונג פאַר אַ העכערונג אין שכירות איז ניט געווען אולטימאַטיוו. וויליאַם ט. ראָבערטס, דער טשערמאַן פון דער קאָמיטע, האָט שפּעטער דערקלערט פאַר דער סענאַט־קאָמיטע, וואָס האָט אונטערזוכט דעם סטרייק:

> „נאָכמער איך האָב זיי געזאָגט, מיר זיינען וויליק צו מאַכן רע־דוצירונגען, וואו מען וועט קאָנען באווייזן, אַז רעדוצירונגען זיינען נויטיק. מיר ווילן קומען צו אַן אויסגלייך אָן שום אומאַנגענעמלעכ־קייטן; מיר ווילן ניט קיין סטרייק."

מער האָבן די אַרבעטער גאָרנישט געהערט וועגן זייערע פאָדערונגען.

קאַרנעגי, דער הויפּט באַלעבאָס פון דער קאָפּאָריישאָן, איז אוועקגעפאָרן קיין איראָפּע און זיין הויפּט־שותף, הענרי פריק, איז פארבליבן דער הויפּט־פארוואַלטער פון דער קאַרנעגי קאָרפּאָריישאָן.

פריק האָט געהאַט אַ נאָמען צווישן די אַמעריקאַנישע ארבעטער. אליין אַ זוהן פון אַן אָרימען פארמער פון פּענסילווייניע, האָט פריק פרי ארויס־געוויזן זיינע פעיאיקייטן פון אַ שקלאַפן־טרייבער, וואָס באַלעבאַטים שאַצן אַזוי גוט אָפּ. פון אַ בוכהאַלטער אין אַ שנאַפּס־פאַבריק ווערט ער גיך דער פארוואַלטער פון דער פאַבריק און אין דער זעלביקער צייט הויבט ער אָן אריינצולייגן זיינע אָפּגעשפּאָרטע געלטער אין דער קאָקס־אינדוסטריע, וואָס האָט געהאַלטן אין צעבליען זיך. אין אַ קורצער צייט ווערט ער דער אַמעריקאַנער „קאָקס־קעניג״; ער איז דער אייגענטימער פון אַכט טויזנט קאָקס־אויוונס, וואו עס ווערט פּראָדוצירט פינף מיליאָן טאָן קאָקס יערלעך. קאַרנעגי האָט אים אריינגענומען אַלס שותף אין די שטאָל־געשעפטן, הויפּט־זעכלעך צוליב דעם, וואָס ער האָט מורא געהאַט פאַר אַ געפערלעכן קאָנקורענט.

צווישן די אַמעריקאַנער ארבעטער איז פריקס נאָמען געווען פארהאַסט אַ לאַנגע צייט פאַר דעם האָמסטעד־סטרייק. די ארבעטער האָבן גוט גע־דענקט, ווי אַזוי ער האָט מיט דער הילף פון פּינקערטאָן־דעטעקטיווס גע־בראָכן דעם סטרייק פון די קאָקס־ארבעטער און פארניכטעט די מאַינערס יוניאָן אין פּענסילווייניע. די אייזן־ארבעטער פון דער קאַרנעגי־פאַבריק אין האָמסטעד האָבן געוואוסט, אַז פריק גרייט זיך צו צעברעכן אויך זייער אָרגאַניזאַציע.

ביז דעם 29טן מאַי האָבן די ארבעטער ניט געוואוסט וואָס פריק קלייבט זיך צו טאָן מיט זייערע פאָדערונגען. דעם 29טן מאַי האָט מען זיי מודיע געווען די באַדינגונגען, וואָס פריק שטעלט ארויס פאַר אַ נייעם אָפּ־מאַך. אָף מאָרגן, דעם 30טן מאַי, האָט די קאָמיטע פון די ארבעטער אויך באַקומען אַן אולטומאַטום פון פריקן, אין וועלכן ער דערקלערט, אַז ער גיט די ארבעטער ביז דעם 24טן יוני אָנצונעמען זיינע באַדינגונגען, ווען ניט וועט ער אָנהויבן צו אָפּערירן די פאַבריקן מיט ניט־יוניאָן־ארבעטער.

דער זעלבער ראָבערטס, דער טשערמאָן פון דער קאָמיטע פון די ארבעטער, האָט דערציילט דער סענאַט־קאָמיטע וועגן דעם דאָזיקן בריוו:

„עס איז אויך אָנגעקומען אַ בריוו פון מר. פריק. דער צוועק פון שיקן דעם בריוו, האָט מר. פריק געשריבן, איז צו דערקלערן, אַז

אויב די דאָזיקע סקייל ווערט ניט אָנגענומען ביז דעם 24טן יוני, וועלן זיי פארהאנדלען מיט די ארבעטער אינדיווידועל. איך האָב זיך אומגע־קערט צוריק אין אָפיס און איך זאָג צו מר. פאטער: גלויבט איר, אז דאָס איז יושרדיק; דיינקט איר, אז דאָס גיט אונז א מעגלעכקייט זיך דורכצורריידן. איך זאָג, דעם לעצטן מאָל, ווען איך בין דאָ געוועזן, האָט איר מיר געזאָגט, אז אויב איך וועל קומען צוריק מיט דער פול־מאכט אָנצונעמען א סקייל, וועט איר זיין צופרידן אריינצוטרעטן אין פארהאנדלונגען און מאכן א פארזוך צו שליסן דעם ענין אַף א פריינט־לעכן אופן.

„איך קאָן זיך ניט העלפן, זאָגט ער, דאָס איז מר. פריקס אול־טימאטום“.

די באַדינגונגען, וואָס פריק האָט ארויסגעשטעלט, זיינען געווען: ערשטנס, שניידן שכירות פון פופצן ביז פינף־און־צוואנציק פראָצענט אין די פארשיידענע אָפטיילונגען פון דער פאבריק; צווייטנס, דער קאָנטראַקט זאָל זיך ענדיקן דעם 21טן דעצעמבער, 1893, אנשטאָט דעם 30טן יוני.

פאר דער סענאַט־קאָמיטע האָט פריק שפּעטער דערקלערט, אז ער איז געווען באַרעכטיקט צו שניידן שכירות. ער האָט זיך באַרימט, אז די ארבעטער פון האמסטעד האָבן זיך פשוט געבאָדן אין גאָלד. ער האָט דערקלערט, אז אין מאי האָבן די ארבעטער געקראָגן די פאָלגנדיקע שכירות:

פיר ארבעטער האָבן געקראָגן פון צען ביז צוועלף דאָלאר מיט 35 סענט א טאָג אין משך פון 23 טעג, וואָס זיי האָבן דעם חודש געארבעט. צוועלף ארבעטער האָבן פאר דער זעלביקער צייט געקראָגן פון אכט ביז צען דאָלאר א טאָג; דרייסיק פון 6 ביז 8 דאָלאר א טאָג, 443 ארבעטער פון 2 ביז 4 דאָלאר א טאָג, די מערסטע ניט מער ווי איין דאָלאר מיט פערציק סענט א טאָג. ער האָט אויך גע׳טענה׳ט, אז זיין צווייטע פאָדע־רונג, צו ענדערן די צייט, ווען דער אָפּמאך זאָל זיך ענדיקן, איז אויך גע־ווען נויטיק פאר דער פירמע צוליב די באַדינגונגען פון דער אינדוסטריע.

די ארבעטער אָבער האָבן באַוויזן, אז דער חודש מאי איז געווען אן אויסערגעוויינטלעך גוטער חודש, און אפילו אין דעם חודש זייַען די ציפערן, וואָס פריק האָט אָנגעגעבן ניט קיין ריכטיקע. זיי האָבן אָנגעוויזן, אז פאר די 23 חדשים, ביז דעם 1טן יוני, 1892, האָבן פון די דריי טויזנט ארבעטער אין האמסטעד, בלויז 133 געקראָגן דורכשניטלעכע שכירות פון פיר ביז $7.50 א טאָג. 1177 ארבעטער האָבן אין משך פון די 23 חדשים

פּאַרדינט פון 1 דאָלאַר מיט 65 סענט ביז 2 דאָלאַר מיט 50 סענט אַ טאָג. 1625 אַרבעטער האָבן פאַרדינט בלויז אַ דורכשניט פון פערצן סענט אַ שעה און ווייניקער.

די פאָדערונג צו ענדערן די צייט, ווען דער אָפּמאַך ענדיקט זיך, האָבן די אַרבעטער באַוויזן, איז געמאַכט געוואָרן מיט דער אויסרעכענונג זיי אָוועקצושטעלן אין אַ ניט־גינסטיקער לאַגע אין פאַל פון אַ סטרייק.

די גרעסטע מערהייט פון די אַרבעטער אין דער האָמסטעד פאַבריק, ווי מיר קאָנען זען פון די ציפערן, וואָס די אַרבעטער האָבן אָנגעגעבן, האָט זיך ניט געבאָדן אין גאָלד און אַרומגעפאָרן אין קאַרעטן, ווי פריק האָט געזאָגט, נאָר געלעבט אין דחקות און נויט. די פראַגע וועגן שכירות איז אָבער דאָך ניט געווען די הויפּט אישו פונם קאַמף. די אַרבעטער האָבן אפילו געוואָלט אַרונטערלאָזן אַכט פּראָצענט פון זייערע שכירות, כדי אויסצומיידן אַ סטרייק. די הויפּט אישו איז געווען דאָס רעכט פון די אַרבעטער צו האָבן זייער אָרגאַניזאַציע. פריק איז געווען פאַרטיק צו צעברעכן די יוניאָן פון די אייזן־ און שטאָל־אַרבעטער, פּונקט ווי ער האָט עס געטאָן מיט אַ פּאָר יאָר פריער מיט דער יוניאָן פון די מאַינערס און קאָקס אַרבעטער אין פּענסילווייניע, און די „קאָנסערוואַטיווע" אייזן־אַר־בעטער פון האָמסטעד זיינען מיט וואָפן אין די הענט געווען געצוואונגען צו פאַרטיידיקן זייערע רעכט צו זיין אָרגאַניזירט, און דערביי האָבן זיי אַרויסגעוויזן גרויס מוט און אַנטשלאָסנקייט.

דער קאַמף הויבט זיך אָן

דעם 28טן, 29טן און 30טן יוני, האָט פריק אָנגעהויבן צוצושליסן איינע נאָך די אַנדערע די אָפּטיילונגען פון דער פאַבריק, וואו עס האָבן געאַרבעט די אַרבעטער, ביי וועמען ער האָט געוואָלט שניידן די שכירות. ניין הונדערט אַרבעטער זיינען אויף אַזאַ אופן אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון דער אַרבעט. די איבעריקע אַרבעטער האָבן אַלע ווי איינער געוואָרפן די אַרבעט דעם ערשטן יולי.

עס איז געווען קלאָר גלייך פון אָנהויב, אַז דער דאָזיקער סטרייק איז מער ווי אַ לאָקאַלער קאַמף, אַז אויב די אַרבעטער וועלן דעם סטרייק גע־ווינען, וועט געבראָכן ווערן דער ווידערשטאַנד פון די אַנדערע אייזן־מאַג־נאַטן; פאַרקערט, פאַרלירן די האָמסטעד־אַרבעטער, דעמאָלט פאַרלירט די יוניאָן פון די אייזן־ און שטאָל־אַרבעטער אויף דער גאַנצער ליניע. די צוגרייטונגען זיינען דעריבער געמאַכט געוואָרן פון ביידע צדדים.

נאָך איידער די פארהאנדלונגען מיט דער קאָמיטע פון די ארבעטער זיינען אָפּגעבראָכן געוואָרן, האָט פריק אראנזשירט מיט דער פינקערטאָן־דעטעקטיוו־אַגענטור צו שיקן דריי הונדערט דעטעקטיוום צו „היטן" די פאבריקן. די ארבעטער האָבן וועגן דעם געוואוסט און זיינען געווען אנטשלאָסן די „פינקערטאן־הינט" אין שטאָט ניט אריינצולאָזן.

האמסטעד איז געווען אַ שטעטל פון ארום צוועלף טויזנט איינוואוי־נער. דער גרעסטער טייל פון דער באפעלקערונג איז באשטאנען פון די ארבעטער פון דער שטאָל־פאבריק. די ארבעטער האָבן גלייך ווי דער סטרייק האָט זיך אָנגעהויבן, אָרגאניזירט זייערע אייגענע וואך צו האלטן אָרדענונג אין שטעטל. זיי האָבן אויך פארנומען די שטאָל־פאבריק און קיינעם ניט צוגעלאָזן.

דעם 4טן יולי, האָט די קאָמפּאניע זיך געווענדעט צום שעריף מיט אַ פאָדערונג, אַז די ארבעטער־וואך זאָל צוגענומען ווערן פון פאבריק, כדי די קאָמפּאניע זאָל קאָנען אריינשיקן אירע מענטשן צו מאכן אַ רע־מאנט אין דער פאבריק. די ארבעטער האָבן גוט פארשטאנען, וואָס דער דאָזיקער „רעמאנט" מיינט, און ווען די געהילפן פון שעריף זיינען גע־קומען זיי ארויסזעצן פון דער פאבריק, האָבן זיי פעסט דערקלערט, אַז די סטרייקער וועלן גוט אכטונג געבן אויף דער פאבריק, און אַז די דינסטן פון שעריף זיינען ניט נויטיק.

די אנטוויקלונגען פון דעם נעקסטן טאָג האָבן באוויזן, אַז די מעשה וועגן „רעמאנט" איז געווען אַ בלאָף, און אַז פריק האָט שוין געהאַט גרייט זיינע באוואפנטע פינקערטאָן־דעטעקטיוום אין פיטסבורג, וואָס האָבן געדארפט קומען צעברעכן דעם סטרייק. די דעטעקטיווס האָבן זיך גע־האלטן אין פארזאמלען אויף אַ סטאנציע הינטער האמסטעד, וואו זיי זיינען ארויפגעזעצט געוואָרן אויף בארזשעס; די בארזשעס האָבן זיי מיטן וואסער געדארפט ברענגען צו דער פאבריק, וואָס געפינט זיך אויפן סאמע ברעג פון דעם מאנאָנגאהעלא טייך.

די שלאכט פון זעקסטן יולי

דער 6טן יולי, פיר אזייגער אינדערפרי, האָט די וואך, וואָס האָט געהיט דעם ברעג פון טייך, באמערקט די דאמף־שיף, וואָס האָט געשלעפּט די בארזשעס מיט די דעטעקטיווס, ארום אַ מייל הינטערן שטאָט. תיכף האָבן דריי רייטער זיך אוועקגעלאָזן אין האמסטעד אָנצוזאָגן וועגן דעם

אַנקומען פון די דעטעקטיווס. עמיצער האָט מודיע געווען דעם אינזשינער פון דער אָרטיקער עלעקטרישער סטאַנציע און באַלד האָט דאָס גרילצנדיקע פייפן פון דער עלעקטרישער סטאַנציע געוועקט די אַרבעטער און זיי געוואָרנט וועגן דער געפאַר.

יונג און אַלט, מענער און פרויען, מוטערס מיט זייערע עופה'לעך אויף די הענט — אין די טויזנטער האָבן זיי זיך אַרויסגעשאָטן אויפן ברעג טייך. אַ גרויסע צאָל פון זיי איז געווען באַוואָפנט מיט דובינקעס און רעוואָלווערן. דער טייך איז געווען איינגעוויקלט אין אַ גרויען פרימאָרגן-נעפל, וואָס האָט קיין זאַך ניט מעגליך געמאַכט צו זען אויפן וואַסער.

אינגיכן האָט אָבער דער נעפל זיך אָנגעהויבן צוצעשפּרייטן און באַלד האָט דער פאַרזאַמלטער עולם אַרבעטער דערזען די פינקערטאָן דעטעקטיווס, יעדער איינער באַוואָפנט מיט אַ ווינטשעסטער ביקס, גרייט פאַר אַ שלאַכט.

מיט דעם קורצסטן וועג, שפּרינגענדיק איבער פּאַרקנס, איבער גראָבנס, און דורך הינטערגעסלעך, האָט דער גרויסער עולם זיך אַוועקגעלאָזן צום האַפן ביי דער פאַבריק, וואו די דעטעקטיווס האָבן געדאַרפט לאַנדן. די דעטעקטיווס האָבן די ערשטע אָנגעהויבן שיסן. אַ קויל איז געצילט געוואָרן אויף אַן אַרבעטער, וואָס איז געשטאַנען ביים סאַמע וואַסער. די קויל האָט דעם אַרבעטער ניט געטראָפן. דאָס איז אָבער געווען דער סיגנאַל פאַר די דעטעקטיווס צו עפענען אַ ביקסן-פייער, וואָס האָט אָנגעהאַלטן גאַנצע 10 מינוט, אויפן פאַרזאַמלטן עולם. די אַרבעטער-מאַסע האָט אַ ציטער געטאָן, נאָר בלויז אויף אַ רגע. אַ האָגל פון קוילן האָט זיך באַלד אָנגעהויבן שיטן אויף די באַרזשעס. די דעטעקטיווס האָבן געמוזט אָפּטרעטן און באַהאַלטן זיך פון די קוילן פון דעם גרויסן אַרבעטער-עולם אויף דעם נידעריקן דעק.

שנעל האָבן די אַרבעטער צוזאַמענגעשלעפּט פון דער פאַבריק אייזערנע פּרענטעס און אויפגעבויט אַ באַריקאַדע און פון הינטער דער באַריקאַדע האָבן זיי באַשאָסן דעם אויבערשטן דעק פון דער באַרזשע, אַזוי גיך ווי אַ דעטעקטיוו האָט זיך דאָרט באַוויזן.

ווען די נייעס פון דער שלאַכט, וואָס גייט אָן אין האָמסטעד, איז באַקאַנט געוואָרן אין פּיטסבורג, האָבן הונדערטער אייזן-אַרבעטער זיך באַוואָפנט מיט ביקסן און זייַנען אַוועק קיין האָמסטעד צו העלפן זייערע

קעמפנדיקע ברידער. זיי האָבן פאַרנומען אַ פּאָזיציע אויף דער אַנדערער זייט פון טייך. די דעטעקטיװס האָבן אויף אַזאַ אופן זיך געפונען צװישן צװיי פייערן. ערגעץ װאו האָבן די ארבעטער געקראָגן אַ הארמאַט און מיט דעם הארמאַט גענומען באָמבאַרדירן די באַרזשעס. די דעטעקטיװס האָבן אַרויסגעשטעלט אַ װייסע פאָן און געלאָזט װיסן, אַז זיי װילן ריידן װעגן באַדינגונגען זיך אונטערצוגעבן. די ארבעטער האָבן אָבער ניט גע־װאָלט הערן װעגן באַדינגונגען.

יוניאָן־פירער מישן זיך אריין אין שלאַכט

די באָמבאַרדירונג האָט אָנגעהאַלטן ביז 3:30 נאָכמיטאָג. די רייען פון די קעמפער זיינען מיט יעדער שעה געװאָרן אַלץ שטאַרקער מיט הונ־דערטער אַרבעטער פון די ארומיקע שטעטלעך, װאָס האָבן געװאָרפן די אַרבעט און זיינען געקומען פירן דעם קאַמף קעגן די פאַרהאַסטע פינקער־טאָן־דעטעקטיװס. אויף דעם שלאַכט־פעלד איז אויך געקומען דער עקס־פּרעזידענט פון דער אַמאַלגאַמייטעד אַסאָסיאיישאָן אָװ אייראָן און סטיל װאָרקערס, װייהי, װאָס האָט געהאַט אַ גרויסע װירקונג אויף די אַרבעטער. צוזאַמען מיט אים זיינען אָנגעקומען אויך אַנדערע יוניאָן־פירער. זיי האָבן גערופן אַ מיטינג צו װירקן אויף די אַרבעטער אויפצוגעבן די שלאַכט און לאָזן די פינקערטאָן־דעטעקטיװס אָפּטרעטן קיין פּיטסבורג.

אונטער דעם דונער פון ביקסן און הארמאַט־שיסעריי איז דער מי־טינג אָפּגעהאַלטן געװאָרן. אַרום אַ טויזנט אַרבעטער האָבן פאַר אַ װיילע פאַרלאָזן זייערע פּאָסטנס און זיינען געקומען אויסהערן, װאָס זייערע פירער האָבן זיי צו זאָגן. װייהי האָט אָנגעהויבן איינצוטענהן מיט זיי, אַז זיי זאָלן לאָזן די דעטעקטיװס צו רו, פאַרזיכערנדיק, אַז זיי װעלן זיך צוריקציען פון שטאָט. די אַרבעטער האָבן אָבער ניט געװאָלט הערן װעגן דעם. דער װייס־פּרעזידענט פון דער יוניאָן, גאַרלאַנד, האָט דעמאָלט גע־פּרואװט ריידן צו די אַרבעטער. „אין גאָטס נאָמען, אין נאָמען פון אייערע פרויען און קינדער" — האָט גאַרלאַנד אָנגעהויבן, — „לאָזט צו רו די פינקערטאָן־דעטעקטיװס". דער עולם האָט אים מער ניט געװאָלט הערן. אַזוי פאַרביטערט זיינען געװען די אַרבעטער, אַז זיי זיינען געװען אַנט־שלאָסן צו דערטרינקען די דעטעקטיװס אין דעם מאַנאָנגאַהעלע טייך.

די אַרבעטער האָבן זיך פון דעם מיטינג אומגעקערט צו דער באַרי־קאַדע און גענומען פּלאַנעװען אויפצורייסן די באַרזשעס מיט דינאַמיט, אָדער אויב דאָס װעט זיך ניט איינגעבן, װאַרטן ביז נאַכט און דעמאָלט

אונטערצינדן די באַרזשעס. איינער פון זייערע אייגענע פירער, אַ׳דאָנעל, האָט אָבער אָנגעהויבן צו אַפּעלירן צו די אַרבעטער, אַז זיי זאָלן פּאָלגן די באַאַמטע פון דער יוניאָן. ער האָט געהאַלטן אַ פייערדיקע רעדע און אים האָט זיך איינגעגעבן צו באַוועגן די אַרבעטער אויפצוגעבן דעם קאַמף מיט אַ תנאי, אַז די דעטעקטיוום זאָלן זיך אונטערגעבן אָן באַדינגונגען. עס איז באַשלאָסן געוואָרן איבערצוגעבן די דעטעקטיווס צום שעריף.

אָן עולם, פול מיט צאָרן און האַס, האָט אָנגעפילט די גאַסן פון האָמסטעד, ווען די דעטעקטיווס אין דער באַגלייטונג פון אַ וואַך, וואָס די אַרבעטער האָבן באַשטימט, זיינען אָפּגעפירט געוואָרן אין טורמע. שווער איז געווען פאַר דעם אויפגעבראַכטן עולם איינצוהאַלטן דעם כעס. און די דעטעקטיווס האָבן ניט טרוקן אָפּגעשניטן אין דעם מאַרש איבער די האָמסטעדער גאַסן צו דער טורמע. ביי איין דעטעקטיוו האָט אַ פרוי אויסגעשלאָגן אַן אויג. אַלע האָבן זיי געכאַפּט שטאַרקע קלעפּ. די אַר־בעטער האָבן צוגענומען די ווינטשעסטער ביקסן און אַמוניציע, וואָס די דעטעקטיווס האָבן געהאַט. די באַרזשעס האָבן זיי פאַרברענט. עלף אַר־בעטער און ניין דעטעקטיווס זיינען אין דער שלאַכט גע׳הרג׳עט געוואָרן. העכער הונדערט דעטעקטיווס זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן.

קאַפּיטאַליסטישע פרעסע הויבט אויף אַ געשריי

ווען די נייס וועגן דער שלאַכט איז באַקאַנט געוואָרן, האָט די קאַפּי־טאַליסטישע פרעסע פון גאַנצן לאַנד אויפגעהויבן אַ געשריי, אַז דער גאָווערנאָר זאָל זיך אַריינמישן און איינשטעלן „געזעץ און אָרדענונג" אין האָמסטעד.

איין מוסטער פון די טעגלעכע אויסגוסן פון דער קאַפּיטאַליסטישער פרעסע:

„גאָווערנאָר פּעטיסאָן" — שרייבט די ניו יאָרק „טריביון" אין אַן עדיטאָריעל פון 7טן יולי — „האָט איצט די זעלטענע געלעגנהייט צו ווייזן פון וואָס פאַר אַ ליים ער איז געקנאָטן. אויב ער וועט תיכף אַריינשיקן אַ גענוגענדיקע מאַכט צו האַלטן אָרדענונג און וועט אויפפאָ־דערן די אַרבעטער, אַז זיי זאָלן איבערגעבן דעם סכסוך צו אַרביטריישאָן, וואָרענענדיק זיי אין דער זעלביקער צייט, אַז זיי מוזן אויספּאָלגן דעם געזעץ, וועט ער באַווייזן, אַז ער איז באַרעכטיקט צו דעם צוטרוי, וואָס מען האָט אים געגעבן. אָבער אויב ער וועט לאַווירן און וואַרטן, און

וועט זוכן צו שפּילן דעם דעמאַגאָג אין אַן ענין, פון וועלכן די לעבנס פון טויזנטער, און די פאַרהיטונג פון גרויסע אינדוסטריעלע אוצרות, הענגען אָפּ — וועט ניט ער, ניט די פּאַרטיי, וואָס ער פאַרטרעט, געווינען פון דעם.״

גאָווערנאָר פּעטיסאָן, האָט פון אָנהויב יאָ געמאַכט אַ פּאַרזוך צו שפּילן פּאָליטיק. אין לאַנד האָט געקאָכט מיט אַ פּרעזידענט־קאַמפּיין. די דעמאָקראַטן האָבן פון דעם קאַמף אין אַן אינדוסטריע, וואָס איז באַשיצט געוואָרן פון אַ הויכן טאַריף, און די באַלעבאַטים פון וועלכע, זיינען גע־שטאַנען נאָענט צו דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי, געזען אַ מיטל צו שלאָגן פּאָליטישן קאַפּיטאַל. גאָווערנאָר פּעטיסאָן האָט דעריבער געהאַט דער־קלערט, אַז ער זעט ניט קיין אורזאַך זיך אריינצומישן אין דעם סטרייק, דעם דאָזיקן באַשלוס זיינעם האָט ער אָבער בלויז געהאַלטן דריי טעג. די אינטערעסן פון די קאַפּיטאַליסטן זיינען געווען צו שטאַרק פאַרוויקלט אין דעם קאַמף, אַז די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי זאָל קענען שפּילן פּאָליטיק אויפן חשבון פון דעם סטרייק.

דעם צענטן יולי, האָט גאָווערנאָר פּעטיסאָן, ארויסגעשיקט אַכט־טויזנט סאָלדאַטן פון דער סטייט־מיליץ קיין האָמסטעד. כאַראַקטעריסטיש איז דער אויסרייד, וואָס דער גאָווערנאָר האָט באַנוצט פאַר שיקן די מיליץ. זינט דער שלאַכט פון דעם זעקסטן יולי, איז אין שטאָט געווען שטיל און רואיק. די אַרבעטער האָבן געהאַלטן אָרדענונג אין שטאָט און האָבן אָפּגעהיט די פאַבריק. זיי זיינען אָבער געווען אַנטשלאָסן קיין סטרייק־ברעכער ניט אריינלאָזן אין שטאָט. שעריף מעקלירי, האָט דערקלערט אין זיין טעלעגראַמע צום גאָווערנאָר, דעם ניינטן יולי:

„די לאַגע האָט זיך ניט פאַרבעסערט. כאָטש אַלץ איז רואיק, זיי־נען אָבער די סטרייקנדיקע אין פולן קאָנטראָל און זיי האָבן מיר אָפן דערקלערט, אַז זיי זיינען אַנטשלאָסן ניט צו לאָזן באַטרייבן די פאַבריק מיט אַנדערע אַרבעטער״.

און אויף אָט דער טעלעגראַמע האָט עס גאָווערנאָר פּעטיסאָן אָנגע־וויזן אַלס אַן אורזאַך, וואָס באַוועגט אים צו שיקן מיליטער. די רעגירונג האָט אפילו ניט געקאָנט געפינען קיין פּאַסיקן שלייער צו באַהאַלטן איר ראָל אַלס סטרייק־ברעכער.

צו הילף דער קאַרנעגי קאָמפּאַניע מיט פריקן בראש, איז אויך גע־קומען דער קאַפּיטאַליסטישער געריכט. די קאָמפּאַניע האָט אויסגעשוואָרן

וואראנטס און געלאָזט אַרעסטירן אַ צאָל סטרייק־פירער אויף דער קלאַגע פון מאָרד, באַשולדקנדיק זיי אין דעם טויט פון די ניין דעטעקטיוום, וואָס זיינען גע׳הרג׳עט געוואָרן דעם זעקסטן יולי. די אָנגעקלאָגטע זיינען געשטעלט געוואָרן אונטער הויכער בעיל (ערבות), זיי האָבן פאַר אַ לאַנגער צייט קיין בעיל ניט געקאָנט קריגן און זיינען איינגעשפּאַרט געוואָרן אין טורמע. אמת, שפּעטער האָט דער געריכט אויך ארויסגעגעבן וואראנטס קעגן די באַאַמטע פון דער קאַרנעגי קאָמפּאַני, קעגן וועלכער די אַרבעטער האָבן אויך אריינגעבראַכט קלאַגן פון מאָרד. פאַר זיי אָבער איז די פּראַגע פון בעיל געווען אַ שפּאַס.

און די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע האָט געטאָן איר טייל. טאָג איין טאָג אויס זיינען דערשינען פאַרשיידענע ווילדע מעשיות וועגן די סטרייקערס און זייערע פירער. מען האָט דערציילט וועגן די גרויסע עשירות פון די אַר־בעטער און מען האָט זיך ניט געשעמט צו פאַבריצירן שענדלעכע גע־שיכטעס קעגן די סטרייק־פירער. אונזער איצטיקע קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע גייט אין דעם פּרט אויף אַן אויסגעטראָטענעם וועג.

אָבער אויך די אַרבעטער־באַוועגונג האָט גיך אָפּגעשאַצט די גרויסע וויכטיקייט פון דעם סטרייק. ריזיקע אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען זיינען אָפּ־געהאַלטן געוואָרן אין ניו יאָרק, אין שיקאַגאָ, אין פּיטסבורג און אַנדערע אַרבעטער־צענטערן. די אָרגאַניזירטע אַרבעטער־באַוועגונג דורך אירע צענטראַלע קערפּערשאַפטן האָט איינשטימיק פאַרשפּראָכן צו שטיצן דעם סטרייק.

די אַרבעטער פון דער שטאָל־אינדוסטריע האָבן געמאַכט אַ פּאַרזוך אָפּצושטעלן די גאַנצע אינדוסטריע. די אַרבעטער פון דער קאַרנעגי שטאָל־קאָמפּאַניע אין פּיטסבורג זיינען אַרויס אין סימפּאַטיע־סטרייק. די קאַר־נעגי־פאַבריקן אין ברעדאָק און דוקיין, וואָס זיינען שוין געווען ניט יוניאָניזירט פאַר אַ פּאָר יאָר, זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן און זיינען אַרונ־טער אין סטרייק דעם 22טן יולי. שטאָל־פאַבריקן אין פּיטסבורג און די אַרומיקע שטעטלעך, וואָס האָבן ניט געהערט צו קאַרנעגיען, זיינען אויך אַרויס אין סימפּאַטיע סטרייק.

אַ באַוועגונג צו באַיקאָטירן קאַרנעגיס שטאָל האָט זיך אָנגעהויבן איבערן לאַנד.

בערקמאַנס פּאַרזוך צו טויטן פריקן

און אינמיטן פון די דאָזיקע אַלע געשעענישן האָט איבערן לאַנד זיך

צעטראָגן דער אָפּקלאַנג פון בערקמאַנס שאָס.

בערקמאַן איז געווען אַ יונגער אַנאַרכיסט, וועלכער איז געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. דעם 23טן יולי איז ער געקומען אין פריקס אָפיס און געבעטן אַ דערלויבעניש צו זען זיך מיט פריקן וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין. אַזוי ווי ער איז געווען גאַנץ שיין געקליידעט, האָבן די אָפיס־מענטשן אים איינגעמאָלדן און פריק האָט אים אריינגעבעטן אין זיין פּריוואַטן אָפיס.

אַזוי גיך ווי ער איז אריין אין אָפיס, האָט ער אָנגעהויבן צו שיסן; ער האָט אָבער פריקן בלויז פאַרוואונדעט. די אָפיס־מענטשן האָבן זיך תיכּף אויף אים אַרויפגעוואָרפן און אים פאַרהאַלטן ביז וואַנען פּאָליציי איז געקומען אים אַרעסטירן.

ס׳וואָלט איצט זיין איבעריק איבערצוחזרן די אַרגומענטן קעגן דער אַזוי גערופענער „פּראָפּאַגאַנדע פון טאַט“, וואָס די אַנאַרכיסטן האָבן דער־מאָלט פּראָפּאַגאַנדירט. די פירער פון דער אַמאַלגאַמייטעד אַסאָסיאיישאָן אָוו אייראָן און סטיל וואָרקערס און די פירער פון סטרייק האָבן זיך גע־איילט אַרויסצוקומען מיט דערקלערונגען, אַז זיי זיינען ניט פאַראַנטוואָרט־לעך פאַר בערקמאַנס אָנפאַל אויף פריקן. די מער קאָנסערוואַטיווע פירער פון סטרייק, ווי אָ׳דאָנעל, האָבן אפילו אונטערשטראָכן, אַז בערקמאַנס קויל „האָט ניט געטראָפן פריקן, דערפאַר האָט זי אָבער געטראָפן אין דיי־סאַמע האַרץ פון דעם האָמסטעד־סטרייק“.

אויף די מאַסן סטרייקענדיקע אייזן־אַרבעטער און אויף די אַמעריקאַ־נער אַרבעטער בכלל, האָט אָבער בערקמאַנס טאַט געמאַכט אַ גוואַלטיקן איינדרוק. דער האַס צווישן די אַרבעטער צו דער קאַרנעגיע שטאָל קאָר־פּאָריישאָן, און ספּעציעל צו פריקן, איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן אין בערקמאַנען געזען אַ שליח פון גערעכטיקייט, וועלכער האָט „איינגע־געבן פריקן אַ פּאָרציע פון זיין אייגענער רפואה“.

דער קאָרעספּאָנדענט פון דער ניו יאָרקער פּאָלקס צייטונג דערציילט וועגן די געשפּרעכן, וואָס ער האָט געהערט צווישן די אַרבעטער אין פּיטס־בורג און אין האָמסטעד און וועגן זייער שטימונג. וואָס עס האָט דעם ברייטן עולם פאַרדראָסן, איז געווען דער שלעכטער דזשאָב, וואָס בערקמאַן האָט געמאַכט. „דעם מאַן קומט שיסן, ער האָט געדאַרפט בעסער טרעפן“. „אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס ער האָט אים אינגאַנצן ניט אָוועקגעלייגט“ — אָט דאָס זיינען געווען די פּירושים, וואָס די אַרבעטער האָבן געמאַכט אויף בערקמאַנס פאַרזוך צו דערשיסן פריקן.

בערקמאַנס אַטענטאַט איז געווען איינער פון די דראַמאַטישע עפּיזאָדן פון דעם גרויסן און ביטערן האָמסטעד־סטרייק. דער אויסגאַנג פון דעם קאַמף איז אָבער פון דעם ניט באַאיינפלוסט געוואָרן. און דער אויסגאַנג איז געווען קלאָר, באַלד ווי די קאַרנעגיס קאָמפּאַניע האָט אונטערן שוץ פון מיליטער געעפנט אירע פאַבריקן מיט סקעבס.

די אַרבעטער האָבן נאָך פאַר לאַנגע וואָכן פאַרגעזעצט דעם קאַמף. זייער זאַך איז אָבער געווען פאַרלאָרן. די שטאַרקסטע אַרבעטער יוניאָן פון דער צייט, די אַמאַלגעמייטעד אַסאָסיאיישאָן אָוו אייראָן און סטיל וואָרקערס איז אונטערגעגאַנגען אין דעם קאַמף מיט דער קאָנצענטרירטער מאַכט פון קאַפּיטאַל, וואָס האָט געהאַט צו איר דינסט ניט בלויז פּינקערטאָן־דעטעקטיווס און סקעבס, נאָר אויך די רעגירונג פון סטייט און פון לאַנד.

אין נאָוועמבער, נאָך פיר און אַ האַלב חדשים קאַמף, איז דער סטרייק אויפגעגעבן געוואָרן. פריק האָט דערגרייכט זיין ציל. ער האָט צעבראָכן די אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער אין דער אייזן־און־שטאָל אינדוסטריע. די אַרבעטער פון דער דאָזיקער אינדוסטריע זיינען זינט דעם האָמסטעד־סטרייק די ערגסט־עקספּלואַטירטע אין אַמעריקע. מיט דעם אויסנאַם פון דעם גרויסן פאַרזוך וואָס חבר פאָסטער האָט געמאַכט אין 1919 צו אָרגאַניזירן די שטאָל־אַרבעטער, איז די „אָפיציעלע" אַרבעטער־באַוועגונג אינגאַנצן גלייכגילטיק צו זייער גורל.

לודלאָו

מיר קעמפן פאר אונזערע רעכטן,
מיר קעמפן פאר אונזערע היימען,
מיטן מעכטיקן קאמפּס־רוף פון יוניאָן.
צו זיגן אין קאמף זיינען מענער געפאלן,
געפאלן צו מאכן אונז פריי
מיטן מעכטיקן קאמפּס־רוף פון יוניאָן.

(פונם קאמפּס־ליד פון די קאָלאָראדא מיינערס)

אין דער געשיכטע פון די בלוטיקע קלאסן־שלאכטן פון די אמעריקאנער ארבעטער פארנעמען די קאמפן פון די מיינערס א בכבודיקן פּלאץ. ווען מיינערס סטרייקן — איז קאמף, און ווען מיינערס קעמפן — איז מלחמה. דער סטרייק אין קאָלאָראדא אין 1913־1914 איז איינער פון די מלחמה־בלעטער, וואָס די מיינערס האָבן אריינגעשריבן אין דער געשיכטע פון דער אמעריקאנער ארבעטער־באוועגונג.

אמעריקע ערב דער וועלט־מלחמה. דער פּראָצעס פון אינדוסטריעלער קאָנצענטראציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אומגעפער 40 יאָר פריער, האָט איצט דערגרייכט א הויכע מדרגה. דער שטאָל־טראָסט, דער אויל־טראָסט, דער קוילן־טראָסט, דער אייזנבאַן־טראָסט, דער פלייש־טראָסט זיינען דער קלאסישער אויסדרוק פון דער סיסטעם, וואָס גיט א קליין הייפעל מענטשן די מעגלעכקייט אָנצוזאמלען ריזיקע קאפּיטאלן פון דער פראצע פון די ארבעטער־מאסן.

דורך א סיסטעם פון דורכגעקייטעלטע פארוואלטונגען („אינטערלאקינג דירעקטאָרייטס") האלט א הייפעל מענטשן דאס גאנצע עקאָנאָמישע לעבן פון לאנד אין זיינע הענט. למשל: דער שטאָל־טראָסט און דער אייזנבאַן־טראָסט קאָנטראָלירן צוזאמען 75 פּראָצענט פון דער גאנצער פּראָדוקציע פון קוילן אין די פאראייניקטע שטאטן. און אָט ווי דאס ווערט געטאָן: דער שטאָל־טראָסט קאָנטראָלירט די פעדעראל סטיל קאָרפּאָריישאָן פון ניו דזשוירזי, וואס איז די אייגענטימערן פון דער אילינאָי שטאָל־קאָמפּאַניע, וואָס קאָנטראָלירט א קוילן קאמפּאניע, די קוילן און קאָקס קאָמפּאַניע פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס איז פאר דער וועלט באקאנט, אלס אַן אומ־

אָפּהענגיקע אונטערדנעמונג. די פעדים פון אָט־די אַלע אונטערנעמונגען קומען זיך ערשט דעמאָלט צונויף אין הויפּט־צענטער, אין דער באַנק פון דזשיי. פּ. מאָרגאַן און קאָמפּאַניע אין וואָל־סטריט. 13 וואָל־סטריט בענק קאָנטראָלירן די גאַנצע קוילן־אינדוסטריע, די גאַנצע שטאָל־אינדוסטריע און דעם גאַנצן אייזנבאַן־פאַרקער אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אָט־די גוואַלדיקע קאָנצענטרירונג פון עקאָנאָמישער מאַכט אין די הענט פון אַ הייפל פינאַנץ־מאַגנאַטן האָט אָבער לחלוטין ניט באַווירקט די פּאָליסיס פון דער אָפיציעלער פירערשאַפט פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג. ניט געקוקט אויף דער קאָנצענטרירונג פון ריזיקע אַרבעטער־אַרמייען אין יעדער אינדוסטריע, פאַרבלייבט די אַמעריקאַן פעדערייישאָן אָוו לייבאָר געטריי איר פּרינציפּ פון פאַך יוניאָנס, פאַרבלייבט זי די אָרגאַניזאַציע פון די קוואַליפיצירטע אַרבעטער. די צענדליקער מיליאָנען ניט קוואַליפיצירטע אַרבעטער וואָס זיינען געוואָרן דער רוקן־ביין פון דער אינדוסטריע זיינען פאַרבליבן ניט אָרגאַניזירט, און די אַמעריקאַן פעדערייישאָן אָוו לייבאָר האָט אפילו ניט געמאַכט דעם קלענסטן פאַרזוך זיי צו אָרגאַניזירן.

די אַנטשטייאונג פון דעם לינקן פליגל אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג

אין די טיפעניש פון דעם אַמעריקאַנער אַרבעטער־קלאַס קומט אָבער פאָר אַ מעכטיקער פּראָצעס פון אויפוואַכונג. די מיליאָנען ניט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער רייסן זיך צום קאַמף. דאָ און דאָרטן ברעכן אויס סטרייקס פון ניט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער. זיי פעלט אָבער פירערשאַפט, זיי פעלט אָרגאַניזאַציע.

די דאָזיקע נויט פון די מאַסן ניט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער האָט ניט געקענט ניט געפינען קיין אָפּקלאַנג אין די רייען פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג. די מער רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אָרגאַניזירן אין יאָר 1905 די אינדאָסטריעל וואָרקערס אָוו די וואָרלד (איי־דאָבעליו־דאָבעליו), וואָס שטעלט זיך אַלס אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן די מאַסן ניט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער. די פירערשאַפט פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז אָבער אַליין אָפּאָרטוניסטיש־קאָנסערוואַטיוו. אין דער אינדאָסטריעל וואָרקערס אָוו די וואָרלד קומט פאָר אַ בלוטיקער קאַמף איבער דער פראַגע פון פּאָליטישער אַקציע, דירעקטער אַקציע, סאַבאָטאַזש א. א. וו. דער רעוואָלוציאָנערער פליגל פון דער

סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט ניט קיין אויסגעהאַלטענע פּראָגראַם, מאַכט טעותן, זוכט זיך צו פאַרנעמען אויף די וועגן פון פּראָנצויזישן קליינבירגערלעכן סינדיקאַליזם (דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל איז דעמאָלט נאָך אַ זאַך פון דער צוקונפט), ער זוכט אָבער נייע וועגן ווי אַזוי צו דערגרייכן און אָרגאַניזירן די מאַסן.

אין 1912 געלינגט דער פירערשאַפט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי דורכצופירן דעם באַרימטן אַמענדמענט צו דער קאָנסטיטוציע פון דער פּאַרטיי, וואָס שטעלט אַוועק די לייטנדע גייסטער פון דער איי דאָבעליו דאָבעליו אויסער דער פּאַרטיי. באַפרייט פון דעם צוואַנג פון דער קאָנסערוואַטיווער פירערשאַפט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, ווערט באַלד די דאָזיקע באַוועגונג אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דעם קלאַסן־קאַמף אין אַמעריקע.

די איי דאָבעליו דאָבעליו מאַכט איר ערשטן דעביוט אין דעם גרויסן טעקסטיל סטרייק אין 1912. ניט באַפרידיקנדיק זיך מיט איר טעטיקייט צווישן די אינדוסטריעלע אַרבעטער פון דער איסט, טראָגט זי אַריבער איר טעטיקייט אויך צווישן די וואַנדערנדע אַרבעטער פון דער וועסט. די איי דאָבעליו דאָבעליו האָט צוריק אַריינגעבראַכט אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג דעם גייסט פון קאַמף, פון אויפאָפּפערונג, פון אידעאַליזם. די מאַסן זיינען ווי באַרוישט געוואָרן פון דעם דאָזיקן נייעם גייסט און ס'האָט אויסגעזען ווי די מעכטיקע באַוועגונג פון די אַכציקער יאָרן לעבט אויף, ווי די אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג עפנט אויף אַ ניי בלאַט אין איר געשיכטע.

די אַמעריקאַן פעדערייש׳אָן אָוו לייבאָר האָט אין דער אַנטשטייענדיקער באַוועגונג געזען בלויז אַ נייע קאָנקורענץ־אָרגאַניזאַציע, וואָס דראָעט איר מאָנאָפּאָל אויף דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג. גאָמפּערס און זיינע לייטענאַנטן האָבן געהאַט גענוג דערפאַרונג צו פאַרשטיין, אַז זיי קענען באַגעגענען די דאָזיקע באַוועגונג בלויז אויף איר אייגענעם באָדן, דורך אָרגאַניזירן די מאַסן ניט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער, צו וועלכע די איי דאָבעליו־דאָבעליו האָט אַפּעלירט. אויף דער קאָנווענשאָן פון דער אַמעריקאַן פעדערייש׳אָן אָוו לייבאָר, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ראָטשעסטער אין 1912, איז דעריבער די פראַגע פון אָרגאַניזירן די ניט־קוואַליפיצירטע אַרבעטער געוועזן איינע פון די וויכטיקסטע.

די פירערשאַפט פון דער יונייטעד מאַין וואָרקערס פון אַמעריקע האָט באַזונדערס שטאַרק געפילט די קאָנקורענץ פון דער נייער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע. די מיינערס יוניאָן, להיפוך די אַנדערע יוניאָנס פון דער

אַמעריקען פעדערײשאַן אָוו לייבאָר, איז ניט געווען קיין פאַר־יוניאָנן, נאָר אַן אינדוסטריעלע יוניאָן, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון די נייטס אָוו לייבאָר אין די יאָרן פון איר גלאַנץ. אין דער מיינערס יוניאָן האָבן נאָך געלעבט די רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס פון אירע גרינדער און די רע־וואָלוציאָנערע אידייען פון דער איי דאָבעליו־דאָבעליו האָבן באַזונדערס שטאַרק אַפּעלירט צו דער ריינק און פייל פון דער יוניאָן. די יוניאָן פון די מיינערס האָט זיך דעריבער באַזונדערס ערנסט גענומען אָרגאַניזירן די ניט־אָרגאַניזירטע קוילן־גרעבער. דער גרויסער סטרייק אין קאָלאָראַדאָ אין 1913־1914 איז געווען דער באַלדיקער רעזולטאַט פון אָט־די געשעענישן.

די אַרבעט־באַדינגונגען אין קאָלאָראַדאָ

די קוילנגרעבער פון דרום קאָלאָראַדאָ זיינען אין משך פון איבער 30 יאָר געווען די אמתע שקלאַפן פון די קוילן־קאָמפּאַניעס. די דריי גרויסע קוילן־קאָמפּאַניעס פון קאָלאָראַדאָ, די קאָלאָראַדאָ פיועל ענד אײראָן קאָמ־פּאַניע, די וויקטאָר אַמעריקען פיועל קאָמפּאַניע און די ראָק מאַונטיין פיועל קאָמפּאַניע זיינען געווען די אַלהערשער פון גאַנצן סטייט, און הויפּטזעכלעך פון דעם קוילן־דיסטריקט. דער דאָזיקער טריאומוויראַט, ווי אָט־די דריי קאָמפּאַניעס זיינען געווען באַקאַנט, האָבן קאָנטראָלירט דעם עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון שטאַט. דעם 2טן דעצעמבער זיי־נען באַאמטע פון דער מיינערס יוניאָן אָנגעקלאָגט געוואָרן פון אַ פעדעראַ־לער גרענד־דזשורי פאַר איבערטרעטן דעם שורמאַן אַנטי־טראָסט געזעץ. די דאָזיקע גרענד־דזשורי, וואָס איז זיכער ניט געווען איבעריק פריינטלעך צו די קוילנגרעבער מוז אָבער דערקלערן:

> „די קוילן־קאָמפּאַניעס זיינען גענוג איינפלוסרייך צו נאָמינירן, דערוויילן און קאָנטראָלירן פיל באַאמטע, שאַפנדיק צוליב דעם אַ קאָמ־פּליצירטע אינדוסטריעלע סיטואַציע און ארויסרופנדיק פּאָליטישע פאַר־אורטיילן."

פאַר דער קאָנגרעס־קאָמיטע, וואָס האָט אונטערזוכט דעם סטרייק אין קאָלאָראַדאָ, זיינען ארויסגעבראַכט געוואָרן צענדליקער פאַקטן, ווי אַזוי די קוילן־קאָמפּאַניעס קאָנטראָלירן דעם גאַנצן שטאַט, אָנהויבנדיק פון שעריף און ענדיקנדיק מיטן גאָווערנאָר.

דער דעמאָלדיקער גאָווערנאָר פון קאָלאָראַדאָ אַמאָנס איז געווען אַ שוואָ־גער פון איינעם פון די מיין־אייגענטימער. דזשעפערסאָן פאַרד, דער שעריף פון

הוערפאנא קאונטי, וואו פיל מיינערס האָבן פארלוירן זייערע לעבנס אין קאמף מיט די דעטעקטיווס, וואָס די קאָמפּאַניע האָט אראָפּגעבראכט צו ברעכן דעם סטרייק, איז געווען אין אָמט ארום 15 יאָר. ער איז געווען באַקאַנט אַלס „דער קעניג פון הוערפאנא קאונטי". זיין וואָרט איז געווען געזעץ. זיין וואָרט איז אָבער געווען דאָס וואָרט פון די קוילן־קאָמפּאַניעס. דזשאָן מעקווערי, איינער פון זיינע געוועזענע געהילפן, האָט פאַר דער קאָנגרעס־קאָמיטע דערציילט, ווי אַזוי דער דאָזיקער שעריף איז בלויז אַ געצייג אין די הענט פון די קוילן־קאָמפּאַניעס, וואָס האָבן אים אריינגעזעצט אין אָט־דעם אָמט, און ווי אַזוי ער פּילט אויס אַלע זייערע באַפעלן — פון אָבטונג־געבן, אַז בלויז אייגענע מענטשן זאָלן דערוויילט ווערן אין צייט פון וואַלן, ביז מאַכן בלבולים (פריים־אַפּס) אויף יוניאָן אָרגאַנייזערס.

אַ דאַנק אָט־דעם פּאָליטישן איינפלוס, האָבן די קוילן־קאָמפּאַניעס ניט בלויז דיקטירט די געזעצן פון שטאַט, נאָר האָבן געקאָנט אומבאַשטראָפט איגנאָרירן און ברעכן די אַרבעטער־געזעצן, וואָס האָבן זיך שוין געפונען אויף די סטאַטוט־ביכער פון קאָלאָראַדאָ. אַזוי לייענען מיר אין דעם האַלביערלעכן באַריכט פון דער ביוראָ פאַר אַרבעטער־סטאַטיסטיק פון קאָלאָראַדאָ פאַר 1911־1912:

„מערץ 21, 1912 — „וואָוטען לענד" און „פּיועל קאָמפּאַניע", 2 קוילנגרובן, וואָס געפינען זיך לעבן גרעניץ פון מעקסיקאָ אויף דער סטאַנציע פון דער אייזנבאַן ליניע. איך האָב געפונען די וואָג־שאָלן ניט באַלאַנסירט, די וואָג־שאָלן אין דער טוירנער־מיין זיינען געווען זייער ניט גינסטיק פאַר די אַרבעטער, ס'איז געווען אוממעגלעך די דאָזיקע וואָגשאָלן צו באַלאַנסירן.

„מערץ 26, 1912 — דעלאַגואַ — אַ מיין פון דער „וויקטאָר אַמעריקען פּיועל קאָמפּאַניע": ס'אַרבעטן אַ גרויסע צאָל אַרבעטער. מען האָט מיר געזאָגט, אַז ס'איז אַן אָפּענער קעמפּ, איך האָב אָבער געפונען באַוואָפנטע באַנדיטן („גאָנמען") גרייט אַרויסצוטרייבן יעדן אומגעווינשטן. און מען האָט מיר ניט דערלויבט צו עקזאַמינירן די וואָג־שאָלן. מערץ 28, די זעלביקע באַדינגונגען האָב איך געפונען אין הייסטינגס.

„מאַי 15, 1912 — מאַיטלאַנד — ניט דערלויבט צו עקזאַמינירן די וואָג־שאָלן אין דער מיין פון דער „וויקטאָר אַמעריקען פּיועל קאָמפּאַניע".

„מאַי 16, 1912 — אין דער מיין פון דער „גאָרדאָן קוילן קאָמ־

פאַניע" אַרבעטן קינדער אונטער 16 יאָר; געצוואונגען זיי גלייך אָפּ־צוזאָגן.

„מאי 16, 1912 — פּיקטאו — אַ מיין פון דער „קאָלאָראַדאָ פיועל און אייראָן קאָמפּאַניע". מר. מענלי, דער פּאַרוואַלטער, האָט מיר דער־קלערט, אַז איך קען דידאָזיקע מיין ניט באַזוכן; אַז ער פאַרוואַלטעט אָט־די מיין און ניט דער שטאַט, און אַז דער איינציקער וועג פאַר מיר צו באַזוכן די מיין, איז צו קריגן אַ דערלויבעניש פון מר. וויעטצעל, דעם גענעראַל־פאַרוואַלטער. איך האָב אַזאַ דערלויבעניש געקראָגן דעם נעקסטן טאָג. מר. מענלי האָט זיך אַנטשולדיקט, דערקלערנדיק, אַז ער איז באַגאַנגען אַ פעלער; ער האָט געהאַלטן אַז איך קאָן ניט עקזאַמינירן די וואָג־שאָלן, און איך האָב עס ניט געטאָן."

מען וואָלט געקענט ברענגען נאָך צענדליקער אַזעלכע באַריכטן, וואָס ווייזן, אַז די מיין־אייגנטימער האָבן איגנאָרירט די אינספּעקציע־געזעצן פון קאָלאָראַדאָ. ס'איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס די צאָל אומגליקן אין די קוילן־גרובן פון קאָלאָראַדאָ האָט געהאַלטן אין וואַקסן. פון 1898 ביז 1911 איז דער פּראָצענט אויסגעוואַקסן פון 3.57 אומגליקספאַלן אויף יעדע טויזנט אַרבעטער ביז 20.36 אויף דער זעלביקער צאָל אַרבעטער.

די שכירות זיינען געווען קלענלעכע. די קוילן־מאַגנאַטן האָבן זיך באַרימט פאַר דער אונטערזוכונגס־קאָמיטע פון קאָנגרעס, אַז די דורכשניט־לעכע שכירות פון אַ קוילן־גרעבער, ווען ער אַרבעט, איז 4 דאָלאַר מיט 58 סענט אַ טאָג. די מיינערס האָבן אָבער צוגעשטעלט באַווייזן, אַז די דאָזיקע ציפערן זיינען ניט ריכטיק, אַז די דורכשניטלעכע שכירות פון אַן אַרבעטער איז 2 דאָלאַר מיט 61 סענט אַ טאָג, און אין אַ סך פאַלן אַזוי נידעריק ווי אַ דאָלאַר מיט 71 סענט אַ טאָג. ניט יעדער קוילנגרעבער האָט אָבער געהאַט דאָס מזל צו אַרבעטן יעדן טאָג.

אָפילו אָט־די קלענלעכע שכירות האָבן די קוילן־גרעבער ניט געקראָגן אין מזומן. דער קוילנגרעבער האָט געמוזט וואוינען אין די הייזלעך, וואָס די קאָמפּאַניע האָט געבויט, קויפן אין געשעפט, וואָס די קאָמפּאַניע האָט אויפגעהאַלטן אין קעמפּ, אַזוי, אַז צום סוף חודש פלעגט אַ מיינער קריגן וועלכע 10 דאָלאַר, אויב ער איז נאָך ניט געבליבן שולדיק דער קאָמפּאַניע.

אָט איז אַ געוויינלעכער חשבון, וואָס די קאָלאָראַדאָ אייראָן און פיועל קאָמפּאַניע האָט געהאַלטן מיט אירע אַרבעטער.

טאבעסקא מיין, אויגוסט 13, 1913
(חשבון פון דער „קאָלאָראדאָ אייראָן און פיועל קאָמפּאַניע"
מיט דזשיימס פולער *)

פאַרדינסטן :

3,237 הונדערט געוויכט צו — פּער טאָג	89.02
צוזאמען	89.02

אראָפּגענומען :

אָנווייזונגען	$50.00	
פולווער	3.00	
האָספּיטאל פאָנד	1.00	
רענט	10.00	
שמידער	.50	
באצאָלט דעם ערשטן האלבן חודש		$14.00
שולדיק א באלאנס פון		$10.52

געארבעט 25 טעג, פארלאָרן 1 טאָג

א שטיקל געשיכטע

זינט 1884 האָבן די מיינערס פון קאָלאָראַדאָ געמאַכט איין פאַרזוך נאָך דעם צווייטן אויסצוקעמפן פאַר זיך בעסערע לעבנס־באַדינגונגען. יעדן מאָל האָבן זיי זיך אָבער אָנגעשטויסן אָן דער פאַראייניקטער מאַכט פון קאַפּיטאַל און שטאַט־רעגירונג. דזשאָן ד. ראַקעפעלער איז געווען דער אייגנ־טימער פון דער גרעסטער מיין־קאָמפּאַניע אין דרום קאָלאָראַדאָ. זיין וואָרט איז געווען געזעץ פאַר די מיין־אייגנטימער פון קאָלאָראַדאָ. אויב ווער פון די קלענערע מיין־אייגנטימער האָט געוואַגט ניט אויסצופאָלגן ראַקעפעלערס פאָליסים אין זיינע באַציאונגען מיט די אַרבעטער, האָט ער באַלד אויסגע־פונען, אַז זיין קרעדיט אין באַנק איז אָפּגעשטעלט געוואָרן און אַז ער מוז זיך בויגן פאַר דעם ווילן פון 26 בראָדוויי.

איין סטרייק נאָך דעם צווייטן איז געבראָכן געוואָרן מיט דער הילף

*) פאַרהער פון דער קאָמיטע פון קאָנגרעס, באנד 2, זייט 2,618. דזשיימס פולער איז געהרגעט געוואָרן אין דער לודלאָו שלאכט.

פון באַוואָפנטע דעטעקטיווס און שעריפס. טויזנטער ארבעטער זיינען דע־פאָרטירט געוואָרן, זייערע היימען זיינען רואינירט געוואָרן אין די פּאַרזוכן אויסצוקעמפן מענשליכע באַדינגונגען אין ראָקעפעלערס קוילנגרובן. גע־טריבן פון הונגער און נויט האָבן די אַרבעטער יעדעס מאָל געמוזט בויגן זייערע קעפּ און זיך אומקערן שקלאַפן. דער שוואַרצער צעטל האָט דער־וואַרטעט די מער אַגרעסיווע, וואָס האָבן ארויסגעוויזן פייאיקייט פאַר פירער־שאַפט.

אין 1904 האָבן די מיינערס פון קאָלאָראַדאָ געמאַכט זייער ערשטן גרויסן פּאַרזוך זיך צו אָרגאַניזירן. די אַרבעטער האָבן דערקלערט אַ סטרייק און אין משך פון לאַנגע חדשים האָבן זיי בראַוו געקעמפט און געליטן פאַר זייערע פאָדערונגען. דער קאַמף האָט זיך געענדיקט מיט דעם, וואָס די סטרייקער זיינען דעפּאָרטירט געוואָרן פון קאָלאָראַדאָ אין פראַכט־וואַגאָנען, ווי אַ סטאַדע בהמות. גרינע איטאַליענער, גריכן און סלאַוון זיינען געבראַכט גע־וואָרן צו פאַרנעמען זייער פּלאַץ. ראָקעפעלער איז געווען באַזאָרגט מיט אונטערטעניקע שקלאַפן.

אין די 9 יאָר, וואָס זיינען אַוועק זינט דעם סטרייק פון 1904, האָבן אויך די נייע שקלאַפן זיך אָנגעהויבן צו בונטעווען קעגן די אוממענטשלעכע באַדינגונגען. די אָרגאַניזירער פון דער מיינערס יוניאָן, וואָס זיינען אין 1913 ארויסגעשיקט געוואָרן צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער פון דרום קאָלאָ־ראַדאָ, האָבן געפונען אַ פּאַרטיקן באָדן פאַר זייער אַרבעט. אין די טויזנטער האָבן זיך די קוילנגרעבער אָנגעשלאָסן אָן דער יוניאָן. די יוניאָן איז געוואָרן דער סימבאָל פון זייערע האָפנונגען פאַר אַ בעסערן לעבן.

אָבער אויך די מיין־מאַגנאַטן האָבן זיך געגרייט פאַר אַ קאַמף. זיי האָבן איבערגעפילט די מיין־קעמפּס מיט באַנדיטן פון דער באַלדווין־פעלטס דעטעקטיוו־אַגענטור. דעם 16טן אויגוסט, 1913, האָבן צוויי באַלד־ווין דעטעקטיווס, בלעק און בעלטשער, דערשאָסן אינמיטן העלן טאָג אויף די גאַסן פון טרינידאַר אַן אָרגאַנייזער פון דער מיינערס יוניאָן, דזשעראַלד ליפּיאַט. די נייעס פון דעם דאָזיקן מאָרד איז באַקאַנט געוואָרן, ווען די סטייט פעדערייש‌אָן אָוו לייבאָר פון קאָלאָראַדאָ האָט אָפּגעהאַלטן איר יער־לעכע קאָנווענשאָן. דער ברוטאַלער מאָרד האָט אויפגערודערט די דעלעגאַטן. די קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען אַ באַשלוס צו שטיצן מאָראַליש און פינאַנ־ציעל אַ סטרייק פון די מיינערס.

פאָדערונגען פון די מיינערס

די מיינערס יוניאָן האָט ארויסגעלאָזן אַ רוף פאַר אַ קאָנפערענץ

פון מיינערס און מיין־אייגנטימער, וואָס זאָל אָפּגעהאַלטן ווערן אין טרינידאַר דעם 16טן סעפּטעמבער. אין דעם בריוו, וואָס די יוניאָן האָט ארויסגעשיקט צו די מיין־אייגנטימער דעם 26טן אויגוסט, ווערט דערקלערט:

„באַטש מיר ווייסן, אז אין דער פארגאנגענהייט האָט איר געפירט א פּאָליטיק פון שארפער קעגנערשאפט צו אונזער יוניאָן, האָפן מיר דאָך, אז איר וועט איצט באטראכטן דעם ענין אין אן אנדער ליכט און וועט זיך באגעגענען מיט אונז אויף א געמיינזאמער קאָנפערענץ פאר דעם צוועק אויסצוגלייכן אויף א פרידלעכן אופן די פונקטן פון דער איצ־טיקער שטרייטיקייט. מיר ווילן ניט קיין סטרייק, פונקט ווי איר ווילט דאָס ניט, און אונז שיינט, אז אין די אינטערעסן פון ביידע צדדים, פונקט ווי אין די אינטערעסן פון אלגעמיינעם פובליקום, דארף געמאכט ווערן אן ערלעכער פארזוך אויסצוגלייכן די שטרייטיקייטן אף אן אויפ־געקלערטן אופן.“

די מיין־מאַגנאַטן האָבן אויף דעם דאָזיקן בריוו ניט געענטפערט. די קאָנפערענץ פון די מיינערס־דעלעגאַטן איז אָבער אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דער באַשטימטער צייט. אויף דער דאָזיקער קאָנוועגשאָן זיינען אויסגעאַרבעט און אָנגענומען געוואָרן די פאָלגנדיקע פאָדערונגען:

1.) אנערקענונג פון דער יוניאָן.

2.) העכערונג פון צען פּראָצענט אין שכירות.

3.) אכט שעהדיקער אַרבעט־טאָג.

4.) געצאָלט פאר טויטער־ארבעט, ווי אָפּראָמען שטיינער, געהילץ, א. א. וו.

5.) רעכט פאַר די אַרבעטער אָנצושטעלן זייער אייגענעם אויפזעער באַם אָפּוועגן די קוילן.

6.) רעכט פון די אַרבעטער צו קויפן אין אַנדערע געשעפטן אחוץ די געשעפטן פון דער קאָמפּאַניע.

7.) אָפּשאַפן די סיסטעם פון וועכטער (גאַרדס) אין די מיינס און אָפּהיטן די מיין־געזעצן.

דער קאַמף הויבט זיך אָן ......

די דעלעגאַטן פון די מיינערס האָבן געוואָלט, אז דער סטרייק זאָל תיכף

גערופן ווערן. די אַרבעטער האָבן זיך געריסן צום קאַמף. די באַאַמטע פון דער יוניאָן זיינען אָבער באַשטאַנען אויף דעם, אַז זיי זאָלן קריגן נאָך אַ וואָך צו פאַרהאַנדלען מיט די מיין־מאַגנאַטן. די לעצטע האָבן אַפילו ניט געוואָלט הערן וועגן פאַרהאַנדלונגען, און דעם 23טן סעפּטעמבער, 1913, האָבן 11,232 מיינערס פאַרלאָזן די קוילנגריבער און ארויס אין סטרייק.

דער גאַנצער קוילן־דיסטריקט איז באַלד פאַרפלייצט געוואָרן פון די סטרייק־ברעכערישע דעטעקטיווס פון דער באַלדווין־פעלטס דעטעקטיוו־אַגענטור. די באַנדיטן האָבן געהאַט אַ נאָמען פאַר זייער אַרבעט אין ברעכן סטרייקס. ערשט מיט אַ פּאָר חדשים פריער האָבן זיי אויפגערודערט די גאַנצע אַרבעטער־וועלט מיט זייער בלוטיקער טעטיקייט אין ברעכן דעם סטרייק פון די מיינערס אין וועסט ווירדזשיניא. די מיין־מאַגנעטן האָבן באַוואָפנט די אימפּאָרטירטע דעטעקטיווס מיט ביקסן און מאַשין־ביקסן און איינגעפירט אַ הערשאַפט פון טעראָר, וואָס האָט צו זיך ניט קיין גלייכן אין דער געשיכטע פון אינדוסטריעלע קאָנפליקטן.

אַ וואָך נאָכן אָנהויב פונם סטרייק האָבן די קוילן־מאַגנאַטן געצוואונגען די סטרייקער צו פאַרלאָזן זייערע וואוינונגען, אין די הייזלעך פון די מיין־קאָמפּאַניעס. די פירער פון סטרייק זיינען געווען גרייט פאַר אַזאַ פאַל. זיי האָבן אָפּגעדונגען שטיקער לאַנד ניט ווייט פון די קוילנגרובן און דאָרט אויפגעשטעלט ביידלעך, אין וועלכע די סטרייקער מיט זייערע פאַמיליעס האָבן זיך אריינגעקליבן. פאַרניכטן אָט־די ביידלעך־קאָלאָניעס און ארויס־טרייבן די סטרייקערס, „אָפּרייניקן זיי" — איז געווען דער צוועק פון די באַלדווין־באַנדיטן.

די סטרייקערס האָבן אָבער ניט געלאָזט זיך „אָפּרייניקן", און אַ פאַר־ביטערטער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן צווישן די סטרייקער און די דעטעק־טיווס.

די קוילן־מאַגנאַטן האָבן באַזאָרגט די דעטעקטיווס מיט אַ באַפּאַנצערטן אויטאָמאָביל, וואָס איז באַקאַנט געוואָרן אין דעם סטרייק־דיסטריקט אַלס דער „טויט־ספּעשעל". באַוואָפנט מיט מאַשין־ביקסן, פלעגן די דעטעק־טיווס זיך ארומטראָגן אין דעם דאָזיקן אויטאָמאָביל איבער דער סטרייק־געגנט, אָנוואַרפנדיק אַ פחד אויף יעדן איינעם, וואָס איז געקומען אין וועג. באַנאַכט פלעגן זיי אָנשטעלן אויף די קאָלאָניעס מעכטיקע רעפלעקטאָרן, מאַכנדיק אוממעגלעך פאַר די איינוואוינער פון די קאָלאָניעס צו שלאָפן.

דער „טויט־ספּעשעל" באַשיסט די פאָרבס־קאָלאָניע

די דאָזיקע מעטאָדן פון מאַטערן די סטרייקער האָט אָבער זייער מוט

ניט געבראָכן. ווי איינער, זיינען די אַרבעטער געשטאַנען פעסט, אַנטשלאָסן אויסצוקעמפן זייערע פאָדערונגען. די באַנדיטן האָבן זיך דעמאָלט גע־נומען אויסמאָרדן די פרידלעכע סטרייקערס.

דעם 17טן אָקטאָבער איז דער „טויט־ספּעשעל" צוגעקומען צו דער פאָרבס־קאָלאָניע. איינער פון די געדונגענע באַנדיטן איז אונטער אַ וויי־סער פאָן צוגעקומען צו דער קאָלאָניע. אייניקע סטרייקער זיינען אַרויס געוואָר צו ווערן, וואָס ער וויל פון זיי. „איצט וועט איר קריגן דאָס איי־עריקע, האָט ער אויסגעשריען לויפנדיק צוריק צום באַוואָפנטן אויטאָמאָביל. אין דער זעלביקער צייט האָבן די אַנדערע דעטעקטיווס אָנגעהויבן שיסן אין די אומבאַוואָפנטע סטרייקער פון אַ מאַשין־ביקס. איינער איז געפאַלן טויט און עטלעכע זיינען שווער פאַרוואונדעט געוואָרן.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט דער „טויט־ספּעשעל" זיך אַריינגעריסן אין וואָלסענבורג און אַטאַקירט אַ פאַרזאַמלונג פון סטרייקער; 4 זיינען דער־שאָסן געוואָרן אויף טויט און אַ גרויסע צאָל איז פאַרוואונדעט געוואָרן.

פעלטס, פון דער באַלדווין־פעלטס דעטעקטיוו־אַגענטור, האָט שפּעטער דערקלערט אויף דעם פאָרהער פון דער קאָנגרעס־קאָמיטע, אַז דער באַפּאַנ־צערטער אויטאָמאָביל איז געבויט געוואָרן אויף זיין אָנווייזונג דורך דער קאָלאָראַדאָ איירען און פיועל קאָמפּאַני און אַז ער האָט געקויפט די מאַשין־ביקסן מיט דער צושטימונג פון די מיין־אייגענטימער, וועלכע האָבן פאַר זיי באַצאָלט.

נאָך דעם אָנפאַל אויף דער פאָרבס־קאָלאָניע האָבן די מיינערס זיך אָנ־געהויבן באַוואָפענען, כדי זיך צו קאָנען באַשיצן פון די באַנדיטן. דער סטרייק האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מלחמה צווישן די מיינערס און די באַ־וואָפנטע באַנדיטן פון די קוילן־מאַגנאַטן.

די קאָלאָראַדאָ מיליץ שטעלט זיך אין דינסט פון די קוילן־מאַגנאַטן

דעם 27טן אָקטאָבער, 1913, האָט גאָווערנאָר אַמאַנס פאַראָרדנט די מיליץ צו פאַרנעמען די סטרייק־געגנט. די סטרייקער האָבן באַגעגנט די סאָלדאַטן ווי דערלייזער; זיי האָבן באמת געגלויבט, אַז די מיליץ וועט זיך האַלטן אומפּאַרטייאיש און וועט זען, אַז ס'זאָלן אָפּגעהיט ווערן די געזעצן פון שטאַט. זיי האָבן פרייוויליק אָפּגעגעבן זייערע וואָפן, ווי דער גאָווער־נאָר האָט עס געפאָדערט אין זיין פּראָקלאַמאַציע.

די סטרייקנדע קוילנגרעבער האָבן אָבער גאָר גיך אויסגעפונען, אַז זיי האָבן געהאַט אַ ביטערן טעות. אויב די סטרייק־ברעכער פון דער באַלד־

ווין־פּעלטס דעטעקטיוו־אַגענטור זיינען געווען מערדער, זיינען זיי אָבער געווען בעסער, ווי די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע פון קאָלאָראַדאָ אונטער דער קאָמאַנדע פון דזשאָן טשייס. שיכור פון זיין אייגענער מאַכט, געשמייכלט פון די חניפות פון די מיין־אייגענטימער, האָט דערדאָזיקער קאָמאַנדיר פון דער קאָלאָראַדאָ־מיליץ זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין זאַך, כדי צו ברעכן דעם סטרייק.

די קאָנגרעס־קאָמיטע געפינט פאַר נויטיק צו דערקלערן אין איר באַריכט צום קאָנגרעס וועגן דער טעטיקייט פון דעם דאָזיקן קאָמאַנדיר:

דזשאָן מ. טשייס איז געווען דיקטאַטאָריש, אומדערטרעגלעך פאַר יעדן איינעם, וואָס איז געקומען מיט אים אין באַרירונג. ער האָט געהאַט די געלעגנהייט צו דערשיינען פאַר דער קאָמיטע, ער האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט עס צו טאָן."

וועגן זיין אויספירן דעם באַפעל פון גאָווערנאָר צו אַנטוואָפענען ביידע צדדים דערקלערט די קאָנגרעס־קאָמיטע:

„די מענטשן, וואָס זיינען פריער געווען אָנגעשטעלט אַלס מיין־וועכטער, זיינען אַנטוואָפנט געוואָרן; זיי זיינען אָבער תיכף איינגעשריבן געוואָרן, ווי מיטגלידער פון דער מיליץ, און האָבן צוריק באַקומען זייערע ביקסן."

ס'איז באַלד געוואָרן קלאָר, אַז די מיליץ איז אונטער דעם קאָנטראָל פון די קוילן־קאָמפּאַניעס. זייערע גרדונגענע באַנדיטן האָבן איצט געקראָגן די געזעצלעכע סאַנקציע פון שטאַט. יעדער אָנשטעל פון געזעצלעכקייט איז אינגאַנצן אָפּגעשאַפט געוואָרן. די באַנדיטן האָבן פראַנק און פריי געבושעוועט. וועגן זייערע האַנדלונגען דערקלערט דער באַריכט פון דער קאָנגרעס־קאָמיטע:

„אין אַנדערע פאַלן זיינען די האַנדלונגען (פון דער מיליץ) געווען אוממאָראַליש און פון אַזאַ כאַראַקטער, אַז זיי זיינען ניט פּאַסיק פאַרעפנטלעכט צו ווערן אין דעם דאָזיקן באַריכט. באַווייזן זיינען געבראַכט געוואָרן פאַר דער קאָמיטע וועגן דער ברוטאַלישקייט פון דער מיליץ. מענער און פרויען זיינען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין די טורמעס, ניט קריגנדיק די מעגלעכקייט צו באַווייזן זייער אומשולד."

די פאַקטן, וואָס דער באַריכט פאַרעפנטלעכט יאָ, זיינען גענוג צו פאַרגליווערן דאָס בלוט אין די אָדערן. אַט זאָגט עדות דער 11־יאָריקער יעס־

קענסקי. ער איז דער עלטסטער פון 4 קינדער. דער טאַטע איז אַ קריפּל, פאַרלאָרן אַ פוס אין אַן אויפרייס אין די קוילן־גרובן. זיי וואוינען אויף אַ „רעינדזש", ניט ווייט פון אַ קוילן־מיין. די מאַמע איז אַוועק אין שטאָט, איבערלאָזנדיק אים אַכטונג צו געבן אויף די קלענערע קינדער. אַן אויטאָ־מאָביל מיט צוויי שיכור'ע סאָלדאַטן שטעלט זיך אָפּ ביים הייזל. איינער פון די סאָלדאַטן קומט אַריין אין הויז, ער הויבט אָן ברעכן אַלץ וואָס מאַכט זיך אים אונטערן האַנט. דאָס אינגל וויינט און בעט זיך, ער זאָל ניט ברעכן די באַלעבאַטישקייט, ער האָט מורא אַז די מאַמע וועט אים שלאָגן, ווען זי וועט צוריקקומען, ער קריגט אַ בריק אין בויך. דאָס קלענערע שוועסטערל קומט אַריין, דער סאָלדאַט איז זי מכבד מיט אַ בריק אין פּנים. דאָס קינד פאַרגייט זיך אין געוויין. דער שיכורער פּאָגראָמשטשיק נעמט זי טראַמפּלען מיט די פיס. אין אַ ווינקל דערזעט ער אַ פאַרשלאָסענעם קופערט. אַ זעץ מיט אַ האַק און דער קופערט איז אָפן. ער הויבט זיך אָן גראָבן אין די זאַכן; ער געפינט אַ טייסטער מיט 200 דאָלאַר און לאָזט עס אַראָפּ אין קעשענע. פאַרן אַוועקגיין באַשפּריצט ער די קינדער מיט זיין איינגענעם וואַסער...

און אָט דערציילט אַן עדות, ווי מיליציאַנטן האָבן געצוואונגען דעם קוילנגרעבער קאַלנאַר אויסצוגראָבן פאַר זיך אַליין אַ קבר. קיין לעבעדי־קער איז ער שוין פון אָט דעם דאָזיקן קבר ניט אַרויסגעקומען.

די לודלאָר־בלוט־באָד*)

דער טעראָר פון דער מיליץ האָט דערגרייכט זיין קלימאַקס אין דעם פּאָגראָם אויף דער לודלאָו ביידל־קאָלאָניע.

דאָס איז געווען זונטיק, דעם 19טן אַפּריל, 1914. די איינוואוינער פון דער קאָלאָניע האָבן פרידלעך פאַרבראַכט ביי אַ בעיז־באָל שפּיל. 5 רייטנדע דעטעקטיווס זיינען צוגעפאָרן צו דער קאָלאָניע. די סטרייקערס האָבן זיי באַגעגנט מיט געזאַנג פון זייער קאַמפּס־ליד:

„נידער מיט באַלדווין, זאָל הערשן געזעץ,
קאָלאָראַדאָ, מיר קומען, מיר גייען,
מיט מעכטיקן קאַמפּס־רוף פון יוניאָן".

*) די באַשרייבונג איז באַזירט אויף דער דערציילונג פון אַן עדות, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער ניו יאָרק „וואירלד" פון 5טן מאַי, 1913, און אויף דעם באַריכט פון דער „פרויען פרידנס אַסאָסיאַיישאָן פון קאָלאָראַדאָ."

„דאָס איז אָלרייט“, האָבן די דעטעקטיווס געענטפערט, „איר זינגט זיך היינט, מיר וועלן האָבן אונזער בראָטנס מאָרגן“. זיי האָבן ניט געוואוסט די דאָזיקע פרידלעכע סטרייקערס, אַז זייער קאָלאָניע איז שוין ארומגערינגלט פון מאַשין־ביקסן און אַז די מערדער וואַרטן בלויז אויף דעם סיגנאַל פון זייער טשיף, מאַיאָר הערמאַק, אָנצוהויבן זייער בלוטיקע אַרבעט.

מאָנטיק אינדערפרי, דעם 20טן אַפּריל. אַ געוויינלעכער פרימאָרגן אין דערביידל־קאָלאָניע. די מענער זיינען פאַרנומען בא פאַרשידענע אַרבעטן. דאָ און דאָרט הערט זיך אַ ליד פון אַ מוטער, וואָס פאַרוויגט אַ קינד. פלוצלונג האָט אַ באָמבע אויפגעריסן אין ביידל פון מאַיאָר הערמאַק, דער אָפּגערעדטער סיגנאַל אָנצוהויבן די אַרבעט.

פון די ארומיקע בערג האָט אָנגעהויבן האָגלען אַ רעגן פון קוילן. אַ ״ אומדערוואַרטעט איז געקומען די אַטאַקע, אַז די איינוואוינער זיינען ווי פאַרגליווערטע געוואָרן פון שרעק. אָבער באַלד איז געוואָרן אַ ווילדער געלאַף. מענטשן האָבן געאיילט צו באַהאַלטן זיך פון דעם קוילן־מבול. ווי איבערגעשראָקענע האָזן, זיינען פרויען געלאָפן אין סאַמע פייער, טוליענדיק צו די ברוסטן זייערע עופלאַך. זיי זיינען געלאָפן זיך ראַטעווען אין דערבייאיקע גריבער, די ביידלעך זיינען אין אַ פּאָר מינוט אזוי דורכגעלעכערט געוואָרן פון קוילן, אַז זיי האָבן אויסגעזען ווי רעשעטעס.

פון איינעם פון די גרובן לויפט ארויס דער עלף יאָריקער פרענק סניידער. ער וויל קריגן אַביסל וואַסער פאַר זיין מוטער און שוועסטער. אַ קויל טרעפט אים אין קאָפּ און ער פאַלט אריין צוריק אין גרוב אַ טויטער.

די מענער קומען צו זיך. טיקאָס איז דער פירער פון די גריכישע אַרבעטער. ער שטעלט איין זיין לעבן און אונטערן האָגל פון די קוילן גייט ער בעטן בא מאַיאָר הערמאַק, ער זאָל אָפּשטעלן די מערדערלעכע אַטאַקע. ער ווערט גענומען געפאַנגען. מען באַשליסט אים צו הענגען. דער בלוטדורשטיקער ליוטענאַנט „בוטשער“ לינדערפעלט קאָן זיך אָבער ניט דערוואַרטן. ער דערלאַנגט דעם בראַוון מיינער מיטן פריקלאַר איבערן קאָפּ, און שפּאַלט אים דעם שאַרבן, טיקאָס פאַלט אַ טויטער. צו פאַרדעקן דעם שווידערלעכן מאָרד, שיסן זיי אים פון הינטן, כדי צו קאָנען דערקלערן, אַז ער איז געשאָסן געוואָרן, ווען ער האָט געמאַכט אַ פּרוּוו צו אַנטלויפן.

אַ גרופּע מיליציאָנערן מיט ברענענדיקע פאַקלען גנבעט זיך צו דער קאָלאָניע. זיי צינדן אונטער איין ביידל, אַ צווייטע. באַלד פלאַקערט אַ

העליש פייער. ווען אַביידל ברענט ניט אַזוי שנעל, באַגיסן זיי עס מיט קעראָסין. ראַקאַפעלערס קעראָסין טוט אויך דאָ די אַרבעט.

אַ גאַנצן טאָג האַלט אָן די מערדערלעכע אַטאַקע. ענדלעך קומט די נאַכט. די מערדער זיינען אָבער ניט גרייט אָפּצולאָזן זייערע קרבנות. זיי האַלטן געצילט אויף דער קאָלאָניע אַ מעכטיקן רעפלעקטאָר און ווייז איז דעם, וואָס סמייעט אַרויסצושטעקן אַ קאָפּ פון זיין באַהעלטעניש.

וויפיל מענטשן זיינען אומגעקומען יענעם שרעקליכן טאָג, איז קיינמאָל ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן. די מיליץ האָט דעם גאַנצן נעקסטן טאָג קיינעם ניט צוגעלאָזן צו דער קאָלאָניע, וואָס זיי האָבן פאַרניכטעט — אפילו ניט קיין דאָקטוירים און באַרמהערציקע שוועסטער. זיי האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט צו שיסן אין דער פאָן פון רויטן קרייץ, אונטער וועלכער די דאָקטוירים און באַרמהערציקע שוועסטער האָבן געפּרובירט העלפן די פאַרוואונדעטע.

מרס. פּוירל דזשאַלי, איינע פון די באַרמהערציקע שוועסטער, האָט דערקלערט, אַז זי האָט געזען, ווי די מיליציאָנערן האָבן באַראַבעוועט די טויטע קערפּערס און נאָכדעם זיי באַגאָסן מיט קעראָסין און פאַרברענט. ניט אַלע זייערע מעשים האָבן אָבער די מיליציאַנטן באַוויזן צו באַהאַלטן. אין איינעם פון די גריבער האָט מען שפּעטער געפונען די קערפּערס פון 11 קינדער און 2 פון זייערע מוטערס. אויף זייערע פּנימער האָט מען נאָך געקאָנט זען די סימנים פון די שרעקלעכע מאַטערנישן, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט. אָט־די פּנימער האָבן עדות געזאָגט, אַז די דערקלערונג פון דער מיליץ, אַז די דאָזיקע קרבנות זיינען דערשטיקט געוואָרן, איז אַ ליגן.

פאַר דער קאָנגרעס־קאָמיטע זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן פאַקטן וועגן די שוידערלעכע מעשים פון דער מיליץ דעם טאָג נאָך דעם פּאָגראָם אויף דער לודלאָו־קאָלאָניע. אַן אייזנבאַן־אַרבעטער האָט דערציילט, אַז ער מיט נאָך אייניקע אַרבעטער זיינען דינסטיק אינדערפרי פאַרבייגעגאַנגען די קאָלאָניע אויפן וועג צו דער אַרבעט. אויפן וועג האָבן זיי געפונען ליגן אַ שטאַרק צעברענט קינד, וואָס האָט זיך געמאַטערט אין שרעקלעכע יסורים. זיי האָבן עס געוואָלט אויפהויבן, אָבער אַ מיליציאָנער האָט אָנגעשטעלט אויף זיי די ביקס און זיי געהייסן שנעל זיך אָפּטראָגן. וואָס מיט דעם קינד האָט פּאַסירט, האָט דער עדות ניט געוואוסט. קיין לעבעדיק האָט מען עס ניט געפונען.

אַרבעטער־פירער פון קאָלאָראַדאָ רופן צו וואָפן

די נייעס וועגן דער שרעקלעכער בלוט־באָד אין לאָדלאָו האָט אויפגע־טרייסלט די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג. די אַרבעטער־פירער פון קאָלאָראַדאָ, וואָס האָבן ניט אויפגעהערט צו פריידיקן צו די סטרייקער, אַז זיי זאָלן זיך פאַרהאַלטן רואיק און אין די ראַמען פון געזעץ, האָבן איצט אַרויס־געלאָזן אַ רוף צו די אַרבעטער זיך צובאַוואָפענען און מיט געווער אין די הענט זיך שטעלן קעגן דער מיליץ.

„אָרגאַניזירט די אַרבעטער אין אייער געגנט" — לויטעט דער רוף — „אין וואָלונטירן־אָפּטיילונגען צו באַשיצן די אַרבעטער פון קאָלאָראַדאָ. באַוואָפנטע מערדער אין דינסט פון די קוילן־מאַגנאַטן, אונטער דער מאַסקע פון מיליציאָנערן, מאָרדן מענער, פרויען און קינדער. זאַמלט צענויף געווער און אַמוניציע זיך צו פאַרטיידיקן".

„דער שטאַט גיט אונז ניט קיין שוץ. מיר מוזן זיך אַליין באַשיצן. מיר מוזן באַשיצן אונזערע פרויען און קינדער פון אָט־די מערדער".

אין משך פון צוויי וואָכן נאָך דער לודלאָו־בלוטבאָד, האָט אין קאָ־לאָראַדאָ געהערשט בירגער־קריג. באַוואָפנטע מחנות אַרבעטער האָבן גע־מאַכט אָנפאַלן אויף די קוילן־גרובן און פאַרברענט און פאַרניכטעט אַלץ, וואָס איז זיי געקומען אונטערן האַנט. אמת'ע שלאַכטן זיינען פאָרגעקומען צווישן דער מיליץ און די אַרבעטער. זעקס־און־פערציק מענטשן זיינען גע'הרג'עט געוואָרן פון ביידע זייטן.

פרעזידענט ווילסאָן, האָט פאָרגעשלאָגן צו באַשטימען אַ קאָמיטע, וואָס זאָל ברענגען צו אַן אויסגלייך צווישן די קעמפענדיקע צדדים. די קוילן־מאַגנאַטן האָבן אויפן באַפעל פון ראָקאַפעלערן, דעם פאָרשלאָג צוריק־געוויזן. קאָנגרעסמאַן עדוואַרד קיטינג פון קאָלאָראַדאָ האָט דערקלערט אין קאָנגרעס:

> „26 בראָדוויי איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע צרות. עס שיינט, אַז ווי אַ שטאַט, קענען מיר ניט האַלטן אין צוים די דזשענטעלמענער פון 26 בראָדוויי".

דער בירגער־קריג אין דעם דרום־קאָלאָראַדאָ קוילן־סטרייקס האָט אָבער אַרויסגעוואָרפן אַ פחד אויף דער בירגערלעכער געזעלשאַפט פון קאָ־לאָראַדאָ. אַ גרופּע פרויען האָט אָפּגעהאַלטן אַ קאָנפערענץ אין דענווער

און איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז גאָווערנאָר אמאָנס זאָל זיך ווענדן צום פּרעזידענט נאָך הילף. גאָווערנאָר אמאנס, האָט ענדלעך צוגעשטימט און האָט טעלעגראַפירט צו פּרעזידענט ווילסאָן אריינצושיקן פעדעראַלע מיליטער אין קאָלאראדאָ.

די פעדעראַלע סאָלדאַטן, וואָס זיינען אָנגעקומען אין קאָלאראדאָ, האָבן אָפּגעשטעלט דעם בירגער־קריג און איינגעשטעלט אָרדענונג. דער סטרייק האָט אָבער נאָך אָנגעהאַלטן דעם גאַנצן זומער און הערבסט. דער סטרייק איז צוריקגערופן געוואָרן דעם 8טן דעצעמבער, 1914.

דאָס שטורם־יאָר 1922

די וועלט־מלחמה עפנט די נייסטע עפּאָכע פון אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם. אין קעגנזאַץ צו דעם אייראָפּיאישן קאַפּיטאַליזם, וואָס איז פון דער מלחמה אויפגעטרייסלט געוואָרן ביז זיין סאַמע פונדאַמענט, האָט אין אַמעריקע דער קאַפּיטאַליזם זיך פאַרשטאַרקט און קאָנסאָלידירט אין דער העכסטער מדרגה. ערב דער וועלט־מלחמה, אין 1914, איז אַמעריקע נאָך געווען אַ בעל־חוב דער אויסערלעכער וועלט. אין משך פון די מלחמה יאָרן האָבן די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן ניט בלויז אויסגעקויפט אַרום דריי ביליאָן דאָלאַר אַמעריקאַנער ווערט־פּאַפּירן פון אויסלאַנד, נאָר האָבן אחוץ דעם אוואַנסירט צו דער אויסערלעכער וועלט אַרום 9 ביליאָן דאָלאַר אין הלוואות און קרעדיטן פאַר מלחמה־מאַטעריאַלן.

דער קאָנטראָלער פון די פאַראייניקטע־שטאַטן, ד. ר. קריסינדזשער, מאַכט דעם פאָלגענדיקן סך־הכל פון אונזער „בייטראַג צו פינאַנצירן די אויסערלעכע וועלט" צווישן אויגוסט 1914 און אויגוסט 1922.

אין מיליאָנען דאלאר

אמעריקאנער ווערט־פּאפּירן אויסגעקויפט פון אויסלאנד —	$ 3,000
הלוואות פון דער אמעריקאנער רעגירונג — — — — — —	10,000
אָנגעזאמלטע פּראָצענטן אויף די דערמאָנטע סומען — — —	2,000
האַנדלס־קרעדיטן פאַר אויסלאַנד — — — — — — — —	3,000
דאָלאר־פּאפּירן אויסגעקויפט פון אויסלענדישע מלוכות — —	2,731
אויסלענדישע געלט־ווערט־פּאפּירן, וואָס זיינען דאָ פארקויפט געוואָרן — — — — — — — — — —	620
אויסלענדישע וואַליוטע, וואָס אמעריקע האָט געקויפט — —	500
סך־הכל — — —	$ 12,851

אין אַ געגויעם צענדליק יאָר האָט אַמעריקע אָפּגעצאָלט איר גאַנצן חוב צו אויסלאַנד און האָט אריינגענומען אייראָפּע אין משכון פאַר אַ סומע פון אומגעפער צוואַנציק ביליאָן דאָלאַר.

די אַרבעטער־פּאָליסי פון דער רעגירונג אין משך פון דער מלחמה.

אויף דעם אַרבעטער־קלאַס פון אַמעריקע און אויף דער אַמעריקאַנישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט די וועלט־מלחמה, דער אייגנטייל, וואָס דער

אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם האָט אין איר גענומען, געהאַט אַ צווייענדיקע ווירקונג: דער שטראָם פון גאָלד, וואָס איז געפלאָסן אין אַמעריקע, האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט און די אָפּגעשטעלטע אימיגראַציע, וואָס האָט געשאַפן אַ דוחק אין אַרבעט־קראַפט, האָט געצוואונגען די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן צוצוואַרפן אַ ביינדל אויך די אַרבעטער. די אַרבעטער פון זייער זייט האָבן אויסגענוצט די געשאַפענע סיטואַציע דורך קאַמף עקאָנאָמיש זייער לאַגע צו פאַרבעסערן. אין די יאָרן 1916—1917 זיינען פאָרגעקומען אין די פאַראייניקטע־שטאַטן, לויט דעם באַריכט פון דעם לייבאָר־דעפּאַרטמענט, 8239 סטרייקס און לאָק־אויטס.

ווען אַמעריקע איז אין 1917 אָפיציעל אריינגעטראָטן אין דער וועלט־מלחמה, האָט די רעגירונג פאַרשטאַנען, אַז עס וועט זיין אוממעגלעך די מלחמה צו געווינען, אויב די אַרבעט־קראַפט פון לאַנד וועט ניט מאָביליזירט ווערן פאַר דעם צוועק. אַ שנעלע, אומבאַגרענעצטע פּראָדוקציע, איז אין אַ מאָדערנער מלחמה אַן אַבסאָליוטע נויטיקייט, כדי צו ראַטעווען דאָס קעמפענדיקע לאַנד פון אַ מפּלה. די רעגירונג האָט אויסגעפונען, אַז עס וועט איר זיין גרינגער צו דערגרייכן אָט־דעם צוועק, ווען זי וועט האַנדלען מיט אָרגאַניזירטע אַרבעטער, וואָס ווערן געפירט פון קאָנסערוואַטיווע, אָדער רעאַקציאָנערע פירער, איידער זיך פאַרלאָזן אויף אַ ניט־אָרגאַניזירטער מאַסע. די רעגירונג האָט דעריבער אַנערקענט די יוניאָן־פירערשאַפט אַלס אַ טייל פון איר מלחמה־אַפּאַראַט. די יוניאָן־ביוראָקראַטיע האָט איצט געהאַט ניט בלויז די ברכה, נאָר די שטיצע פון דער רעגירונג אין אָרגאַניזירן די אַרבעטער. די דאָזיקע פּאָליסי פון דער רעגירונג איז קלאָר אויסגעדרוקט אין דעם באַריכט פון דעם סעקרעטאַר פון דער ניישאָנאַל וואָר לייבאָר באָרד:

„דאָס רעכט פון די אַרבעטער זיך צו אָרגאַניזירן אין טרייד־יוניאָנס און צו פאַרהאַנדלען קאָלעקטיוו, דורך זייערע דערוויילטע פאָרטרעטער, איז אַנערקענט און באַשטעטיקט. קיין באַלעבאָס קאָן ניט צוריקווייזן, באַגרעניצן, אָדער אריינמישן זיך אין אָט־דעם רעכט“.

די אַמעריקאַנער רעגירונג איז געווען געצוואונגען אָנצונעמען אָט־די פּאָליסי, כדי אויסצומיידן אַ מפּלה אין דער מלחמה. דער רעזולטאַט אָבער איז געווען, אַז די אָרגאַניזירטע אַרבעטער־באַוועגונג איז אין די מלחמה־יאָרן שטאַרק אויסגעוואַקסן. די יוניאָנס האָבן געקראָגן אַ צוטרעט אין אַ צאָל אינדוסטריען, וואו די באַלעבאַטים האָבן פריער קיין יוניאָנס ניט אַנערקענט. די מיטגלידערשאַפט פון דער אַמעריקאַן פעדעריישאָן

און ליבאַר איז פאַרצוויפאַלט געוואָרן.

די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן האָבן גוט פאַרשטאַנען די פּאָליסי פון זייער רעגירונג. די אַרבעטער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט זיי געוויזן דעם וועג, אויף וועלכן עס גייט דער אייראָפּייאישער קאַפּיטאַליזם; זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז כדי צו ראַטעווען די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם, מוזן זיי קודם־כּל געווינען די מלחמה, און וועלכער זיי גייען אריין; זיי זיינען געווען צופרידן אונטערצואווארפן זייערע מאָמענטאַרע אינטערעסן אָט־דער איין־איינציקער אויפגאַבע — געווינען די מלחמה און ראַטעווען די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם. זיי האָבן דעריבער צייטווייליק נאָכגעגעבן די אַרבעטער. אין דער שטיל אָבער האָבן זיי געשאַרפט די שווערדן, כדי ביי דער ערשטער געלעגנהייט צוצונעמען אַלץ, וואָס זיי זיינען געווען גע־צוואונגען די אַרבעטער צו געבן אין דער צייט פון דער מלחמה.

די „אָפּן־שאָפּ“־קאַמפּאַניע

די דערקלערונג פון וואַשינגטאָנער דיפּלאָמאַט איז געווען דער סיגנאַל פאַר אַ באַנייטן קלאַסן־קאַמף אין אַמעריקע. דער אַמעריקאַנישער קאַפּיטאַ־ליסטן־קלאַס האָט זיך גלייך גענומען צו געבן אַ טויט־קלאַפּ דער אָרגאַני־זירטער אַרבעטער־באַוועגונג. די „אַרבעטער־פריינטלעכע“ ווילסאָן־אַדמי־ניסטראַציע האָט אין 1919 געהאָלפן ברעכן דעם מיינער־סטרייק. דער „ליבעראַל“ ווילסאָן, האָט דערקלערט דעם סטרייק אומגעזעצלעך. „פון וואָס פאַר אַ ווינקל מען זאָל דעם ענין ניט באַטראַכטן“ — האָט ווילסאָן דערקלערט דעם 24טן אָקטאָבער, 1919 — „איז קלאָר, אַז אַזאַ סטרייק, אין אַזעלכע אומשטענדן, וואָלט געווען דער ווייט־גרייכענדיקסטער פּלאַן, וואָס איז ווען דאָ אין לאַנד פאַרגעשלאָגן געוואָרן, צו באַגרעניצן די מעג־לעכקייטן פון פּראָדוקציע און פון פאַרטיילן די נויטיקע לעבנס־מיטלען. אַ סטרייק אונטער אָט־די אומשטענדן איז ניט נאָר אומבאַרעכטיקט — ער איז אומגעזעצלעך“.

און צו דערגאַנצן די דאָזיקע ווערטער מיט מעשים, זיינען מיט צוויי חדשים שפּעטער, אין יאַנואַר 1920, דורכגעפירט געוואָרן די באַרימטע „פּאַלמער־ריידס“. טויזנטער מיליטאַנטע אַרבעטער זיינען אַרעסטירט גע־וואָרן; די אַטאַקע איז הויפּטזעכלעך געווען געווענדעט קעגן די איינגע־וואַנדערטע אַרבעטער, וועלכע שטעלן צוזאַמען אַ גרויסן טייל פון דעם אַמעריקאַנעם אַרבעטער־קלאַס. די יונגע קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון אַמעריקע, וואָס האָט געמאַכט אירע ערשטע טריט זיך צו פאַרבינדן מיט

די אַרבעטער־מאַסן און ווערן די אָנפירעריז פון דעם קלאַסן־קאַמף פון די אַמעריקאַנישע אַרבעטער, איז פאַרטריבן געוואָרן אונטער דער ערד.

די ווילסאָן־אַדמיניסטראַציע האָט מיט דעם צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער גרעסטער „אָפּן־שאַפּ“ קאָמפּאַניע, וואָס דאָס לאַנד האָט ווען געזען. אונטער דער פירערשאַפט פון שטאָל־טראָסט, וואָס דערגרייכט דורך זײַנע דורכגעקייקלטע פאַרוואַלטונגען (אינטערלאַקינג דירעקטאָריײטס) אַלע צווייגן פון דער אַמעריקאַנער אינדוסטריע, האָבן די אַמעריקאַנער קאַפּי־טאַליסטן אָנגעהויבן אין 1920, אַ „דערציאונגס־קאָמפּאַניע“ צוצוגרייטן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג פאַר זייער געפּלאַנטער מלחמה אויף דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג און אידעאָלאָגיש צו בעאיינפלוסן די אַרבעטער־מאַסן.

די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן האָבן שוין לאַנג געוואוסט דעם ווערט פון רעקלאַמע. די וועלט־מלחמה האָט זיי געגעבן נייע דערפאַרונג אויף אָט־דעם געביט. פאַרמאַסקירט אונטער אַזעלכע נעמען, ווי „דער אַמערי־קאַנער פּלאַן“, „די אַמעריקאַנער אידייע“ און צענדליקער אַנדערע ענלעכע נעמען, האָט די דאָזיקע „דערציאונגס קאָמפּאַניע“ געמאַכט ריזיקע פאָר־שריט. איבער אַנדער־האַלבן מיליאָן עקזעמפּלאַרן פון פּראָפּאַגאַנדע־ליטע־ראַטור זײַנען פאַרשפּרייט געוואָרן אין משך פון יאָר 1920.

ווי גרויס און ברייט די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע איז אַוועקגעשטעלט גע־וואָרן, קאָן דינען די פאָלגענדיקע רעדע פון דעם פּרעזידענט פון דער נײַשאָנאַל פאַונדערס אַסאָסיאײשאָן, וויליאַן ה. באַר:

„אין ענדערונג איז פאָרגעקומען אַ דאַנק דער אַנטשלאָסנקייט פון מענטשן זיך צו באַפרייען פון דעם ביט געזונטען און אומנאַטירלעכן קאָנטראָל, וואָס איז אויף זיי אַרויפגעצוואונגען געוואָרן. הײַנט־צו־טאָג דריקט זיך אויס די דאָזיקע אַנטשלאָסנקייט אין דער „אָפּן־שאַפּ־באַוועגונג“. דער פּראָגרעס פון דער דאָזיקער באַוועגונג איז אַ טרייסט פאַר די, וואָס זײַנען באַשעפטיקט אין דער אינדוסטריע. אַ טיילווייז, אָבער פאָרזיכ־טיקער איבערבליק וועגן אָט־דער טעטיקייט, ווייזט, אַז 540 אָרגאַניזאַציעס אין 247 שטעט פון 44 שטאָטן זײַנען באַשעפטיקט מיט אויפקלערן דעם אַמעריקאַנער פּרינציפּ אין אינדוסטריעלע באַציאונגען. 23 נאַציאָנאַלע אינדוסטריעלע אַסאָציאַציעס זײַנען אײַנגעשלאָסן אין די דאָזיקע

אגענטורן. אחוץ דעם זיינען אויך 1665 לאָקאלע „טשעמבערס אָוו קאָמערס" איבערגעגעבן דעם פּרינציפּ פון „אָפּן־שאָפּ".

די דעפּרעסיע פון 1921

די צייט צו דערלאַנגען אַ טויט־קלאַפּ דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג, צו פאַרניכטן יעדן אָרגאַן פון אַרבעטער־ווידערשטאַנד, צו באַ־רויבן די אַרבעטער־מאַסן פון אַלע זייערע דעראָבערטע געווינסן אין יאָרן פון ביטערן קאַמף, האָבן די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן אויסגעקליבן די דעפּרעסיע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן סוף 1920, און האָט אָנגעהאַלטן דעם גאַנצן יאָר פון 1921.

פאַר צוויי יאָר צייט האָט אַמעריקע זיך געראַנגלט מיט דער פּראָבלעם פון צוריק איינאָרדנען די פּראָדוקציע־מאַשינעריע אויף אַ פרידלעכן באַזיס. אָבער איידער דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם האָט נאָך באַוויזן צו לייזן אָט־די פּראָבלעם, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַן עקאָנאָמישן קריזיס, די הויפּט סיבה פון וועלכן איז געווען דער צוזאַמענבראָך פון דעם אייראָפּיי־אישן מאַרק. אין 1921, איז דער אַמעריקאַנער עקספּאָרט געפאַלן אויף 45 פּראָצענט. דער עקספּאָרט קיין אייראָפּע און דרום־אַמעריקע איז גע־פאַלן אויף צוויי ביליאָן דאָלאַר. די לאַגע איז נאָך פאַרערגערט געוואָרן דורך דעם, וואָס פינאַנץ־קאַפּיטאַל האָט אין דער זעלביקער צייט דורכ־געפירט איר דעפלאַציע־קאַמפּאַניע. אין דעצעמבער 1920, האָט אין אַמעריקע צירקולירט 34 ביליאָן דאָלאַר. אין דעצעמבער 1921, האָט שוין צירקולירט בלויז 24 ביליאָן דאָלאַר.

די דעפּרעסיע איז באַגלייט געוואָרן דורך דער געוויינטלעכער דערשיי־נונג פון אַן עקאָנאָמישן קריזיס: מאַסן־אַרבעטלאָזיקייט. אַ גרויסע רע־זערוו־אַרמיי פון אַרום זעקס מיליאָן אַרבעטלאָזיקע האָבן די אַמעריקאַ־נישע קאַפּיטאַליסטן געקענט אויסנוצן צו צווינגען די אַרבעטער נאָכ־צוקומען די פאָדערונגען פון זייערע באַלעבאַטים און דערלויבן שניידן שכירות און אָפּשאַפן די באַדינגונגען פון די מלחמה־יאָרן. און די אַמערי־קאַנער קאַפּיטאַליסטן האָבן טאַקע אויסגענוצט די געשאַפענע לאַגע. אַנאַלי־זירנדיק די שכירות, וואָס 1648 פירמעס האָבן אין ניו יאָרק סטייט אויס־געצאָלט אין 1921, קומט די ניו יאָרק אינדוסטריעל קאָמיסיע צום שלוס, אַז צוליב דער אַרבעטלאָזיקייט און די געשניטענע שכירות האָבן די אַר־בעטער אין 1921, געקראָגן בלויז 71.4 פּראָצענט פון די שכירות, וואָס זיי האָבן געקראָגן מיט אַ יאָר פריער.

די אינדוסטריעלע קאָמיסיע פון וויסקאָנסין סטייט האָט אנאַליזירט די שכירות פון אַ דריטל פון די אינדוסטריעלע אַרבעטער פון דעם שטאַט און האָט אויסגעפונען, אַז אין פאַרגלייך מיט 1920, זיינען די שכירות געפאַלן אויף 45 פּראָצענט. די אונטערזוכונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון אַזאַ קאָנסערוואַטיווער אַגענטור, ווי די דזשייקאָבס קאָמפּאַניע אין שיקאַגאָ, גיט אונז אַ מער דעטאַלע בילד פון דעם אָנגריף, וואָס די באַלע־באַטים האָבן געמאַכט אויף די שכירות פון די אַרבעטער אין אַלע צווייגן פון דער אינדוסטריע:

אינדוסטריע	צאָל אַרבעטער אין אינדוסטריע	אונטערזוכטע פירמעס אין שטעט	פּראָצענט פון געשניטענע שכירות
שוך־אַרבעטער		39	17.5
בוי־אַרבעטער	500,000	183	17.1
קליידער־אַרבעטער	100,000		
באַוול, וואָל און לעדער־פּראָד.	34,000	69	20.24
אייזן און שטאָל־מיינערס			19.5
פאַרשיידענע אינדוסטריעס	866,000		16.4
שלאַכט־הייזער	200,000		25.5
אָנגעשטעלטע אין געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן	100,000	58	16.5
אייזנבאַן און עקספּרעסן	1,879,000		12.5
זיידן־אַרבעטער		25	16.2
גאַסן־פּאַרקער	140,000		14.8

צו פאַרשטיין, וואָס אָט־די רעדוצירונגען האָבן געמיינט פאַרן לעבנס־סטאַנדאַרד פון די אַמעריקאַנישע אַרבעטער דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז די קויף־קראַפט פון דעם דאָלאַר איז אין 1921, געווען בלויז 45 סענט אין פאַרגלייך מיט 1907, אויך אַ קריזיס־יאָר. די מיליאָנען אַרבעטס־לאָזיקע געטריבן פון שרעקלעכן הונגער, זיינען געווען גרייט זיך צו פאַר־קויפן פאַר יעדן פּרייז. די אַרבעטער, וואָס האָבן נאָך געהאַט אַרבעט, האָבן ניט געוואַגט אויפצוהויבן אַ קאַמף פאַר מורא אינגאַנצן אַרויסגע־וואָרפן צו ווערן אויף דער גאַס. און דערצו איז דער אָנגריף אויף די שכירות פון די אַרבעטער געמאַכט געוואָרן מיט אַזאַ אַנטשלאָסנקייט מצד

די קאַפּיטאַליסטן, אַז די אַרבעטער האָבן פון אָנהויב זיך אינגאַנצן פאַרלוירן.

סוף 1921, איז דער הויך־פּונקט פון דער דעפּרעסיע געווען פאַריבער. אַמעריקע האָט זיך אומגעקערט צו „נאָרמאַלסי", דער באַליבטער צו יענער צייט אויסדרוק פון אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם. אָבער מיטן אומקערן זיך צו „נאָרמאַלסי" האָבן די אַרבעטער־מאַסן אָנגעהויבן אַרויסווייזן סימנים פון ווידערשטאַנד קעגן די ווייטערדיקע אַטאַקעס פון די באַלעבאַטים אויף זייערע שכירות און זייערע אָרגאַניזאַציעס. שוין אין מיטן זומער פון 1921, האָבן אָנגעהויבן אויסברעכן סטרייקס קעגן די פּאַרזוכן פון די באַלעבאַטים צו פאַרלענגערן די אַרבעט־שעה'ן און ווייטער פאַרקלענערן די שכירות. די דאָזיקע סטרייקס, ווי דער סטרייק פון די דרוקער, די קלאוק־מאַכער, פון די אַרבעטער אין די שלאַכט־הייזער, זיינען געווען די פאַרלויפער פון אַ ריזיקער סטרייק־כוואַליע, וואָס האָט אין 1922, זיך אַרי־בערגעטראָגן איבערן גאַנצן לאַנד. נאָך קיינמאָל אין דער געשיכטע פון קלאַסן־קאָנפליקטן אין אַמעריקע האָבן מיר ניט דורכגעלעבט אַזאַ ביטערן קאַמף; נאָך קיינמאָל האָבן אַזעלכע גרויסע מאַסן זיך ניט באַטייליקט אין סטרייקס, און קיינמאָל נאָך האָבן סטרייקס ניט אָנגעהאַלטן אַזאַ לאַנגע צייט, ווי די סטרייקס אין 1922.

איבערפלעכלעך זיינען די סטרייקס אין 1922, געווען קאָנפליקטן איבער שכירות און אַרבעט־שעה'ן, אין תוך אָבער האָבן זיי געמיינט אַ סך מער. די סטרייק־כוואַליע איז געווען אַן אויסדרוק פון דעם רעוואָלט פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער־מאַסן קעגן דער מעכטיקער קאָמפּאַניע פון אַמעריקאַנעם קאַפּיטאַל אויסצואוואָרצלען יעדן סימן פון אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, אַ רעוואָלט קעגן דעם פּאַרזוך פון די קאַפּיטאַליסטן צו פאַר־וואַנדלען די אַרבעטער אין געהאָרכזאַמע שקלאַפן. אין די פאָדערשטע רייען פון דער ריזיקער קעמפנדיקער אַרבעטער־אַרמיי האָבן מאַרשירט די מאַינערס און טעקסטיל־אַרבעטער. די סטרייקס פון די מאַינערס און טעקסטיל־אַרבעטער אין 1922, זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָפענער מלחמה צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט.

די טעקסטיל־אַרבעטער רעוואָלטירן

די טעקסטיל־אַרבעטער זיינען געווען די ערשטע אָנצוהויבן דעם רע־וואָלט. אויף דער טעקסטיל אינדוסטריע האָט סיי די מלחמה, סיי די דעפּרעסיע און דאָס אומקערן זיך צו „נאָרמאַלסי" געהאַט אַ באַזונדערע

ווירקונג. אין די מלחמה־יאָרן האָבן די טעקסטיל־בּאַראָנען געמאַכט אומ־געהויערע גרויסע פּראָפיטן. די אַמאָסקעג קאָרפּאָריישאָן, די גרעסטע טעקסטיל־פאַבריק אין דער וועלט, האָט אין צען יאָר צייט געמאַכט דרייסיק מיליאָן דאָלאַר פּראָפיט. די דיווידענדן פון אָט־דער קאָמפּאַניע האָבן אין יאָר 1921, באַטראָפן 75 פּראָצענט אויף איר קאַפּיטאַליזאַציע פון יאָר 1907.

פּראָפעסאָר דזשעראָם דייוויס, שרייבנדיק אין דער קאָרענט היסטאָרי, וועגן אָט־דער קאָמפּאַני, דערקלערט:

אין דער זעלביקער צייט, וואָס אָט־די קאָרפּאָריישאָן האָט געהאַלטן אין איין שניידן די שכירות און פאַרגרעסערן די אַרבעט־שעהן, האָט זי מיט אַ פּאָר חדשים פריער פאַרגרעסערט אירע דיווידענדן. ביז יאַנואַר 1912, איז דער פערטל־יערלעכער דיווידענט געוועזן 75 סענט. פון אָט־דער צייט ביז אַפּריל 1919, איז דער דיווידענט געוועזן 1 דאָלאַר. פון פעברואַר 1920 ביז מאַי 1920 — אַ דאָלאַר מיט 25 סענט. אין פעברואַר 1921 איז דער פערטל־יערלעכער דיווידענט פאַרגרעסערט געוואָרן ביז אַ דאָלאַר מיט פופ־ציק סענט".

און די אַמאָסקעג איז ניט געוועזן די איינציקע קאָמפּאַניע, וואָס האָט אין די מלחמה־יאָרן אָנגעזאַמלט אַזעלכע ריזיקע קאַפּיטאַלן. די פּאַסיפיק מילס האָט אין 1921, דעם יאָר פון דער דעפּרעסיע, אָפּגעצאָלט אירע אַקציאָנערן אין דיווידענדן אַ סומע, וואָס וואָלט געווען גענוג צו העכערן די שכירות פון אַלע אירע אַרבעטער אויף 25 פּראָצענט. דורכ־שניטלעך האָבן די טעקסטיל־קאָמפּאַניעס געצאָלט זייערע אַקציאָנערן דריי מאָל אַ יאָר דיווידענדן זינט אַמעריקע איז אַריינגעטראָטן אין דער מלחמה.

און אין דער צייט, וואָס די טעקסטיל־קאַפּיטאַליסטן האָבן זיך גע־באָדן אין גאָלד, זיינען די אַרבעטער געשוואָלן געוואָרן פון הונגער. די אָפיציעלע ציפערן פון דער אַמעריקען קאָטן מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן גיבן אונז די פאָלגענדיקע טאַבעלע פון די וועכנטלעכע שכירות פון די אַרבעטער אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע אין 1921:

ראַנג פון אַרבעטער	צפון	דרום
קוואַליפיצירטע אַרבעטער (מאַן) — — — —	$21.78	$16.65
ניט־קוואַליפיצירטע אַרבעטער (מאַן) — — —	18.08	10.99
פרויען — — — — — — — — — — — — —	15.61	11.65

די ריזיקע דיווידענדן פון די טעקסטיל באַראָנען זיינען געמאַכט גע־וואָרן אויפן חשבון פון די הונגער־שכירות פון די אַרבעטער.

די קאַפּיטאַליסטן זיינען אָבער געוואָרן פּראָפּיטן־משוגע. זייער גע־שריי: „נאָרמאַלסי", האָט זיך בלויז באַצויגן אויף די אַרבעטער. אַליין אָבער האָבן זיי בשום אופן ניט געוואָלט זיך אָפּזאָגן פון די ריזיקע מלחמה־פּראָפּיטן. די טעקסטיל־אינדוסטריע איז געווען די ערשטע, וואָס האָט נאָך דער מלחמה דערפילט די אויסלענדישע קאָנקורענץ, ספּעציעל די קאָנקור־רענץ פון ענגלאַנד, וואו די דאָזיקע אינדוסטריע האָט שוין טיילווייז זיך געהאַט סטאַביליזירט אין 1920. דער איינציקער וועג אויפצוהאַלטן די געשוואָלענע מלחמה־פּראָפּיטן, איז געווען נאָך מער אויסצוהונגערן די אַרבעטער, נאָך מער זיי פאַרשקלאַפן. אין זעכצן חדשים זיינען די שכירות פון די אַרבעטער אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע געשניטן געוואָרן אויף 42 פּראָצענט. די אַרבעט־שעה'ן זיינען פאַרלענגערט געוואָרן פון 48 אויף 52 שעה א וואָך. אין יאַנואַר 1922, האָבן די טעקסטיל־פאַבריקאַנטן דערקלערט א נייע פאַרקלענערונג פון שכירות אויף 20 פּראָצענט. די דאָזיקע פאַרקלענערונג איז געווען א טייל פון דער אַלגעמיינער קאַמפּאַניע פון די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן צו רעדוצירן שכירות. די געדולד פון די טעקסטיל־אַרבעטער האָט געפּלאַצט. זיי האָבן אויפגענומען אַן אנטשלאָסענעם קאַמף ניט צו דערלאָזן ווייטער שניידן זייערע שכירות.

דער קאַמף הויבט זיך אָן

דעם 23טן יאַנואַר 1922, האָט א סטרייק אויסגעבראָכן אין פּאַוטאַקעט, ראָוד־איילאַנד, און האָט זיך ווי א בליץ פאַרשפּרייט איבער די טעקסטיל־צענטערן פון מיין, ניו העמשיר, מאַסאַטשוסעטס און ווערמאָנט. צווישן דעם 15טן יאַנואַר און דעם 15טן פעברואַר, האָבן אַרום הונדערט טויזנט אַרבעטער פאַרלאָזן די טעקסטיל־פאַבריקן. איטאַליענישע, פראַנצויזישע, פּוילישע, פּאָרטוגעזישע און אידישע אַרבעטער, מענער און פרויען, אָרגאַ־ניזירטע און ניט־אָרגאַניזירטע האָבן ספּאָנטאַן זיך געשטעלט קעגן דעם נייעם אוקאַז פון זייערע באַלעבאַטים און זיינען אַרויס אין סטרייק.

אָט ווי אַן אַרבעטער באַשרייבט אין לייבאָר העראַלד פון אַפּריל 1922, דעם אָנהויב פון דעם סטרייק:

„אין דעם קליינעם דערפל, נאַטיק, האָט זיך געפונען א לאָקאַל פון דער אַמאַלגאַמייטעד טעקסטיל וואָרקערס פון אַמעריקע". זיי האָבן באַ־

> וויזז אראָפּצונעמען אין סטרייק די גרויסע פאבריק פון „ב. ב. ר. ניט קאָמפּאניע", דעם אינדערפרי, ווען די רעדוצירונג פון שכירות האָט געדארפט אריין אין קראפט. די סטרייקערס האָבן פון דאָרטן מארשירט צו די צוויי שכנהישע פאבריקן און זיי ארונטערגענומען אין סטרייק. א רעדנער איז ארויסגעשיקט געוואָרן פון פּראָווידענסער לאָקאל צו דעם מאסנמיטינג פון די סטרייקערס יענעם נאָכמיטאג. „די אנדערע ארבעטער ווילן פּונקט אזוי ווי איר זיך שטעלן קעגן דער פארקלענערונג פון זייערע שכירות. גייט פאָדערט זיי אויף זיי זאָלן זיך אָנשליסן אין סטרייק" — האָט ער געזאָגט. דער „אייזערנער באטאליאָן" איז אָפּן פלאץ געשאפן געוואָרן. די אנדערע פאבריקן זענען אויפגעפאָדערט געוואָרן און דער גאנצער פּאוטאָקעט־טאָל איז 100 פּראָצענט אראָפּגעגאנגען אין סטרייק אין א פּאָר טעג. די „אמאלגאמייטעד טעקסטיל וואָרקערס פון אמעריקע" האָט אָנגעשלאָסן טויזנטער מיטגלידער."

אָט־דעם „אייזערנעם באַטאַליאָן", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אויף דער איניציאטיוו פון דער ריינק־און־פייל, איז באַשערט געווען צו שפּילן אַ וויכטיקע ראָל אין דעם סטרייק. ער האָט אריינגעבראַכט נייע מעטאָדן אין דעם קאמף פון אַמעריקאַנער ארבעטער קעגן די באַלעבאַטים און זייער רעגירונג. מאַסן־פּיקעטינג אַלס ענטפער אויף אינדזשאָנקשאָנס, וועגן וועלכע די פירער פון דער אמעריקאן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר האָבן בלויז גערעדט מיט אַ האַלבן מויל, איז דורך דעם „באַטאַליאָן" דורכגעפירט געוואָרן אין דער ווירקלעכקייט. די ריינק־און־פייל האָט אליין דערפונדן נייע ווירקזאמע מיטלען פון קאמף.

דער סטרייק־געגנט — אַ באַוואפנטער לאַגער

די טעקסטיל־באַראָנען האָבן פון אָנהויב זיך אַביסל פארלאָרן. דער סטרייק איז געקומען אַזוי שנעל און אומדערוואַרטעט. די טעקסטיל־מאַגנאַטן האָבן געגלויבט, אַז צוליב דער אָרימקייט, דער אויסגעמאַטערטקייט, און הויפּטזעכלעך צוליב דער ניט־אָרגאַניזירטקייט פון דער מערהייט און צוליב דעם צעשפּליטערטקייט פון די עקזיסטירנדיקע אָרגאַניזאַציעס — ערב דעם סטרייק זיינען געווען לכל הפּחות פופצן יוניאָנס אין פעלד — וועט צו קיין סטרייק ניט קומען. זיי זיינען אָבער באַלד געקומען צו זיך. אין זייער דינסט איז געווען די רעגירונג און צו איר האָבן זיי זיך באַלד געווענדעט נאָך הילף.

דער גאָווערנאָר פון ראוד איילאנד איז געווען דער ערשטער זיך אָפּ־

צורופן אויף דער אויפפאָדערונג פון די טעקסטיל־מאַגנאַטן. אויף דער ביטע פון ב. ב. און ר. ניט קאָמפּאַניע, די גרעסטע טעקסטיל־פאַבריק אין פּאוטאָקעט־טאָל האָט גאָווערנאָר סאַן סאוסי אריינגעשיקט, דעם 20טן פעב־רואַר, סטייט־טרופּן אין דער סטרייק־געגנט. צוזאַמענשטויסן צווישן די סטייט־טרופּן און די סטרייקער זיינען געוואָרן אַ געוויינטלעכע דערשיינונג. די טעקסטיל־באַראָנען האָבן געזוכט צו טעראָריזירן די אַרבעטער זיך אומ־צוקערן צו דער אַרבעט.

אָט איז אַ כאַראַקטעריסטיש בילד, וואָס דער קאָרעספּאָנדענט פון דער ניו יאָרקער טײַמס גיט פון אַ טעקסטיל־שטאָט אין צייט פון סטרייק:

„קאַוואַלעריע־רייטער, אינפאַנטעריע מיט גרייטע באַיאָנעטן און געהילף־שעריפס מיט זייערע ריואָט־דובינקעס האָבן פאַרנומען יעדן גאַסן־ראַג און האויף, אַ דערפל, וואָס איז דאָס אייגנטום פון די ברידער גאָדאַרד“.

אַרום דעם 7טן מערץ, זיינען געווען אַרום 600 סאָלדאַטן פון דער נעשאָנאַל גאַרד אויף סטרייק־פּליכט אין ראָוד איילאַנד. די גאָווערנאָרס פון מאַסאַטשוסעטס און פון ניו העמשייר זיינען ניט אָפּגעשטאַנען פון זייער קאָלעגע אין ראָוד איילאַנד. די סטרייק־געגנט פון די דאָזיקע צוויי שטאַטן זיינען אויך פאַרפלייצט געוואָרן מיט מיליטער.

מאַסן־פּיקעטינג און אינדזשאָנקשאָנס

די סטרייקערס האָבן געענטפערט אויף דער אריינמישונג פון דער רעגירונג מיט ריזיקע דעמאָנסטראַציעס פון מאַסן־פּיקעטינג. די „אייזערנע באַטאַליאָנען“. די „פליענדיקע סקאַדראָנען“, וואָס זיינען אָרגאַניזירט גע־וואָרן פון די סטרייקער, זיינען געוואָרן די נשמה פון אָט־די מאַסן־דעמאָנ־סטראַציעס. „אומדערשראָקן פאַר דער אָנוועזנקייט פון פּאָליציי“, — שרייבט דער קאָרעספּאָנדענט פון דער ניו יאָרקער טײַמס, — פאַרזאַמלט זיך איצט דער באַטאַליאָן יעדן אינדערפרי און מאַרשירט דורך די גאַסן פון נאַטיק און צו די שכנה׳ישע פאַבריקן. אונטער די טענער פון לידער, פּאַכענדיק מיט זייערע שטעקנס, האַלטן זיי אָן זייער פּאַראַד, ביז וואַנען זיי זיינען זיכער, אַז עס ווערט ניט געמאַכט קיין פאַרזוך אויפצועפענען די פאַבריקן; דעמאָלט צוגייען זיי זיך, איבערלאָזנדיק אַ צאָל פּיקעטס, וואָס זיינען גרייט צו געבן דעם סיגנאַל די מינוט, וואָס אַ פאַבריק זאָל פּרוּוון מאַכן אַ פאַרזוך זיך צו עפענען. צוליב אָט־דער דראָענדיקער

טאַקטיק איז דער „אייזערנער באַטאַליאָן“ געוואָרן באַוואוסט פון איין עק שטאַט ביזן צווייטן“.

צו דער הילף פון די באָסעס, זיי צו העלפן מאכן א סוף צו דער מאַסן־פיקעטינג, וואָס האָט זיי ניט געגעבן קיין מעגלעכקייט צו עפענען די פאַבריקן מיט אימפּאָרטירטע סקעבס, זיינען געקומען די ריכטער מיט זייערע אינדזשאָנקשאָנס. אָט איז א מוסטער פון אן אינדזשאָנקשאָן, וואָס דער סופּיריאָר קאָורט פון פּראָווידענס, ראָוד איילאַנד, האָט ארויסגעגעבן צו דער דזשענקס קאָמפּאַניע, קראַון מאַנופעקטשורינג קאָמפּאַניע און די דעקסטער יאַרן קאָמפּאַניע:

„דער געריכט האָט אנערקענט, אז ראפּעטירטע מעטאָדן פון אָנשרעקן זיינען מער ווירקזאַם, ווי פיזישע גוואַלט... דאָס פּיקעטן אין אלע די פאַלן איז דורכגעפירט געוואָרן דורך מאַסן אָדער גרופּן אונטער דער פירערשאַפט פון א קאַפּיטאַן, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן, אָדער גוט־געהייסן געוואָרן פון דעם יוניאָן פירער טאַמאַס“.

דאָס געריכט דערקלערט די דאָזיקע פאָרם פון מאַסן־פּיקעטינג אומגעזעצלעך און פאַרבאָט דעריבער בכלל די סטרייקערס צו פּיקעטן די פאַבריקן.

אַזעלכע אינדזשאָנקשאָנס האָבן די ריכטער ארויסגעגעבן מיט א ברייטער האַנט אין די שטאַטן, וואו דער טעקסטיל סטרייק איז אָנגעגאַנגען. אויפן גרונט פון די דאָזיקע אינדזשאָנקשאָנס האָט די פּאָליציי און דאָס מיליטער פאַרבאָטן ניט בלויז פּיקעט־דעמאָנסטראַציעס, נאָר בכלל יעדע פאַרזאַמלונג פון סטרייקערס. אין א סך פאַלן זיינען די אינדזשאָנקשאָנס געגאַנגען אַזוי ווייט, ווי פאַרבאָטן די סטרייקער צו זיצן אויף די שוועלן פון זייערע היימען, אָדער ארויסקוקן דורך די פענסטער אין דער צייט, וואָס די סטרייק־ברעכער זיינען געגאַנגען צו דער ארבעט, אָדער פון דער ארבעט. פאַר ניט אויספאָלגן די אינדזשאָנקשאָנס זיינען צענדליקער אַרבעטער ארעסטירט און פאַרשפּאַרט געוואָרן אויף חדשים לאַנג אין די טורמעס.

און צו דערגאַנצן זייער ארבעט אַלס ברעכער פון סטרייק האָבן די געריכטן דערלויבט די טעקסטיל־מאַגנאַטן ארויסצוואַרפן די סטרייקערס פון די קאָמפּאַני־הייזער. א שטיקל ניים אין דער ניו יאָרקער טיימס, גיט אונז א בילד פון דער ברוטאַליטעט פון דער פּאָליציי אין צעברעכן די היימען פון די סטרייקערס:

„געהילף־שעריפס האָבן היינט ארויסגעטראָגן די זאכן פון אויגוסט ווען לירי, א בעלגישער בירגער און א סטרייקער, וואָס האָט געוואוינט אין דעם טענעמענט הויז פון האוס ווילעדזש, דאָס אייגענטום פון דער האוס־קאָמפּאניע, און איבערגעלאָזן די זאכן אויפן וועג, טויזנט פוס ווייט פונם הויז. דער הויפּט פון דער פּאָליציי האָט דערקלערט, אז אויב די זאַכן וועלן ניט צוגענומען ווערן אין 24 שעה, וועט ער זיי פאַרקויפן אויף אן עפנטלעכער ליציטאציע".

אָט דורך די אויסגעפּרובירטע און אמעריקאַנער קלאַסן־קאַמף מעטאָדן האָבן די טעקסטיל־מאַגנאַטן געזוכט צו ברעכן דעם רעוואָלט פון זייערע אויסגעהונגערטע ארבעטער. אָבער ניט אַזוי גרינג האָט זיך דאָס זיי איינגעגעבן. די אַרבעטער האָבן אַרויסגעוויזן אַ מערקווירדיקן ווידערשטאַנד. מאַשין־ביקסן, אינדזשאַנקשאַנס, אַרעסטן, הונגער און נויט האָבן ניט געבראָכן די אַנטשלאָסנקייט פון די אַרבעטער.

צעטיילטע פירערשאַפט ברענגט אַ טיילווייזן דורכפאַל פון סטרייק

דאָס אָבער, וואָס די באַלעבאַטים האָבן ניט באַוויזן צו דערגרייכן מיט דער הילף פון פּאָליציי, סטרייק־ברעכער און געריכט־אינדזשאַנקשאַנס, האָבן זיי געקראָגן אַ דאַנק דער ניט־אייניקייט פון די פירער, אַ דאַנק דער צעטיילטער פירערשאַפט פון דעם סטרייק. מיר האָבן אויבן דערמאָנט, אַז ערב דעם סטרייק, האָבן זיך אין דער סטרייק־געגנט געפונען אַרום פופצן פאַרשיידענע יוניאָנס, וואָס האָבן געאַרבעט צווישן די טעקסטיל־אַרבעטער. מיט דעם אויסברוך פון דעם סטרייק איז געוואָרן קלאָר, אַז די דאָזיקע יוניאָנס מוזן זיך צוזאַמענריידן פאַר אַ געמיינזאַמער אַקציע. אין די ערשטע וואָכן פון סטרייק איז טאַקע געגרינדעט געוואָרן אַ פאַראייניקטער קאָונסיל אַנצופירן דעם סטרייק.

די פאַראייניקטע קאָונסילס זיינען אָבער לאַנג ניט געווען פאַראייניקט. אינערלעכע רייסערייען צווישן די פירער האָבן געפירט צו דעם, אַז איין יוניאָן האָט אין ברען פון סטרייק געפירט אַ קאַמף קעגן אַ צווייטער יוניאָן. אין לאָרענס, למשל, האָט מעקמאַהאָן, פּרעזידענט פון דער יונייטעד טעקסטיל וואָרקערס, זיך צוריקגעצויגן פון דער פאַראייניקטן קאָונסיל אַ וואָך נאָכדעם, ווי ער איז געגרינדעט געוואָרן. אנשטאָט אַנצושטרענגען אַלע כוחות אויף אַנצופירן דעם סטרייק, האָט זיך אַנגעהויבן אַ ביטערער קאַמף צווישן דער יונייטעד און די וואַן ביג יוניאָן, די צווייטע גרויסע יוניאָן אין דער טעקסטיל אינדוסטריע.

דער „לייבאר העראלד" כאראקטעריזירט די געשאפענע לאגע אין די פאָלגענדע ווערטער:

„דער וואונדערבארער גייסט פון דער רייגק און פייל וואָלט געפירט צו דעם, אז דער סטרייק זאָל שנעל געוואונען ווערן, ווען ניט די טעמפּ־קייט פון די טעקסטטיל־יוניאָנס. ווען די נויטיקייט פאר א סאָלידן פראָנט איז געווען אזוי קלאָר, זיינען די פירער פון די טעקסטטיל־יוניאָנס געווען שולדיק אין צעטיילן די כחות פון די ארבעטער. יעדע יוניאָן האָט זיך געשפּילט מיט דעם קאמף אויף איר אייגענעם אופן. קיין פארזוך איז ניט געמאכט געוואָרן צו פאראייניקן די ארבעטער פון פּאוטאָקעט־טאל. אנשטאט צו מאכן א סוף צו די פיל טיילונגען אין די טעקסטטיל־יוניאָנס, האָבן די באאמטע געזוכט די דאָזיקע טיילונגען נאָך טיפער צו מאכן".

די טעקסטטיל־מאגנאטן האָבן גוט אויסגענוצט אָט־די שוואכקייט אין דעם קאמף. ווען זיי האָבן איינגעזען, אז זיי וועט זיך ניט איינגעבן צו ברעכן דעם סטרייק און ארויפצווינגען אויף די ארבעטער א לענגערן ארבעט־טאָג און א נייע רעדוצירונג אין שכירות, האָבן זיי געמאכט א טיילווייזן צוריק־טריט, כדי צו געווינען די וויכטיקסטע אישו פון דעם קאמף, די אישו פון „אָפּן־שאָפּ".

דער ערשטער ברוך איז געקומען אין לאורענס, מאסאטשוסעטס. נאָך פינף חדשים סטרייק (דער סטרייק אין לאורענס האָט זיך אָנגעהויבן מיט צוויי חדשים שפּעטער ווי אין פּאוטאָקעט) האָט די גרעסטע פאבריק, די פּאַסיפיק, דערקלערט, אז זי איז גרייט צו שליכטן דעם סטרייק. פיר אנדערע טעקסטטיל־פאבריקן האָבן איר נאָכגעפאָלגט.

און ערשט איצט האָט זיך ארויסגעוויזן וויפיל שאָדן די עקזיסטענץ פון די פארשיידענע יוניאָנס אין דער טעקסטטיל־אינדוסטריע ברענגט די ארבעטער, ווי אזוי די באלעבאטים נוצן עס אויס אין זייערע אייגענע אינטע־רעסן. ווען עס איז געוואָרן קלאָר, אז די באלעבאטים זיינען גרייט צו פאר־האנדלען וועגן ענדיקן דעם סטרייק, איז ניט געווען קיין איין אייגציקע אָרגאניזאציע, וואָס זאָל קאָנען אין נאָמען פון די סטרייקערס פארהאנדלען מיט די באלעבאטים. אין דער לעצטער מינוט איז אפילו געמאכט געוואָרן א פארזוך צוריק אויפצולעבן דעם פאראייניקטן קאונסיל. די באלעבאטים אָבער האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט; זיי האָבן אומגעקערט די ארבעטער זייערע אלטע שכירות און געעפענט זייערע פאבריקן, אויסמיידנדיק צו פארהאנדלען מיט די פארטרעטער פון די ארבעטער־אָרגאניזאציעס. דעם

28טן אויגוסט האָבן די אַרבעטער פון לאָורענס זיך אומגעקערט צו דער אַרבעט. מיט קליינע אויסנאַמען האָבן די טעקסטיל־באַראָנען אין ראָוד איילאַנד און אַנדערע טעקסטיל־צענטערן נאָכגעפאָלגט דעם ביישפּיל פון לאָורענס.

די בראַווע און מוטיקע טעקסטיל־סטרייקער האָבן דורך זייער לאַנגן און ביטערן קאַמף געצוואונגען זייערע באַלעבאַטים אומצוקערן זיי די גע־שניטענע שכירות. די צעבראָכלטקייט און צעשפּליטערטקייט פון זייער יוניאָן האָבן געפירט צו דעם, אַז די טעקסטיל־מאַגנאַטן זאָלן אַרויס די זיגער אין דער וויכטיקסטער אישיו פון דעם קאַמף, די אישיו פון „אָפּן־שאַפּ", וואָס איז פאַרבליבן אין דער אינדוסטריע.

דער רעוואָלט פון די 100 טויזנט טעקסטיל־אַרבעטער איז געווען די ער־שטע שלאַכט אינם ווידערשטאַנד, וואָס די אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן אַרויס־ווייזן קעגן דער ווילדער אָפּענסיווע פון אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל צו פאַרניכטן אַלע געווינסן, וואָס די אַרבעטער האָבן געקראָגן אין יאָרן פון קאַמף, צו פאַרניכטן יעדן שפּור פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. דער אַנטשלאָסענער קאַמף פון די טעקסטעל־אַרבעטער האָט געגעבן מוט די אַמעריקאַנער אַרבע־טער נאָכצופאָלגן זייער ביישפּעל, איז געווען דער סיגנאַל פאַר די גרויסע קאַמפן פון די גראַניט־אַרבעטער, די אַרבעטער פון די אייזנבאַן־שעפּער און די מיינערס. די לעצטע האָבן אַריינגעשריבן אַ נייעם העראָאישן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון קלאַסן־קאַמף אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

2

דער גענעראַל סטרייק פון די מאַינערס

איבער 600 טויזנט קוילנגרעבער האָבן דעם 1טן אַפּריל, 1922, גע־וואָרפן זייער אַרבעט און זיינען אַרויס אין סטרייק. צום ערשטן מאָל אין זייער געשיכטע האָבן די אַמעריקאַנער קוילנגרעבער אויפגענומען אַ קאַמף קעגן זייערע שונאים אויף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. די דאָזיקע אַרמיי פון קוילנגרעבער, פון אַנטראַציט (האַרטע קוילן) און פון ביטומינוס (ווייכע קוילן), אָרגאַניזירטע און ניט־אָרגאַניזירטע, האָבן, ווי איינער, פאַרלאָזן די קוילן־גרובן אין דעם גרעסטן אינדוסטריעלן קאַמף אין דער אַמעריקאַנישער געשיכטע. די קוילנגרעבער פון אילאָנאָי, אינדיאַנאַ, אייאָוואַ, מישיגאַן, מאָנטאַנאַ, ניו מעקסיקאָ, אָהייאָ און טעקסעס האָבן, ווי איין מענטש, גע־ענטפערט אויף דעם רוף פון דער יוניאָן; ניט געקוקט אויף דעם אַנטי־סטרייק

געזעץ פון קענזעס, האָבן 13 טויזנט, פון די 14 טויזנט קוילנגרעבער אין שטאַט, זיך אָנגעשלאָסן אָן סטרייק; אין קאָלאָראַדאָ, די קעניגרייך פון ראָקעפעלער און זיין אויל־טראָסט, און אין וועסט־ווירדזשיניע, די מלוכה פון מאָרגאַנס שטאָל־טראָסט, האָבן טויזנטער קוילנגרעבער פאַרלאָזן די קוילנגרובן; די ווייכע קוילנגרעבער פון וועסטערן פּענסילוויניאַ זיינען ביז דעם לעצטן ארונטער אין סטרייק. לויט די קאָנסערוואַטיווע ציפערן פון לייבאָר־דעפּאַרטמענט, האָבן אין דעם סטרייק זיך באַטייליקט 610 טויזנט, פון די 795 טויזנט מאַינערס אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָס איז געווען — אין דער צאָל מענטשן, וואָס האָבן זיך אין דעם באַטייליקט, אין דער סאָלידאַרישקייט פון די אַרבעטער — דער גרעסטער סטרייק, וואָס אַמעריקע האָט ווען געזען, און נאָך דעם גרויסן שטאָל־סטרייק אין 1919 — דער צווייטער גרויסער אינדוסטריעלער קאַמף אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

וואָס האָט ארויסגעטריבן די ריזיקע קוילנגרעבער־אַרמיי אויפן שלאַכט־פעלד? וואָס האָט זי באַגייסטערט אין איר הערָאָאישן קאַמף קעגן די מעכ־טיקסטע כוחות פון אַמעריקאַנישן קאַפּיטאַל? די קוילנגרעבער, פּונקט ווי די טעקסטיל־אַרבעטער, האָבן רעוואָלטירט קעגן די שרעקלעכע באַדינגונגען אין זייער אינדוסטריע און קעגן דעם פאַרזוך פון די קוילן־מאַגנאַטן די דאָזיקע באַדינגונגען צו מאַכן נאָך ערגער, צו פאַרניכטן אַלע געווינסן, וואָס די קוילנגרעבער האָבן זיך דערשלאָגן אין צענדליקער יאָרן פון בלוטיקן קאַמף.

אַרבעטס־באַדינגונגען אין דער קוילן־אינדוסטריע

די קוילן אינדוסטריע איז איינע פון די געפערלעכסטע אינדוסטריען אונטערן קאַפּיטאַליזם. אין זייער געיעג נאָך פּראָפיטן שענקען ניט די קוילן־מאַגנאַטן די קלענסטע אויפמערקזאַמקייט צו פאַרזיכערן די לעבנס פון די אַרבעטער. יעדער קוילנגרעבער נעמט בוכשטעבלעך זיין לעבן אין זיינע הענט ווען ער לאָזט זיך אַראָפּ אין דער קוילן־גרוב צו דער אַרבעט. די צאָל אומגליקס־פאַלן אין דער קוילן־אינדוסטריע און די צאָל קרבנות אין די אומגליקס־פאַלן זיינען די גרעסטע אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע צווייגן פון דער אינדוסטריע. אין 1921, אַ יאָר פון גרויסער אַרבעטלאָזיקייט אין דער אינדוסטריע, זיינען 1,973 קוילנגרעבער געהרגעט געוואָרן, לויט דעם באַריכט פון דער ביוראָ פאַר מאַינס.

די באַדינגונגען, אונטער וועלכע דעם קוילנגרעבער קומט אויס צו אַרבעטן, זיינען שרעקלעך. אָט וואָס אַ קאָנגרעסמאַן, קאָנגרעסמאַן דיקערטס פון אָהייאָ, האָט געמוזט צוגעבן אין אַ רעדע אין קאָנגרעס:

„די מענטשן וואָס ארבעטן אין דעם דאָזיקן דיסטריקט האָבן קיינמאָל ניט די געלעגנהייט זיך אויסצוגליטשן, אָדער אויסצוגלייכן זייערע רוקנס אין פארלויף פון טאָג, ביז וואנען זיי פארלאָזן די שאכט אין אָוונט, סיידן זיי ווילן זיך אויסציען פלאך אויפן דעק פון דער שאכט. ארײנקומענדיק אינדערפרי צו דער ארבעט, דארפן די ארבעטער גיין איינגעבויגן מײלן־ווייט צום פלאץ פון זייער ארבעט. אָפט דארפן זיי בראָדזשען דורך בלאָטע און וואסער, ביז וואנען זיי קומען צו זייער ארבעט־פלאץ".

און אָט איז א באשרייבונג פון ארבעט־באדינגונגען אין א שאכט פון דעם אנטראציט־דיסטריקט, וואָס מיר געפינען אין א באריכט פון דעם לייבאָר דעפּארטמענט:

„די דאָזיקע עטלעכע מענטשן און די יונגע אינגלעך האָבן געארבעט אין דעם שטענדיקן ליארם, וואָס די קוילן מאכן, ווען זיי פאלן דורך די רינעס אין די ברעך־מאשינען, אָדער ווערן ארײנגעשאָטן אין די זאפּאַס־קאמערן. שווארצע קוילן־שטויב איז אומעטום. די לופט אין די לונגען פון די ארבעטער איז פול מיט שטויב. די שיפער־שטיינער זיינען אזוי שארף, א די צען קלייבער פון די דאָזיקע שטיינער האָבן שטענדיק פארוואונדעטע הענט. די קוילן ווערן ארּאפּגעלאָזט דורך די רינעס אין וואסער, און דאָס מיינט געשוואָלענע הענט פאר די, וואָס ארבעטן בא דעם. די ערשטע פאר וואָכן, וואָס א אינגל הויבט אָן ארבעטן בא אָט־דער ארבעט, הערן זיינע פינגער ניט אויף צו בלוטיקן".

ווען מען ארבעט אונטער אזעלכע באדינגונגען, זיינען ניומאָניע (לונגען אָנצינדונג), שווינדזוכט, דערקעלטערונגען א גאנץ געוויינטלעכע דערשיינונג צווישן די קוילנגרעבער. דער קוילנגרעבער איז א חוץ דעם אין א שטענדיקער געפאר פון גאז און קוילן־שטויב־אויפרייסן, אין געפאר גע־הרגעט צו ווערן פון די פאלנדיקע שטיינער, פארברענט צו ווערן אין די אָפטע שאכט־פייערן, דערטרונקען צו ווערן אין די אָפטע שאכט־פאר־פלייצונגען.

די שכירות און לעבנס־באדינגונגען פון די מאַינערס

פאר זיין ארבעט אין אָט־די אוממענטשלעכע באדינגונגען קריגט דער קוילנגרעבער ניט געווג אויפצוהאלטן די נשמה. די אמעריקאנער קאפּי־טאליסטן האלטן אין איין שרייען, אז די שכירות פון די אמעריקאנישע קוילנ־גרעבער זיינען די העכסטע אין דער גאנצע וועלט. דער אמת איז, אז דער

קוילנגרעבער איז איינער פון די אמערגסטן באַצאָלטע ארבעטער אין אמע־ריקע. דער קאָנסערוואטיווער קאָנגרעסמאַן בלענד פון אינדיאַנא האָט באוויזן אויף דעם פארהער פון דער לייבאָר־קאָמיטע פון קאָנגרעס וועגן אַ געזעץ־פּראָיעקט, וואָס ער האָט אריינגעבראַכט אין קאָנגרעס, אַז די דורכשניטלעכע שכירות פון די אמעריקאַנישע קוילנגרעבער אין די דריי דיסטריקטן — אָהייאָ, פּיטסבורג און וועסט־ווירדזשיניע — זיינען געווען אין יאָר 1921, ווי פאָלגט:

דיסטריקט	דורכשניטלעכער צאָל ארבעטס־טעג אין 1921	דורכשניטלעכע פארדינסטן
אָהייאָ — — — — — — —	119	550
פּיטסבורג — — — — —	123	762
וועסט־ווירדזשיניע — — —	80	500

אויף דער זעלביקן פארהער האָט דזשאָן בראַפי, פּרעזידענט פון דיסט־ריקט 2 פון דער מאַינערס יוניאָן, געבראַכט באוויזן, אַז דער דורכשניטלעכער פארדינסט פון די 31,979 קוילנגרעבער פון צענטראַל פּענסילווייניע איז געווען 14 דאָלאַר מיט 60 סענט אַ וואָך, אַז דורכשניטלעך האָבן די ארבעטער אין דעם דאָזיקן דיסטריקט געארבעט בלויז 122 טעג אין משך פון יאָר.

ארבעטלאָזיקייט איז איינע פון די ערגסטע קללות פון דעם קוילנגרעבער. דער קוילנגרעבער ווייסט קיינמאָל ניט, צי ער וועט האָבן ארבעט דעם קומענ־דיקן טאָג. גאַנץ אָפט וועט אַ קוילנגרעבער אויפשטיין 4 אזייגער אינדערפרי, גיין אויף דעם רוף פון דעם שאַכט־פייף, 5, 6 מייל צו דער קוילן־גרוב און דאָרט אויסגעפינען אַז ס'איז ניטאָ פאר אים קיין ארבעט, דערפאַר וואָס די אייזנבאַן קאָמפּאַניע האָט פארשפּעטיקט צוצושטעלן ליידיקע וואַגאָנען, אָדער צוליב אַנדערע ענלעכע סיבות. די אונטערזוכנג פון דער ראַסעל־סיידזש פאונדיישאָן מאַכט דעם פאָלגנדיקן סך־הכל וועגן דער צאָל ארבעט־טעג פון אַ קוילנגרעבער אין די וויכע קוילן־שאַכטן:

„די וויכע קוילן־שאַכטן זיינען געווען אָפן פאר ארבעט אַ דורכשניט פון בלויז 214 טעג אין די 32 יאָר פון 1890 ביז און איינגעשלאָסן דעם יאָר 1921. איוב 304 טעג זאָלן באַטראַכט ווערן ווי אַן ארבעט־יאָר, וועט די צאָל פארלוירענע טעג אויסמאַכען אַ דורכשניט פון 90 אַ יאָר. בלויז צוויי מאָל, און דאָס אין צייט פון דער מלחמה, האָבן די מאַינערס

דערגרייכט דעם הויך־פונקט, ווען זיי האָבן געהאַט בלויז 61 אַרבעטלאָזיקע טעג אין א יאָר".

ס'איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס צוויי־דריטל פון די אַמעריקאַנישע קוילנגרעבער קענען ניט אויסהאַלטן זייערע פאַמיליעס און מוזן אָנקומען צו די פאַרדינסטן פון זייערע פרויען און קינדער. צוליב די הונגער־שכירות, וואָס די קוילנגרעבער קריגן, מוזן זייערע קינדער אַוועקגיין אין זייערע קינדער־יאָרן צו דער אַרבעט. אַן אונטערזוכונג פון ליבאָר־דעפּאַרטמענט דערציילט:

„פון די 3136 קינדער אין עלטער פון 13־16 יאָר, וואָס זיינען איינגעשלאָסן אין דער דאָזיקער אונטערזוכונג, האָבן 1349 פאַרלאָזן שול פאַר רעגולערע באַשעפטיגונגען. אין דער צייט פון דער אונטערזוכונג זיינען 1332 פון זיי געווען רעגולאַר באַשעפטיקט. א חוץ דעם האָבן 296 געהאַט אַרבעט אין די נאָך־שול שעהן; אַזוי אַז מער ווי העלפט, 51.9 פּראָצענט פון די קינדער קענען בעצייכענט ווערן, ווי „קינדער־אַרבעטער".

די פּראָפיטן פון די קוילן־מאַגנאַטן

אין דער צייט וואָס די קוילנגרעבער לעבן אין די ערגסטע באַדינגונגען און ווערן געשוואָלן פון הונגער, מאַכן די קוילן־מאַגנאַטן אוצרות אין פּראָפיטן. די ליהאַי און ווילקעס־באַר קוילן־קאָמפּאַניע האָט באַוויזן צו פאַרגרעסערן איר פאַרמעגן אין די אַכט יאָר פון 1912 ביז 1920 אויף 900 פּראָצענט — פון 3,500,000 דאָלאַר אויף 27,000,000 דאָלאַר — און האָט געצאָלט אירע אַקציאָנערן א דיווידענד פון 305 פּראָצענט. די טעמפּל קוילן קאָמפּאַניע האָט פאַרגרעסערט די נעט איינקונפט אויף איר גרונט קאַפּיטאַל פון 29.3 פּראָצענט אין 1912 אויף 121 פּראָצענט אין 1920. די ליהאַי וואלי קוילן קאָמפּאַניע האָט באַוויזן צו פאַרגרעסערן דעם ווערט פון איר פאַרמעגען פון פינף מיט א האַלב מיליאָן דאָלאַר אויף 12 מיליאָן דאָלאַר, האָט פאַרקלענערט אירע חובות פון 20 מיליאָן דאָלאַר אויף 11 מיליאָן דאָלאַר, און האָט געצאָלט אירע אַקציאָנערן א דיווידענד, וואָס האָט באַטראָפן 190 פּראָצענט. די פילאַדעלפיע און רעדינג קוילן קאָמפּאַניע האָט פאַרגרעסערט איר פאַרמעגן אויף 1700 פּראָצענט — פון 1,500,000 דאָלאַר אין 1912 אויף 25,000,000 דאָלאַר אין 1920.

די ווילדסטע פּראָפיטן האָבן די קוילן־באַראָנען געמאַכט אין די מלחמה־יאָרן. וויליאַם ג. מעקאַדו, דער פינאַנץ־סעקרעטאַר אונטער ווילסאָנס אַד־

מיניסטראַציע, האָט דערקלערט, אַז פיל איינגענטימער פון קוילן שאַכטן „האָבן פון די פּראָפיטן, וואָס זיי האָבן געמאַכט אין 1917, צוריק געקראָגן עטלעכע מאָל אַריבער דעם קאַפּיטאַל, וואָס זיי האָבן אַריינגעלייגט אין די מאַינס".

נאָר וואָס גרעסער עס זיינען געוואָקסן די פּראָפיטן פון די קוילן־מאַגנאַטן, אַלץ שטאַרקער זיינען געוואָרן זייערע אַפּעטיטן. די מאַגנאַטן פון דער קוילן־אינדוסטריע זיינען געווען אין די ערשטע רייען פון דער „אָפּן־שאָפּ" קאַמ־פּאַניע. זיי האָבן געזוכט די ערשטע געלעגנהייט אויפצונעמען אַ קאַמף צו צעברעכן די מאַינערס־יוניאָן. די דאָזיקע געלעגנהייט, האָבן זיי געגלויבט, איז געקומען אין פרילינג 1922, ווען דער אָפּמאַך צווישן דער יוניאָן און די קוילן־מאַגנאַטן, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן מיט צוויי יאָר פריער, אין 1920, האָט זיך געענדיקט.

ערב דעם קאַמף

די באַדינגונגען אין דער אינדוסטריע אין פרילינג 1922 זיינען געווען גינסטיק פאַר די קוילן־מאַגנאַטן. קודם־כל האָבן די קוילן־מאַגנאַטן, לויט דעם באַריכט פון דעם דירעקטאָר פון דעם געאָלאָגישן איבערזיכט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, געהאַט אַ זאַפּאַס פון 63 מיליאָן טאָן ווייכע קוילן. דער דאָזיקער זאַפּאַס האָט געקאָנט קלעקן פאַר 55 טעג. די קוילן־באַראָנען האָבן געזען אַ געלעגנהייט צו מאַכן געשוואָלענע פּראָפיטן פון אָט־דעם ריזיקן זאַפּאַס קוילן, ווען אַ סטרייק וועט אויסברעכן און זיי וועלן קענען העכערן דעם פּרייז אויף קוילן. זיי האָבן אויך געהאָפט, אַז זיי וועלן קענען צושטעלן גענוג קוילן פון ניט־יוניאָן פעלדער, אויב דער סטרייק זאָל אָנ־האַלטן לענגער ווי די 55 טעג.

ווייטער האָבן זיי געלייגט אַ סך האָפנונג אויף סטרייק־ברעכער. מיט פיר מיליאָן אַרבעטלאָזיקע, וואָס זיינען געווען גרייט זיך צו פאַרקויפן פאַר יעדן פּרייז, האָבן די קוילן־מאַגנאַטן געהאָפט צו קריגן גענוג סקעבס צו קענען ברעכן דעם סטרייק. זיי האָבן אויך געוואוסט, אַז די יוניאָן געפינט זיך אין אַ שלעכטן פינאַנציעלן צושטאַנד, אַז דער קאַמף קעגן אינדזשאָנק־שאָנס אין די געריכטן און דער 28־הדשימדיקער קאַמף אין מינגאָ קאַונטי, האָבן אָפּגעקאָסט דער יוניאָן קרוב צוויי מיליאָן דאָלאַר. די קוילן־מאַגנאַטן האָבן דעריבער אויסגעקליבן דעם פרילינג פון 1922 פאַר דעם גינסטיקן מאָמענט צו דערלאַנגען אַ טויט־קלאַפּ דער מאַינערס יוניאָן. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו באַטייליקן אין פאַרהאַנדלונגען וועגן אַ נייעם אָפּמאַך מיט דער יוניאָן. נאָך איידער דער אַלטער אָפּמאַך האָט זיך געענדיקט, האָבן די

באַלעבאַטים אַנגעהויבן צו שניידן די שכירות פון 20 ביז 40 פּראָצענט. זיי האָבן אויך גענומען אָפּשאַפן די „טשעק־אָף־סיסטעם“. דאָס אָפּשאַפן פון דער דאָזיקער סיסטעם האָט באַזונדערס שטאַרק געטראָפן דער רעפאָרמיסטי־שער פירערשאַפט פון דער מאַינערס יוניאָן און וואָלט פאַר זיי געווען אַ טויט־קלאַפּ.

די טאַקטיק פון די מאַין־מאַגנאַטן פון די ווייכע קוילן־פעלדער איז געווען אינגאַנצן צו איגנאָרירן די יוניאָן פון די קוילנגרעבער. דער אָפּמאַך פון 1920 האָט געהאַט אַ פּונקט וועגן אַרביטריישאָן אין פאַל די ביידע צדדים וועלן נים קענען איינשטימען אויף אַ נייעם אָפּמאַך. אין דעצעמבער 1921, האָט פּרעזידענט לואיס פון דער יונייטעד מאַין וואָרקערס פון אַמעריקע זיך געווענדעט צו די קוילן־אייגענטימער מיט אַ פאָרשלאָג אָפּצוהאַלטן אַ קאָנ־פערענץ וועגן אַ נייעם אָפּמאַך. די קוילן־מאַגנאַטן האָבן דעם פאָרשלאָג איגנאָרירט. ער האָט אין פעברואַר 1922 באַנייט זיין פאָרשלאָג פאַר אַ קאָנפערענץ, וואָס זאָל אָפּגעהאַלטן ווערן אין קליוולאַנד, אין מערץ. די מערסטע קוילן־אייגענטימער האָבן אויף דעם פאָרשלאָג נים געענטפערט. אַ קליינער טייל פון זיי איז געווען גרייט צו קאָנפערירן מיט דיסטריקט־פאַר־טרעטער, נאָר ניט מיט דער נאַציאָנאַלער יוניאָן.

ווען עס לוינט זיך פאַר די קאַפּיטאַליסטן איז אַ „הייליקער קאָנטראַקט“ בלויז אַ „שטיקל פּאַפּיר“ וואָס איז ניט ווערט דעם טינט, מיט וואָס ער איז געשריבן.

ניט קיין בעסערן מזל האָט געהאַט דער אָפּמאַך מיט די באַלעבאַטים פון די אַנטראַציט־שאַכטן. אין אָט־דעם צווייג פון דער אינדוסטריע איז יאָ אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קאָנפערענץ צווישן די באַלעבאַטים און די פאָרטרע־טער פון דער יוניאָן. די דאָזיקע קאָנפערענץ וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ניו יאָרק דעם 15טן מערץ, 1922, איז אָפּגעבראָכן געוואָרן. די „קוילן־מאַגנאַטן האָבן „מיט אַנטריסטונג“ צוריקגעוויזן אַלע פאָרשלאָגן פון די יוניאָן־פאָרטרעטער.

דעם סטרייק אין פולן גאַנג

פול מיט האַס קענן זייערע שרעקלעכע לעבנס־באַדינגונגען, מיט צאָרן קעגן זייערע פאַרשקלאַפער, האָבן די קוילנגרעבער, פאַר לאַנגע יאָרן אין די פאָדערסטע רייען פון דער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג אין אַמעריקע, גע־ענטפערט מיט אַ סאָלידן פראָנט אויף דער אַטאַקע פון זייערע שונאים. ווי

איין מענטש האָבן זיי פאַרלאָזן די קוילן־גרובן אויפן רוף פון זייער יוניאָן. די פאָדערונגען פון דער יוניאָן זיינען געווען מעסיקע; די יוניאָן האָט געפאָדערט איבערצולאָזן די „טשעק־אָף־סיסטעם", די עקזיסטירנדיקע „סקייל" פון שכירות, אַ 6־שעהדיקן אַרבעט־טאָג און אַ 15טאָגיקע אַרבעט־וואָך.

די קוילן־מאַגנאַטן האָבן זיך תיכף גענומען צו זייערע אויסגעפּרובירטע מיטלען פון סטרייק־ברעכעריי. די קוילן־פעלדער זיינען פאַרפּלייצט געוואָרן מיט מחנות מעסער־העלדן פון די סטרייק־ברעכערישע דעטעקטיוו־אַגענטורן. די רעגירונג איז זיי געקומען צו הילף מיט איר פּאָליציי און מיליטער. די קוילן־געגנטן פון אַמעריקע זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין באַוואָפנטע לאַגערן.

די מאַין־מאַגנאַטן האָבן אָבער ניט געקאָנט זייערע קעגנער. די סטרייק־ברעכערישע טעטיקייט פון די מאַין־מאַגנאַטן האָט זיך אָנגעשטויסן אָן אַן אייזערנער וואַנט פון סאָלידאַרישקייט פון די אַרבעטער. די קוילנגרעבער פון די ניט־יוניאָן פעלדער האָבן זיך אין די צענדליקער טויזנט אָנגעשלאָסן אין סטרייק. די פּראָדוקציע פון אָט־דער טייל פון דער אינדוסטריע האָט ווייט ניט דערפילט די האָפנונגען פון די קוילן־מאַגנאַטן. דער זאַפּאַס פון די אָנגעגרייטע קוילן איז פאַרנוצט געוואָרן; די פּרואוון עפענען די קוילן־גרובן מיט סטרייק־ברעכער זיינען כמעט אַלע דורכגעפאַלן אַ דאַנק דעם העראָאישן ווידערשטאַנד פון די קוילנגרעבער.

יעדער סטרייק פון די קוילנגרעבער איז אַ מלחמה. דער סטרייק פון 1922 איז געווען אַ מאָדערנע מלחמה, מיט אַ מלחמה־פראָנט, וואָס האָט זיך געצויגן אויף טויזנטער מייל, און וואו אויף אייניקע פון שלאַכטפעלד איז געשטאַנען אַ ריזיקע אַרמיי פון רעגירונגס־סאָלדאַטן און באַנדיטן פון די סטרייק־ברעכערישע דעטעקטיוו־אַגענטורן — אויף דער צווייטער זייט אַ האַלב־מיליאָן אַרבעטער, וואָס האָבן העראָאיש געקעמפט פאַר רעכט אויף זייערע לעבנס, אויף זייערע דזשאָבס. פיל בלוטיקע בלעטער אין דער בלוטיקער געשיכטע פון זייערע קאַמפן האָבן די קוילנגרעבער אַריינגעשריבן אין דעם דאָזיקן סטרייק. דער קאַמף אין העררין, אילאָנאָי, איז אַ מוסטער פון אָט־דעם בלוטיקן קאַמף, אַן אויסדרוק פון דעם רעוואָלט פון די סטרייקענדע קוילנגרעבער קעגן די פּריוואַט־באַוואָפנטע באַנדיטן, מערדער און דעטעקטיוון.

העררין — אַן אויסדרוק פון קלאַסן־מלחמה אין אַמעריקע

אין וויליאַמסאָן קאַונטי, אין אילאָנאָי סטייט, צווישן די צוויי שטעט

הערין און מאריאן, געפינט זיך אַ קוילן־שאַכט פון דער סאַוטערן איליאָני קוילן קאָמפּאַניע. אין מיטן פון דער סטרייק האָט די קאָמפּאַניע געשלאָסן אן אָפּמאַך מיט דער יוניאָן צו דערלויבן אויפדעקן די קוילן־אָדערן, אזוי אז ווען דער סטרייק וועט זיך ענדיקן, זאָל זיין מעגלעך פאַר די אַרבעטער זיך תיכף אומצוקערן צו דער אַרבעט. דער פּרעזידענט פון דער קאָמפּאַניע, מר. לעסטער, האָט צוגעזאָגט אז ער וועט ניט מאַכן קיין פּרוואוון צו גראָבן קוילן, כל־זמן דער סטרייק וועט אָנהאַלטן.

נאָר אַנשטאָט צו האַלטן וואָרט, האָט מר. לעסטער אימפּאָרטירט סטרייק־ברעכער פון שיקאַגאָ און איז צוגעטראָטן גראָבן קוילן אין דער שאַכט. אויף צו באַשיצן די סטרייק־ברעכער האָט די קאָמפּאַניע אַראָפּגעבראַכט אַ מחנה באַוואָפנטע דעטעקטיווס פון דער סטרייק־ברעכערישער־אָרגאַניזאַציע־ דעטעקטיוו אַגענטור פון שיקאַגאָ. די באַוואָפנטע באַנדיטן האָבן זיך געפונען אונטער דער אָנפירונג פון אַ באַוואוסטן מעסער־העלד, מעקדאַועל, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין סטרייק־ברעכערישער טעטיקייט אין קאָלאָראַדאָ.

די אנוועזנקייט פון די באַוואָפנטע באַנדיטן האָט געשאַפן אַ קריטישע לאַגע. די שאַכט איז געווען הונדערט פּראָצענט יוניאָניזירט. אַ צוזאַמענשטויס צווישן די קוילנגרעבער און די באַוואָפנטע דעטעקטיווס, וואָס האָבן געזוכט צו פּראָוואָצירן די קוילנגרעבער אויף שריט און טריט, איז געווען אומפאַרמיידלעך. די באַאַמטע פון דער קאַונטי האָבן אַפּעלירט צו דער קאָמפּאַניע, אַז זי זאָל אַוועקנעמען די דעטעקטיווס. מעקדאַועל, וועלכער האָט געשפּילט די ראָלע פון דעם כלומרשטן פאַרוואַלטער פון דער מאַין, האָט געענטפערט: „איך האָב געבראָכן אַנדערע סטרייקס און איך וועל אויך ברעכן דעם איצטיקן סטרייק".

מיטוואָך, דעם 21טן יוני, האָבן די מאַינערס אַוועקגעשיקט אַ גרופּע אַרבעטער צו דער שאַכט ריידן מיט די סטרייק־ברעכער און זיי באַוועגן צו פאַרלאָזן די אַרבעט. די גרופּע איז באַגעגנט געוואָרן פון די באַוואָפנטע דעטעקטיווס מיט אַ שיסעריי פון מאַשין־באַקסן. צוויי אַרבעטער זיינען געפאַלן טויט.

דער מאָרד פון די צוויי קוילנגרעבער איז געווען ווי אַ פונק אין אַ פולווער־פאַס. די נייעס האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט אין דער אַרומיקער געגנט און אויף מאָרגן אינדערפרי האָבן פון אַלע טיילן פון וויליאַמסאָן קאַונטי זיך געצויגן מחנות מאַינערס אין הערין צו דער מאַין פון דער סאַוטערן אילינאָי קוילן־קאָמפּאַניע. די סטרייקנדיקע קוילנגרעבער זיינען געווען אַנט־

שלאָסן ארויסצוטרייבן מעקדראועלן מיט זיינע באַנדיטן פון דער געגנט. עס האָט אויסגעבראָכן אַ שלאַכט. 19 סטרייקברעכער זיינען געפאַלן טויט אין דערדאָזיקער שלאַכט — אַ בלוטיקער מאָנומענט צו דעם משוגענעם פּראָפיטן־געיעג פון אַמעריקאַנישן קאַפּיטאַליזם. די סטרייקברעכער האָבן זיך אונטער־געגעבן. די סטרייקער האָבן זיי ארויסבאַגלייט קיין העררין און מאַריאַן און זיי דעפּאָרטירט. אַ דזשורי, וואָס האָט אונטערזוכט די בלוטיקע פּאַסירונג, האָט פעסטגעשטעלט, אַז די קוילן־קאָמפּאַניע איז שולדיק, אַז אויף איר ליגט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם צוזאַמענשטויס. ריכטיק זיינען די ווערטער פון איינעם פון די סטרייק־ברעכער, וועלכער האָט שפּעטער דער־קלערט:

„די מענטשן, וואָס האָבן געשאָסן, זיינען די שאַכט־אייגענטימער, וועלכע האָבן אונז געזאָגט ליגנס, כדי אונז אַראָפּצובריינגען אהער צו טאָן סקעב־ארבעט. איך האָב געוואָלט פאַרלאָזן די שאַכט, ווען איך האָב אויסגעפונען צוליב וואָס מען האָט מיך אַראָפּגעבראַכט אהער פון שיקאַגאָ; נאָר די וועכטער האָבן מיר ניט געלאָזן אוועקגיין פון דער שאַכט. די וועכטער האָבן אין אונזער גרוב דערשאָסן אויף טויט צוויי יוניאָן קוילנגרעבער, דעם מיטוואָך איידער די סטרייקער האָבן אונז ארומגע־רינגלט".

דער אמת וועגן דער פּאַסירונג אין העררין האָט אָבער גאַנץ ווייניק גע־קימערט אונזער קאַפּיטאַליסטישן קלאַס און זיינע משרתים, פון דעם פּרע־זידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן ביז די נידעריקערע מאַכטהאָבער. די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע האָט אויפגעהויבן אַ העצע־קאַמפּאַניע קעגן די סטרייקער. זי האָט געדרוקט שטאַרק־איבערטריבענע באַריכטן וועגן דער שלאַכט, האָט געמאָלן שרעקלעכע בילדער וועגן די „גרויזאַמקייטן" פון די סטרייקער. די טשיימבערס אָוו קאָמערס האָבן אויפגעהויבן אַ געשריי וועגן נקמה. זיי האָבן אָנגעהויבן אָנעמען רעזאָלוציעס, וואָס האָבן אויפגעפאָדערט גאָווערנאָר סמאָל פון אילינאָי צו געבן „די פולסטע מעגלעכע שוץ צו לעבן און אייגענטום אין דער געזעצלעכער אַרבעט פון גראָבן קוילן, ניט געקוקט אויף דער מאַינערס יוניאָן". פּרעזידענט הארדינג האָט געזאָגט זיין וואָרט, וואָס האָט צוגעגעבן מוט די נקמה־העצער. אין אַן ענטפער אויף אַ טעלע־גראַמע פון דער טשיימבער אָוו קאָמערס פון אילינאָי וועגן דער פּאַסירונג אין העררין, האָט פּרעזידענט הארדינג דערקלערט:

„אין דעם שטאַט פון אילינאָי איז נאָך זיכער דאָ אַ געוויסן, וואָס וועט ניט טאָלערירן אזא שענדלעכע זאַך. עס וועט מיר זיין זייער

אנגענעם, און דערמוטיקנדיק פארן גאנצן לאנד, ווען דער דאָזיקער געוויסן
וועט געפינען זיין אויסדרוק:

פרעזידענט הארדינג האָט געמעגט זיין צופרידן מיט די רעזולטאַטן.
דער „געוויסן" פון אילינאַי, אויסגעדריקט אין דעם באַרימערישן באַריכט
פון דער אילינאַי טשיימבער אָוו קאָמערס, דערציילט אז —

„אין זעקס וואָכן נאָך דעם ווי דער אילינאַי טשיימבער אָוו קאָמערס
האָט אָנגעהויבן זיין קאמפאניע פאר פאָנדן צו פינאנסירן די אונטער־
זוכונג פון דער בלוט־באָד אין הערין, איז א גרענד דזשורי אויסגעקליבן
געוואָרן און האָט פאַרענדיקט איר אַרבעט . . . די אָנקלאגן, וואָס זי
האָט אַריינגעבראַכט, זיינען:

מאָרד — — — — — — — — — — — — — —	44
קאָנספּיראַציע צו באַגיין מאָרד — — — —	58
אָנגריף צו מאָרדן — — — — — — — — — —	54
קאָנספּיראַציע און רעוואָלט — — — — — — —	58
סך־הכל — — —	214

214 יוניאָן קוילנגרעבער זיינען אָנגעקלאָגט געוואָרן פאַר דעם טויט
פון די 19 סקעבס. קיינער אָבער איז ניט אָנגעקלאָגט געוואָרן פאַר דעם
מאָרד פון די צוויי יוניאָן־אַרבעטער, הענדערסאָן און פּיטסקאַוויט, וועלכע
זיינען דערשאָסן געוואָרן פון די באַנדיטן פון דער האַרגרייווס דעטעקטיוו־
אַגענטור, און וואָס האָט געפירט צו דעם צוזאַמענשטויס אין הערין.

ווען אַ מאַסן־מאָרד בלייבט אומבאַשטראָפט

די קאַפּיטאַליסטישע גערעכטיקייט האָט געאַרבעט שנעל, ווען עס האָט
זיך געהאַנדלט וועגן יוניאָן־קוילנגרעבער, וואָס האָבן פאַרטיידיקט זייער
רעכט אויף זייער אַרבעט. זי איז אָבער געבליבן בלינד, ווען עס האָט זיך
געהאַנדלט וועגן דער גרויזאַמער בלוט־באָד אין קליפטאָנוויל, פּענסילווייניע,
וואו צענדליקער אַרבעטער האָבן פאַרלאָרן זייערע לעבנס. די קאַפּיטאַליסטישע
פּרעסע איז געבליבן שטום און האָט ניט געפונען קיין פאַרבן צו מאָלן דעם
שרעקלעכן פאַרברעכן פון די דעטעקטיוו־באַנדיטן אין קליפטאָנוויל.

די קוילנגרעבער פון דער ריטשלאַנד קוילן קאָמפּאַניע זיינען אַרויס אין
סטרייק דעם ערשטן אַפּריל. אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי דער סטרייק האָט

זיך אָנגעהויבן, האָט די קאָמפּאַניע אָנגעהויבן ארויסצוזעצן די סטרייקענדיקע קוילנגרעבער פון זייערע היימען, וואָס זיינען געווען דאָס אייגענטום פון דער קאָמפּאַניע. די מאַינערס האָבן זיך באַזעצט אין א ביידל־קאָלאָניע ניט ווייט פון דער שאַכט. די קאָמפּאַניע האָט אימפּאָרטירט סטרייק־ברעכער, זיי באַוואָפנט און איינגעקוואַרטירט לעבן דער קאָלאָניע. די באַנדיטן האָבן געמאַכט עטלעכע פּרואוון ארויסצוטרייבן די קוילנגרעבער פון זייער ביידל־קאָלאָניע. די קוילנגרעבער האָבן זיך אָבער פאַרטיידיקט און ניט געלאָזן צעברעכן זייער קאָלאָניע.

אָט־ווי ס'באַשרייבט די וויטערדיקע פּאַסירונג די דערקלערונג פון דער „דעפענס־קאָמיטע" פון די קוילנגרעבער:

„אייניקע זאָגן, אז טויזנט קוילנגרעבער האָבן זיך באַטייליקט אין דעם קליפטאָנוויל־מאַרש, אנדערע גלויבן אז די צאָל איז געווען ווייניקער ווי 600. אלע באַריכטן וועגן דעם מאַרש באַווייזן, אז די פּראָצעסיע האָט געטראָגן דעם געמישטן כאַראַקטער פון יום־טובדיקייט און ערנסטקייט. עס איז כמעט אן איינגעשטעלטער מנהג צווישן די אויסלענדישע עלע־מענטן פון די קוילנגרעבער צו מאַרשירן, אָדער מאַכן פּאַראַדן בא יעדער געלעגנהייט. אין צייטן פון סטרייקס מאַרשירן זיי פון שטאָט צו שטאָט. אין רואיקע צייטן זיינען פאַרשיידענע יום־טובים א סיגנאַל פאַר פּאַראַדן פון הונדערטער קוילנגרעבער. א מאַרש איז פאַר די קוילנגרעבער א דערפרישונג פון זייער שווערער פּראַציע אין די קוילן־גרובן, א סטימו־לירונג צו אייניקייט אין צייט פון סטרייק. די פּאַראַדן צייכענען זיך שטענדיק אויס מיט א גוטער שטימונג. אויך דעם מאַרש צו דער קליפ־טאָנוויל שאַכט האָט מער געהאַט דעם כאַראַקטער פון א פּאַראַד, אין וועלכן די קוילנגרעבער פון דעם גוט אָרגאַניזירטן דיסטריקט פון אווענלא, פּענ־סילווייניע, האָבן געזוכט אויסצודרוקן זייער סימפּאַטיע און אייניקייט מיט די קוילנגרעבער פון קליפטאָנוויל, וואָס זיינען ארויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע היימען . . .

„נאָך איידער די קוילנגרעבער זיינען אָנגעקומען, האָבן די באַ־וואָפנטע וועכטער פון דער קאָמפּאַניע זיך פאַרזאָרגט מיט א גרויסן זאַפּאַס גאַז־באָמבעס. די וועכטער האָבן אָנגעהויבן דעם קאַמף, אזוי גיך ווי די קוילנגרעבער האָבן זיך באַוויזן. עס האָט אָבער לאַנג ניט גענומען און די קוילנגרעבער האָבן, א דאַנק זייער גרויסער צאָל, בייגעקומען די באַוואָפנטע וועכטער, איידער יענע האָבן געהאַט צייט זיך אַרומצוקוקן, און האָבן פאַרנומען דעם אריינגאַנג צו דער שאַכט. א שרעקלעכער אויפ־

ריים איז פאַרגעקומען און הונדערטער קוילנגרעבער זיינען באַ־גראַבן געוואָרן אין די חורבות פון דער שאכט. מען האָט די קוילנגרעבער פאַרנאַרט אין א טויט־פאַסטקע. די קאָמפּאַניע־וועכטער האָבן אויפ־געריסן דעם אריינגאַנג צו דער שאכט.

„בלויז איינער — שעריף דואוואל —— פון די, וואָס האָבן געהיט די שאכט, איז דערהרגעט געוואָרן. 6 איז די אָפיציעלע צאָל פון די דערהרגעטע קוילנגרעבער. די דאָזיקע צאָל רופט אָבער ארויס א פארדאכט...“

די קוילנגרעבער גלויבן, אז פיל קערפּערס פון די דערהרגעטע קוילנ־גרעבער זיינען אוועקגעפירט געוואָרן פון פלאַץ, כדי צו פאַרדעקן די גרויס פון דער צאָל דערמאָרדעטע. קיינער צווייפלט ניט, אז דער ברוטאַלער מאָרד פון די צענדליקער פרידלעכע קוילנגרעבער איז געפלאַנעוועט געוואָרן אין פאָראויס פון די באוואָפנטע באַנדיטן פון דער קאָמפּאַניע.

זיינען די שולדיקע אין דעם גרויזאַמען מאָרד באַשטראָפט געוואָרן? האָט דער פּרעזידענט פון די פאראייניקטע שטאַטן געפונען פאַר נויטיק צו אַפּעלירן צו דעם געוויסן פון די בירגער? ניין. דער דאָזיקער גרויזאַמער מאָרד איז אינגאַנצן פאַרשוויגן געוואָרן. און אָנגעקלאָגט זיינען געוואָרן 160 קוילנגרעבער, אז זיי זיינען שולדיק אין דעם טויט פון זייערע חברים.

הערין און קליפּטאָנוויל זיינען א מוסטער פון קאַפּיטאַליסטישער גערעכ־טיקייט.

די אַמעריקאַנער רעגירונג אין דער ראָל פון סטרייקברעכער

די דריי חדשים סטרייק און דער הערין־אינצידענט האָבן איבערצייגט די אַמעריקאַנישע קאַפּיטאַליסטן, אז די מעסער־העלדן פון די דעטעקטיוו־אַגענטורן און די באַנגעטן פון די רעגירונג־סאָלדאַטן קענען באַנוצט ווערן צו מאָרדן אַרבעטער, מען קאָן אָבער מיט זיי ניט גראָבן קיין קוילן. נאָך דער פּאַסירונג אין הערין איז די פּראָדוקציע פון ניט־יוניאָן קוילן געפאַלן אויף העלפט. דער רעזערוו קוילן וואָס די טויזנטער אינדוסטריעלע אונטערנעמונ־גען איבערן לאַנד האָבן געהאַט אָנגעגרייט, האָט געהאַלטן אין אויסגיין. די שטאָל־אינדוסטריע האָט געהאַט א זאַפּאַס קוילן בלויז פאַר א פּאָר טעג. הענרי פאָרד האָט ארויסגעגעבן א פאַראָרדענונג צו פאַרמאַכן זיינע אויטאָ־מאָביל־פאַבריקן. אין ניו יאָרק האָט די אַסאָסיאיישאָן פון ריעל עסטייט אייגענטימער ארויסגעגעבן א דערקלערונג, אז בלויז א קליינע צאָל וואָס נוצן

קוילן, האָט אַ זאַפּאַס פאַר מער ווי איין חודש. די גאַנצע אַמעריקאַנישע אינדוסטריע האָט געהאַלטן ביי פּאַראַליזירט ווערן.

די אַמעריקאַנישע רעגירונג, וואָס האָט געהאָלפן ארויסרופן דעם סטרייק, אָנעמענדיק אַ טאַקטיק פון נייטראַליטעט, ווען די שאַכט־אייגנטימער האָבן געבראָכן דעם אָפּמאַך, האָט איצט געענדערט איר פראָנט. ווען דער קוילן סטרייק האָט אָנגעהויבן דראָען די דיווידענדן פון די אַמעריקאַנישע קאַפּי־טאַליסטן, האָט די רעגירונג אויפגעגעבן איר פּאָזיציע פון נייטראַליטעט און האָט מיט איר גאַנצע מאַכט אָנגעהויבן העלפן ברעכן דעם סטרייק.

אינדזשאַנקשאָנס, ווי געוויינטלעך אין אַמעריקאַנישע אינדוסטריעלע קאָנפליקטן, זיינען געווען די ערשטע הילף, וואָס די רעגירונג האָט געגעבן די קוילן־מאַגנאַטן. די דאָזיקע אינדזשאָנקשאָנס זיינען געווען די שטרענגסטע וואָס זיינען ווען ארויסגעגעבן געוואָרן אין אַ סטרייק. די אינדזשאָנקשאָנס האָבן פאַרבאָטן די מאַינערס אָפּצוהאַלטן מיטינגען, דיסקוטירן דעם סטרייק, אָדער העלפן די סטרייקער. יעדע סטרייק־טעטיקייט איז פאַקטיש פאַרבאָטן געוואָרן דורך די אינדזשאָנקשאָנס. „דער רעזולטאַט איז געווען" — שרייבט סירלעס, דער רעדאַקטאָר פון יונייטעד מאַין וואָרקערס דזשורנאַל — „אַז די דאָזיקע אינדזשאָנקשאָנס האָבן געבראָכן דעם סטרייק אין אַ צאָל פּלעצער. דאָס איז געווען אַ קלאָרער פאַל פון טרייבן מענטשן צוריק צו דער אַרבעט קעגן זייער אייגענעם ווילן און דורך אינדזשאָנקשאָנס".

די אינדזשאָנקשאָנס האָבן אָבער ניט באַוויזן אַריינצוטרייבן די גאַנצע האַלב־מיליאָניקע אַרמיי סטרייקער אין די קוילן־גרובן. און צו הילף די קוילן־מאַגנאַטן איז געקומען פּרעזידענט האַרדינג אַליין. אין זיין סטרייק־ברעכערישער דערקלערונג, אויגוסט דעם 18טן, זאָגט ער :

> „די גאָווערנאָרס פון פאַרשיידענע שטאַטן באַריכטן, אַז די קוילנ־גרעבער און די שאַכט־אייגענטימער זענען צופרידן אָנצוהויבן פּראָדו־צירן קוילן. דיסטריקט לידערס אינפאָרמירן מיך, אַז זייערע אַרבעטער וואָלטן זיך גערן אומגעקערט צו דער אַרבעט, נאָר מען דערלויבט זיי ניט".

די גאַנצע שולד פאַר דעם סטרייק וואַרפט דער פּרעזאַדענט אויף דער מאַינערס יוניאָן. „דאָס לאַנד" — זאָגט ער — „געפינט זיך אין די הענט פון דער יונייטעד מאַין וואָרקערס. ער רופט די סטרייקערס זיך אומצוקערן צו דער אַרבעט, און זאָגט צו פּעדעראַלע שוץ די סטרייק־ברעכער, וואָס וועלן אים פאָלגן.

האַרדינגס דערקלערונג האָט געקרוינט די סטרייק־ברעכערישע טעטיקייט פון דער רעגירונג. די דערקלערונג האָט באַצוועקט אריינצונאַרן די סטרייקערס אין די קוילן־גרובן. די גאָווערנאָרס פון פיל שטאַטן האָבן פאַרשטאַרקט די אַרמיי־אָפּטיילונגען אין די שאַכט געגנטן אין דער האָפנונג, אַז די קוילן־גרעבער וועלן זיך אומקערן צו דער אַרבעט. די קוילנגרעבער האָבן זיך אָבער ניט געלאָזט אָפּנאַרן. אָט־וואָס ס'דערציילט דער דערמאָנטער מר. סירלעס:

„גאָווערנאָר ספּרול פון פּענסילווייניע האָט געשיקט 11 הונדערט סאָלדאַטן אין די ווייכע־קוילן פעלדער פון וועסטערן פּענסילווייניע צו היטן די אַרמיי קוילנגרעבער, וואָס מען האָט דערוואַרט זיך אומצוקערן אין די שאַכטן. די אַרמיי איז אָבער ניט געקומען. אַ צאָל סטרייק־ברעכער איז אימפּאָרטירט געוואָרן אין די שאַכטן, נאָר די פּראָדוקציע איז ניט פאַרגרעסערט געוואָרן. די אייגענטימער האָבן ניט געקענט צושטעלן קיין קוילן, ווי זיי האָבן צוגעזאָגט, ווען מען וועט זיי געבן מיליטערישע שוץ. גאָווערנאָר מעקריי פון אינדיאַנאַ האָט געשיקט 100 סאָלדאַטן אין די קוילן־פעלדער פון שטאַט, וואו זיי זענען פאַרבליבן עטלעכע וואָכן, און אין דער גאַנצער צייט איז פּראָדוצירט געוואָרן אַרום 1600 טאָן קוילן, וואָס האָט אָפּגעקאָסט דעם שטאַט צווישן 100 און 150 דאָלאַר אַ טאָן. אַנדערע שטאַטן האָבן געהאַט אַן ענלעכע דערפאַרונג“.

יוניאָן־ביוראָקראַטן פאַרראַטן די קוילנגרעבער

די אייניקייט און די אַנטשלאָסנקייט פון די סטרייקער האָט געבראַכן די עקשנות פון די קוילן־מאַגנאַטן און זייערע אַרויסהעלפער. די לייבאָר־ביוראָקראַטן האָבן זיי אָבער פאַרראַטן.

דער ערשטער ברוך אין די רייען פון די באַלעבאַטים איז געקומען דעם 15טן אויגוסט, ווען אין קליוולאַנד איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קאָנפערענץ צווישן די פאַרטרעטער פון דער יוניאָן און די שאַכט־אייגענטימער, וואָס האָבן פאַרטראָטן אַרום 10 פּראָצענט פון דער ווייכער־קוילן־אינדוסטריע. אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ האָט די יוניאָן צוגעשטימט צוריקצופירן דעם סטרייק אויף די פאָלגענדיקע באַדינגונגען:

1. די אַלטע שכירות און אַרבעט־באַדינגונגען זאָלן בלייבן אין קראַפט ביז דעם 31טן מערץ 1923.
2. אַ נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ פון דער גאַנצער ווייכער קוילן־אינדוס־טריע זאָל צוזאַמענגערופן ווערן אין אָקטאָבער אין קליוולאַנד, וואו

אַן אָפּמאַך זאָל אויסגעאַרבעט ווערן.

3. די דאָזיקע קאָנפערענץ זאָל אויסקלייבן אַ קאָמיסיע וואָס זאָל אונטערזוכען די פאַקטן וועגן דער אינדוסטריע.

4. די קאָמיסיע זאָל באַריכטן די רעזולטאַטן פון איר אַרבעט צו אַ נאַציאָנאַלער קאָנפערענץ, וואָס וועט געהאַלטן ווערן דעם 3טן יאַנואַר, 1923.

ענלעכע אָפּמאַכן זענען אין פאַרלויף פון אַ פּאָר וואָכן געשלאָסן געוואָרן אין אַנדערע טיילן פון לאַנד. אין אָנהויב סעפּטעמבער איז דער קוילן־סטרייק געווען פאַרענדיקט.

דער דאָזיקער אָפּמאַך איז געווען אַ קאָמפּראָמיס, אַ קאָמפּראָמיס, וואָס איז געווען צום גונסטן פון די שאַכט־אייגענטימער. אָט־ווי דזשאָן דאָרסי כאַראַקטעריזירט דעם אָפּמאַך אין לייבאָר העראָלד:

„די פון אונז וועלכע האָבן אין משך פון יאָרן געקעמפט אין דער מאַינערס יוניאָן, האָבן געוואוסט, אַז עס וועט געמאַכט ווערן אַ פאַרזוך צו קומען צו אַ קאָמפּראָמיס. ביידע, די באַלעבאַטים און די באַאמטע פון דער יוניאָן, האָבן געהאַט גענוג אורזאַכן צו ענדיקן דעם סטרייק. די באַלעבאַטים זענען געווען געשלאָגן. אויב די יוניאָן וואָלט אויסגעהאַלטן נאָך אַ חודש, וואָלטן מיר געקענט דיקטירן אונזערע אייגענע באַדינגונגען. און די באַאמטע האָבן אויך געוואָלט אַ קאָמפּראָמיס. באַלד קומען נאָמינאַציעס פאַר וואַלן פון באַאמטע פון דער יוניאָן — און זיי האָבן זיך גענויטיקט אין אַ פּלאַטפאָרם; זייער פּלאַטפאָרם וועט איצט זיין: „מיר האָבן פאַר אייך גערעטעוועט אייערע אַלטע שכירות". ווען די קוילנגרעבער האָבן זיך דערוואוסט וועגן דער קליוולאַנדער קאָנפערענץ, האָט אַ גרופּע פון אַלטע יוניאָן־לייט זיך באַגעגנט אין אַ שטעטל אין אילינאָי און זיך דורכגעשמועסט וועגן דעם אויסגאַנג. מיר האָבן אַלע איינגעשטימט, וואָס דער אויסגאַנג וועט זיין, און האָבן ריכטיק געטראָפן. קיין איבערראַשונג איז דער אָפּמאַך ניט פאַר אונז. עס בלייבט אָבער אַ ביטערער געפיל; ווען מען טראַכט, אַז אָט־דער גלענצענדער קאַמף האָט געבראַכט בלויז אַ פערטל נוצן".

דער פאַרראַט פון די יוניאָן־ביוראָקראַטן איז נאָך גרעסער, ווען מען נעמט אין אַכט, אַז דער אָפּמאַך האָט איבערגעלאָזן אויף הפקר די ניט־יוניאָן סטרייקערס פון דער פעיעט־געגנט פון פּענסילווייניא און דעם קאַנאַוואַ טייל פון וועסט־ווירדזשיניא. דער הונדערט־פּראָצענטיקער אָפּרוף פון אָט־די

ניט־יוניאָן קוילנגרעבער, זייער לאָיאַלקייט צום סטרייק האָט געמאַכט מעגלעך פאַר דער יוניאָן אָפּצושלאָגן די ווילדע אַטאַקעס פון די קוילן־באַראָנען. די יוניאָן־ביוראָקראַטיע האָט זיך אָבער גאַנץ ווייניק געקימערט, וואָס אַ־דער לאָיאַלער טייל פון די סטרייקערס וועט, ווי פאַרן סטרייק, זיך מוזן פאַרלאָזן אויפן יושר פון זייערע עקספּלואַטירער. דער דאָזיקער פאַרראַט איז איינער פון די טיפּישסטע פאַר דער אַמעריקאַנער יוניאָן־ביוראָקראַטיע. ער איז אָבער ניט דער ערשטער און ניט דער לעצטער אין דער געשיכטע פון די קלאַסן־קאַמפן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די ביוראָקראַטיע פון דער אַמעריקען פעדערייש אָן אָוו לייבאָר איז געווען און איז פאַרבליבן די שאַרפ־סטע געוועוער אין די הענט פון די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן קעגן די אַר־בעטער.

נאָכוואָרט

דאָס יאָר 1922 האָט פאַרענדיקט איינעם פון די וויכטיקע פעריאָדן אין דער געשיכטע פון דעם אַמעריקאַנעם קאַפּיטאַליזם. דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם האָט באַוויזן בייצוקומען דעם ערשטן נאָך־מלחמה'דיקן קריזיס און איז אַריינגעטראָטן אין זיינע זיבן פעטע יאָרן, די יאָרן פון דער באַרימטער אַמעריקאַנער „פּראָספּעריטי". אָט־די אַמעריקאַנער „פּראָספּעריטי", וואָס איז אויפגעכאַפּט געוואָרן פון אַלע קאַפּיטאַליסטישע אידעאָלאָגן און פון אַלע אָפּאָרטוניסטן אין די רייען פון אַרבעטער־קלאַס אַלס דער בעסטער סימן פון סטאַבילקייט און דעם לאַנג־דויער פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, האָט זיך אָבער אַנטוויקלט אין די באַדינגונגען פון אַ קאַפּיטאַליזם וואָס איז שוין אינגאַנצן צעפוילט, וועמעס אינערלעכע ווידערשפּרוכן זיינען דעריבער שאַרפער, ווי ווען ניט איז פריער אין זיין געשיכטע, און האָבן געמוזט טרייבן צו אַ צוזאַמענברוך.

נאָך דעם שאַרפן אינדוסטריעלן וועלט־קריזיס פון 1920־1921 האָט דער גאָלד־שטראָם, וואָס איז געפלאָסן אין די בענק און פייער־קאַסעס פון די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן זינט דער וועלט־מלחמה, געפונען אַן אויספלוס אין אַ צאָל נייע אינדוסטריען, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אין די מלחמה־יאָרן. די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן האָבן אָנגעהויבן אינוועסטירן זייערע ריזיקע מלחמה־פּראָפיטן און איינקונפטן פון זייערע ביליאָניקע פאַר־מעגנס אין אינדוסטריען, וואָס האָבן מיט איין צענדליק יאָר פריער זיך נאָך געפונען אין זייער קינדהייט. אַזעלכע אינדוסטריען ווי אויטאָמאָביל, עלעק־טרישע קראַפט, עלעקטרישע מכשירים, די קינאָ, און דאָס ריידנדיקע בילד („טאָקי"), עראָפּלאַן, ראַדיאָ, און רעיאָן (קינסטלעכע זייד) הויבן זיך אָן ראַשיק צו אַנטוויקלען אַ דאַנק די ריזיקע קאַפּיטאַלן וואָס ווערן אין זיי אינוועסטירט, און הויבן אָן פאַרנעמען אין אַ גאָר קורצער צייט אָנפירנדיקע פּאָזיציעס אין ווירטשאַפטלעכן לעבן פון די פאַראייניקטע שטאַטן. די אַנט־וויקלונג פון די דאָזיקע אינדוסטריען שפּילט די ערשטע פידל אין דער אַמעריקאַנער „פּראָספּעריטי".

אַ צווייטער וויכטיקער עלעמענט אין דער אַמעריקאַנער „פּראָספּעריטי" איז געווען די בוי־אינדוסטריע. אין די מלחמה־יאָרן האָט מען כמעט אויפגעהערט בויען נייע הייזער, וועגן, א. אַז. וו. אין די גרויסע שטעט און אין די ניי־אויסגעוואקסענע אינדוסטריעלע צענטרען איז געווען אַ גרויסער דוחק אין וואוינונגען. רענט איז אַרויפגעשרויפט געוואָרן אַף אַן אומגעהויערער הויך; אינוועסטירונגען אין די נייע געביידעס האָבן געבראַכט גרויסע פּראָפיטן. ס'הויבט זיך אָן אַ גרויסער „ריעל־עסטייט בום". הונדערטער טויזנטער מיליאָנען ווערן אינוועסטירט אין דער בוי־אינדוסטריע, איינשליסנדיק אַ פאַרצווייגטע נעץ נייע וועגן, וואָס די אַנטוויקלונג פון דעם אויטאָמאָביל־פאַרקער האָט געפאָדערט.

די וואַקסנדיקע פּראָדוקציע אין אָט־די צווייגן פון דער אינדוסטריע האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע פאָדערונג אַף שטאָל, אייזן, אויל, ראָבער, קופּער, צעמענט, גלאָז, א. אַז. וו. ס'איז אָבער ווערט צו באַמערקן, אַז אַפילו אין די בעסטע יאָרן פון אַמעריקאַנער „פּראָספּעריטי" זיינען אַ גרויסע צאָל גרונט־אינדוסטריען פאַרבליבן אין אַ צושטאַנד פון כראָנישער דעפּרעסיע. אַזעלכע אינדוסטריען ווי טעקסטיל, קוילן, געהילץ, קאַטן און שיף־געבוי זיינען נאָך אין דעם בום־פּעריאָד פון נאָכ־מלחמה'דיקן קאַפּיטאַליזם באַצייכנט געוואָרן פון די קאַפּיטאַליסטישע עקאָנאָמיסטן ווי „קראַנקע" אינדוסטריען.

פינאַנץ־קאַפּיטאַל ווערט דער דאָמינירנדיקער פאַקטאָר אין דעם ווירטשאַפטלעכן לעבן פון די פאַראייניקטע שטאַטן

מאָדערנער פינאַנץ־קאַפּיטאַל האָט זיך אַנטוויקלט צוזאַמען מיט דעם וואַקסנדיקן ריס צווישן קאַפּיטאַליסטישן אייגנטום און דער פאַרוואַלטונג פון די אינדוסטריען. אין די ערשטע סטאַדיעס פון קאַפּיטאַליזם, האָט קאַפּיטאַל זיך געפונען אין די הענט פון אינדיווידועלע אייגנטימער פון אונטערנעמונגען, וואָס האָבן פאַבריצירט אָדער פאַרטיילט סחורות. מיט דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם הערט אויף דער אינדיווידועלער קאַפּיטאַליסט צו שפּילן אַ ראָלע אין דער אינדוסטריע. קאַפּיטאַל געפינט זיך איצט אין די הענט פון אַ קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, וואָס האָט ניט, אין די מערסטע פאַלן, קיין שום פונקציע אין דער אינדוסטריע. אָבער קאַפּיטאַל מוז זיין פאַרבונדן

מיט דער אינדוסטריע, דירעקט אָדער אומדירעקט, כדי צו קריגן אַ טייל פון דעם נייעם מערווערט וואָס די אַרבעטער שאַפן. דאָס ווערט דערגרייכט דורך אַ סיסטעם פון אַקציאָנערן־געזעלשאַפטן, וואו בענק און באַנקירן שפּילן די הויפּט־ראָל.

לענין ווייזט אָן אויף די פאָלגנדיקע הויפּט־שטריכן פון דער איצטיקער אימפּעריאַליסטישער סטאַדיע פון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג:

1. די קאָנצענטראַציע פון פּראָדוקציע און קאַפּיטאַל אַנטוויקלט אויף אַזאַ הויכער מדרגה, אַז זי שאַפט מאָנאָפּאָליעס, וואָס שפּילן אַן אַנט־שיידנדיקע ראָל אין עקאָנאָמישן לעבן.

2. די צונויפשמעלצונג פון באַנק־קאַפּיטאַל מיט אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל, און די אַנטשטייאונג פון אַ פינאַנץ־אָליגאַרכיע אויף דעם באַזיס פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל.

3. דער עקספּאָרט פון קאַפּיטאַל אין אונטערשייד פון דעם עקספּאָרט פון סחורות נעמט אָן אַ ספּעציעל־וויכטיקן באַדייט.

4. די פאַרמערונג פון אינטערנאַציאָנאַלע קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָ־פּאָליעס, וואָס צעטיילן די וועלט צווישן זיך.

5. די טעריטאָריעלע פאַרטיילונג פון דער וועלט איז פאַרענדיקט דורך די גרעסטע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות.

(לענין, „מלחמה און רעוואָלוציע", געזאַמלטע ווערק, באַנד 19.)

אין דעם לעצטן צענדליק יאָרן זיינען אָט־די שטריכן געוואָרן די כאַראַק־טער־שטריכן פון אַמעריקאַנעם קאַפּיטאַליזם.

די האַוזער־קאָמיסיע וועגן די לעצטע עקאָנאָמישע ענדערונגען באַ־ריכטעט, אַז אין דעם לעצטן צענדליק יאָרן צווישן 1919־1928 זיינען אין די פאַראייניקטע שטאַטן פאָרגעקומען 1,268 פאַרשמעלצונגען („מויר־דזשערס"), אין וועלכע מען האָט אָפּגעווישט 5,991 פירמעס. אַ באַריכט צו דער אַמעריקער עקאָנאָמיק אַסאָסיאיישאָן (דעצעמבער 1930) ווייזט אָן, אַז אין די יאָרן 1929 און 1930 זיינען פאַרשוואונדן דורך „מוירדזשערס" אַרום 1,994 פירמעס (די ציפערן זיינען ניט גענוי).

די מערסטע פון די דאָזיקע „מוירדזשערס" שטעלן מיט זיך פאָר, אין

דער שפּראַך פון די קאַפּיטאַליסטישע עקאָנאָמיסטן, „האָריזאָנטאַלע" קאָמ־בינאַציעס, דאָס הייסט אַ פאַראייניקונג פון קאָנקורירנדיקע פירמעס אין דער זעלביקער אינדוסטריע. אָבער אַ גאָר גרויסע צאָל שטעלט מיט זיך פאָר „ווערטיקאַלע" קאָמבינאַציעס, ד. ה. אַ טענדענץ פון די גרויסע אונטער־נעמונגען איינצושלינגען אַלע אונטערנעמונגען וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אַ געוויסער אינדוסטריע, און שאַפן אַ טראַסט וואָס קאָנטראָלירט אַלץ — פון די רויע מאַטעריאַלן ביז דעם געשעפט וואָס ברענגט דעם פאַרטיקן פּראָ־דוקט צו דעם קאָנסומער. אַזוי, למשל, קאָנטראָלירן די אייזנבאַנען אַ פערטל פון גאָר די ווייכע קוילן, וואָס ווערן פּראָדוצירט אין די אַמעריקאַנער קוילנ־גרובן. די פאָרד מאָטאָר קאָמפּאַני קאָנטראָלירט שטאָל־פאַבריקן, קוילנגרובן, און אַ סך אַנדערע אינדוסטריען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער פּראָדוקציע פון אויטאָמאָביל. אחוץ אויטאָמאָבילן פאַרקויפט פאָרד אויך אַזעלכע צוגאָב־פּראָדוקטן ווי צעמענט, פערטיליייזער, בענזאָל, און אַנדערע כעמישע מאַ־טעריאַלן. סירס ראָבאָק און קאָמפּאַני איז ניט בלויז אַ פּאָסט־אָרדער פירמע, וואָס פאַרקויפט פאַרטיקע סחורות צום קאָנסומער, נאָר פאַבריצירט אַליין פאַרם־מכשירים, ניי־מאַשינען, פּיאַנאָס, שיך, פאַרב, א. אז. וו. נאָך אַ פּאָרביישפּילן פון אַזעלכע „ווערטיקאַלע" טראָסטן זיינען: יו עס סטיל קאָרפּ., אַנאַקאָנדאַ קופּער קאָמפּאַני, דזשענעראַל מאָטאָרס, אינטערנעשאָנאַל האַר־וועסטער קאָמפּאַני, יוניאָן בעג און פּייפּער קאָמפּאַני. דער חלק פון אָט־די ריזן־טראָסטן אין דער אַלגעמיינער איינקונפט איז אויסגעוואַקסן פון 28 פּראָצענט אין 1923, אויף 36 פּראָצענט אין 1928. אָט־די מאָנאָפּאָליעס שפּילן אַלץ מער די אַנטשיידנדיקע ראָלע אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן.

אָבער דער קאָנטראָל פון דער אינדוסטריע אין די הענט פון אַ קלענער גרופּע איז אַ סך גרעסער, ווי מען קען עס אויבערפלעכלעך באַמערקן ווען מ׳זעט די גרויסע צאָל אינדוסטריעלע קאָרפּאָראַציעס, וואָס געפינען זיך אין אַמע־ריקע. אַ דאַנק זייער קרעדיט־קאָנטראָל האָבן די גרויסע אַמעריקאַנער בענק די מאַכט צו ברעכן די שטאַרקסטע קאָרפּאָראַציע, אויב זי בייגט זיך ניט פאַר דעם ווילן פון אַ הייפל באַנקירן. די לעצטע אונטערזוכונג פון סענאַט, וואו די הויפּט־בערן פון אַמעריקאַנעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל האָבן געמוזט צו־

געבן זאַכן, וואָס זיינען דעם ברייטן עולם פריער ניט געווען באַקענט, און ספּעציעל דאָס עדות־זאָגן פון וויליאַם־פּאַקס, געוועזענעם פּרעזידענט פון דער פּאַקס פילם קאָרפּאָריישאָן, האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך טיילווייז צו באַקענען מיט די מעטאָדן פון אַמעריקאַנעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל. דורך אַ פּיראַמידע פון „האָלדינג קאָמפּאַניס" האָט אַ גרופּע אַמעריקאַנער באַנקירן אַנטוויקלט אַ ברייטע סיסטעם, וואו אַ מינאָריטעט, וואָס קאָנטראָלירט די „האָלדינג קאָמפּאַניס" אויפן שפּיץ פון דער פּיראַמידע, קאָנטראָלירט די גאַנצע סיסטעם. אין אָט־דער גרופּע שפּילט נאָך אַלץ די הויז פון מאָרגאַן די הויפּט־ראָל. אָבער די פּערזענלעכע דיקטאַטור פון דעם עלטערן מאָרגאַן איז איצט פאַרביטן געוואָרן דורך אַן אָליגאַרכיע. ניט בלויז די מאָרגאַן־אינטערעסן, נאָר אויך די ראָקעפעלער, מעלאָן, און העריסאָן־אינטערעסן זיינען דורכגעקייטלט אין די פינף גרעסטע ניו־יאָרקער בענק. דער וואַקסנ־דיקער קאָנטראָל פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל איבער דער אינדוסטריע, וואָס האָט פאַקטיש צונויפגעשמאָלצן פינאַנץ־קאַפּיטאַל מיט אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל, און די ריזיקע סומען, וואָס זיינען פאַרוויקלט אין מאָדערנע פינאַנציעלע טראַנסאַקציעס, האָבן געצוואונגען אָט־די קאַפּיטאַליסטישע גרופּן צו שליסן צווישן זיך אַ וואַפן־שטילשטאַנד און אַ געוויסע מאָס פון קאָאָפּעראַציע. צוזאַמען קאָנטראָלירן זיי אַ פערטל פון דעם פאַרמעגן פון די פאַראייניקטע שטאַטן. די קאָנצענטראַציע פון פּראָדוקציע און די צונויפשמעלצונג פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל מיט אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל האָבן געפירט צו דער אַנט־שטייאונג פון אַ פינאַנץ־אָליגאַרכיע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס קאָנ־טראָלירט דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון לאַנד.

די טיפע ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דעם אַמעריקאַנעם קאַפּיטאַליזם, קאָן מען אויך זען פון דעם געענדערטן כאַראַקטער פון דעם אַמעריקאַנישן עקספּאָרט. דער אַמעריקאַנישער עקספּאָרט האָט זינט 1876 זיך געהאַלטן אין פאַרגרעסערן. פון 1898 ביז 1913 האָט זיך דער אַמערי־קאַנישער עקספּאָרט פאַרצווייפאַכט אין ווערט; פון 1913 ביז 1925 האָט ער זיך ווידעראַמאָל פאַרצווייפאַכט אין ווערט. אין 1929 האָט דער עקס־פּאָרט פון די פאַראייניקטע שטאַטן דערגרייכט די ריזיקע סומע פון 5,241,000,000 דאָלאַר.

אָבער אין דעם כאַראַקטער פון דעם עקספּאָרט איז פאָרגעקומען א שטאַרקע ענדערונג. אין 1896, איז 66.2 פּראָצענט פון דעם עקספּאָרט באַשטאַנען פון אַגריקולטורעלע פּראָדוקטן און בלויז 33.8 פּראָצענט פון ניט־אַגריקולטורעלע; אין 1929 איז דער חלק פון די ניט־אַגריקולטורעלע פּראָדוקטן געווען 67.2 פּראָצענט; די אַגריקולטורעלע פּראָדוקטן בלויז 32.8 פּראָצענט. נאָך בולעטער קען מען זען די ענדערונג אין דעם כאַראַקטער פון דעם עקספּאָרט פון די ציפערן אין דעם באַריכט פון האַנדלס־דעפּאַרטמענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן פאַר 1929:

„דער פאַרקויף פון פאַרענדיקטע אַרטיקלען אין אויסלאַנד האָט זיך פאַרגרעסערט אויף 12 פּראָצענט אין פאַרגלייך מיט דעם דורכשניט פון די יאָרן 1921־1925 און כמעט אויף 300 פּראָצענט אין פאַרגלייך מיט דעם דורכשניט פון די יאָרן 1910־1914.״

די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען ניט מער בלויז א קוואַל פון רוי־מאַטעריאַלן פאַר די אינדוסטריען פון אַנדערע לענדער; זיי זיינען געוואָרן אַן אַקטיווער און מעכטיקער קאָנקורענט אויפן וועלט־מאַרק. מיט 30 יאָר צוריק איז אייראָפּע געווען דער הויפּט־מאַרק פאַר דעם אַמעריקאַנעם עקספּאָרט; דער חלק פון אייראָפּע האָט באַטראָפן מער ווי דריי־פערטל פון דעם גאַנצן עקספּאָרט. איצט איז דער חלק פון אייראָפּע ווייניקער ווי העלפט. אין דער זעלבער צייט זיינען די חלקים פון קאַנאַדע, דרום־אַמעריקע און אַזיע אין דעם אַמעריקאַנישן עקספּאָרט פאַרדרייפאַכט געוואָרן. דער אַמעריקאַנישער קאַפּיטאַליזם זוכט אַרויסצורייסן די מערק פון די הענט פון די קאָנקורירנדיקע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות און קומט אין אַלץ גרעסערע צוזאַמענשטויסן מיט זיי. אָט־די צוזאַמענשטויסן דריקן זיך אויס אין די פאַרשאַרפטע באַציאונגען צווישן די פאַראייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד, און די פאַראייניקטע שטאַטן און יאַפּאַן אין דעם לעצטן צענדליק יאָרן. דער קאַמף צווישן די צוויי מעכטיקסטע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות, ענגלאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן, פאַר מערק ווערט געפירט אין אַלע וועלט־טיילן — אין לאַטייניש־אַמעריקע, אין כינע, און אַפילו אין אינדיע און די בריטישע דאָמיניאָנס.

אין לאַטייניש־אַמעריקע האָבן די פאַראייניקטע שטאַטן פאַרגרעסערט דעם האַנדל אויף 118 פּראָצענט צווישן די יאָרן 1913־1927. אין דער צייט

וואָס ענגלאַנד האָט פאַרגרעסערט איר האַנדל בלויז אַף 26 פּראָצענט. אין בינע האָט אַמעריקע פאַרדרייפאַכט איר עקספּאָרט זינט דער וועלט־מלחמה; דער ענגלישער עקספּאָרט אין בינע איז געפאַלן. בינע איז אַ שלאַכט־פעלד פאַר וועלט־האַנדל, וואו ענגלאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען די צוויי פיינטלעכסטע לאַגערן. אין די לעצטע פּאָר יאָר האָט אויך יאַפּאַן פאַרשטאַרקט איר אָנגריף, פאַרכאַפּנדיק גאַנץ מאַנדזשוריע. ניט ווייניקער שאַרף איז דער קאַמף צווישן אָט־די צוויי וויכטיקסטע אימפּעריאַליסטישע מלוכות פאַר רוי־מאַטעריאַלן. ענגלאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן קעמפן אַריינצוקריגן דעם קאָנטראָל איבער אויל־פעלדער אין ווענעצועלאַ, באָליוויע, קאָלאָמביאַ, פערו, מעקסיקאָ, פערסיע און איראַק. זיי קעמפן פאַר דעם קאָנטראָל איבער די קופּער־מיינס אין פערו, טשילי און באָליוויע; איבער גומי אין בראַזיל, ליבעריאַ און די אינסט־אינדיעס; איבער ניטרעיט אין טשילי; איבער גאָלד־ און זילבער־גרובן אין אַפריקע; איבער אייזן און מאַנגאַנענץ אין בראַזיל; און איבער צענדליקער אַנדערע מאַטעריאַלן, ווי כראָמיום, ניקל, אַנטימאָני, קוועק־זילבער, א. אז. וו. אין אַלע טיילן פון דער וועלט.

אַף אָט־די אַלע קאַמפן ליגט אַרויף אַ באַזונדערן שטעמפּל די אויבער־הערשאַפט פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די אינ־וועסטירונגען פון פּריוואַטן אַמעריקאַנישן קאַפּיטאַל אין אויסלאַנד האָבן אין 1929 באַטראָפן 17,500,000,000 דאָלאַר. די דאָזיקע אינוועסטירונגען טראָגן מער ניט בלויז אַ כאַראַקטער פון דעם איינקויף פון רעגירונגס־ און מוניציפּאַלע ווערט־פּאַפּירן, אָדער אַקציעס אין אונטערנעמונגען, וואָס ווערן באַטריבן דורך אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן. אין אַלץ אַ גרעסערער מאָס ווערט אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל אין אויסלאַנד אינוועסטירט אין אונטער־נעמונגען, וואָס געפינען זיך אינגאַנצן אונטערן קאָנטראָל פון די אַמערי־קאַנער קאַפּיטאַליסטן; אָט־דער עקאָנאָמישער קאָנטראָל גייט האַנט אין האַנט מיט דעם פּאָליטישן קאָנטראָל פון די פאַראייניקטע שטאַטן איבער די דאָזיקע לענדער. די פאַראייניקטע שטאַטן קאָנטראָלירן אין איין פאָרם אָדער אַ צווייטער, פּאָליטיש, פינאַנציעל, אָדער מיליטעריש, 14 פון די 20 לאַטיי־ניש־אַמעריקאַנישע רעפּובליקן און נוצן אויס דעם דאָזיקן קאָנטראָל אַרויס־

צושטויסן אַלע קאָנקורענטן פון די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן. ניט אומ־זיסט הערט די פּרעסע פוןביידע לענדער ניט אויף צו שרייבן וועגן דער שלאַכט־ליניע צווישן ענגלאַנד און אַמעריקע און וועגן דער נעקסטער מלחמה. אַ דירעקטאָר פון איינער פון די ענגלישע ראַדיאָ־קאָמפּאַניעס האָט סומירט די לאַגע, ווען ער האָט אין 1929 געשריבן:

„היינט צו טאָג שטייען ווידעראַמאָל די ענגלענדער און אַמערי־קאַנער אין שלאַכט־פאָרמירונג."

די אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטן ווייסן גאַנץ גוט די לאַגע, און מלחמה־פאָרבאַרייטונגען פאַרנעמען דעם אויבן־אָן אין די פּאָליסים פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן.

די אינערלעכע ווידערשפּרוכן וואָס האָבן געפירט צום צוזאַמענברוך פון „פּראָספּעריטי"....

מיר האָבן אָנגעוויזן, אַז אין די בעסטע יאָרן פון „פּראָספּעריטי" זיינען אַ גרויסע צאָל גרונט־אינדוסטריען פאַרבליבן אין אַ צושטאַנד פון כראָנישער דעפּרעסיע. אָבער אפילו די אַזוי־גערופענע „פּראָספּעריטי"־אינדוסטריען האָבן געהאַט אַ גרעסערע פּראָדוקציע־פייאיקייט ווי די מעגלעכקייטן פון מאַרק, אַזוי אַז אַ פּראָצענט פון זייער אויסשטאַטונג האָט געפּוסטעוועט. די אויטאָ־מאָביל־פאַבריקן אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן פאַר דעם קריזיס פון 1929 געהאַט אַ פּראַקטישע קאַפּאַציטעט פון 7,700,000 שטיק אַ יאָר. די דורכשניטלעכע פּראָדוקציע פאַרן קריזיס איז געווען 4,500,000 אויטאָמאָבילן אַ יאָר.

די שטאָל־אינדוסטריע האָט געהאַט אַ קאַפּאַציטעט פון 65,166,000 טאָן, און האָט פּראָדוצירט אין דעם לעצטן „פּראָספּעריטי"־יאָר נאָר 56,433,000 טאָן. אויל־רעפיינערים האָבן אָפּערירט אויף דריי־פערטל פון זייער קאַפּאַצי־טעט, און אפילו אונטער אָט־דער איינגעהאַלטענער פּראָדוקציע האָבן די אויל־קאָמפּאַניעס געהאַט אַן איבערפּראָדוקציע פון 305,000,000 פעסלעך אין די 7 „פּראָספּעריטי"־יאָרן. די גומי, רעיאָן, ראַדיאָ, שיך און זייד אינדוסטריען זיינען אויך געווען איבעראַנטוויקלט אין פאַרגלייך מיט דער קויף־קראַפט פון די ברייטע מאַסן אַרבעטער און פאַרמערס אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

שוין אָפּגערעדט פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע און דער קוילן־אינדוסטריע, וואָס האָבן זיך געפונען די גאַנצע צייט אין אַ קריזיס.

מיר האָבן אָנגעוויזן אַף דעם גרויסן וואוקס פון דעם עקספּאָרט פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין די יאָרן פון „פּראָספּעריטי". אָבער דער וואַקסנדיקער עקספּאָרט איז ניט געווען גרויס גענוג אין פאַרגלייך מיט דער וואַקסנדיקער קאַפּאַציטעט פון דער אַמעריקאַנער אינדוסטריע און האָט ניט געקאָנט פאַרשלינגען די גאַנצע סורפּלוס־פּראָדוקציע פון דער אַמעריקאַנער אינדוסטריע.

די טענדענץ פון אַמעריקאַנעם קאַפּיטאַליזם צו צענטראַליזאַציע און פינאַנציעלן קאָנטראָל האָט ניט אָפּגעשאַפט די קאָנקורענץ צווישן די באַזונדערע אונטערנעמונגען אין יעדן צווייג פון דער אינדוסטריע און האָט אויך ניט געפירט צו אַ פּלאַנירטער פּראָדוקציע, ווי די בורזשואזע עקאָנאָמיסטן האָבן געזוכט אויסצוטייטשן דעם גאַנג פון אַמעריקאַנעם קאַפּיטאַליזם אין די יאָרן פון „פּראָספּעריטי". פונקט פאַרקערט, די קאָנקורענץ איז געוואָרן שטאַרקער און דער כאַאָס אין דער פּראָדוקציע גרעסער.

די שטאַרקסטע קאָמפּאַניעס — די נאָענטסטע צו די אַמעריקאַנער באַנקירן — האָבן געהאַט די בעסטע מעגלעכקייטן צו ראַציאָנאַליזירן זייערע אונטערנעמונגען, סיי אין הינזיכט פון טעכניק, סיי אין הינזיכט פון איינפירן „ספּיד־אַפּ" סיסטעמען פאַר די אַרבעטער. זיי האָבן אויך געהאַט די בעסערע מעגלעכקייטן צו ברענגען זייערע פּראָדוקטן אַפן מאַרק. די פּראָפיטן פון די דאָזיקע קאָמפּאַניעס זיינען דעריבער געווען העכער ווי דער דורכשניט פאַר דער גאַנצער אינדוסטריע. אָבער „ספּיד־אַפּ" און טעכנישע אויסבעסערונגען פאַרגרעסערן נאָך מער דעם פּראָדוקציע־סורפּלוס און פאַרשאַרפן די קאָנקורענץ צווישן דער טראָסטיפיצירטער אינדוסטריע און די קלענער אומאָפּהענגיקע פירמעס.

אין די יאָרן פון „פּראָספּעריטי" האָבן טאַקע די באַנקראָטן פון אָט־די קלענערע פירמעס געהאַלטן אין איין וואַקסן. זינט דער וועלט־מלחמה האָבן מער פירמעס באַנקראָטירט ווי ווען עס איז פריער, אחוץ אין פעריאָדן פון ספּעציעלע דעפּרעסיעס. די אַרבעטער פון די באַנקראָטירטע אונטערנעמונגען זיינען בדרך־כלל ניט אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אינדוסטריע דורך די

טראַסטיפיצירטע קאָמפּאַניעס. פאַרקערט, די ראַציאָנאַליזאַציע פון דער אינ־דוסטריע האָט געהאַט אַ טענדענץ אַלץ מער צו פאַרקלענערן די צאָל אַרבעטער אין דער טראַסטיפיצירטער אינדוסטריע. אַזוי אַז באַם הויך־פונקט פון דער אַמעריקאַנער „פּראָספּעריטי״, אין יאָר 1928, האָבן אין אַמעריקע זיך גע־פונען צווישן 3 און 5 מיליאָן אַרבעטער, וואָס זיינען פּערמאַנענט אַרויס־געוואָרפן געוואָרן פון זייערע אינדוסטריען. די קאַפּיטאַליסטישע געלערנטע האָבן דאָס אָנגערופן מיט דעם שיינעם נאָמען, „טעכנאָלאָגישע אַרבעט־לאָזיקייט״. די דאָזיקע „טעכנאָלאָגישע״ אַרבעטלאָזיקע אַרמיי האָט פאַר־קלענערט די קויף־קראַפט פון אינערלעכן מאַרק.

מען טאָר אויך ניט פאַרגעסן, אַז אין די יאָרן, ווען די אַמעריקאַנער אינדוסטריע האָט זיך געבאָדן אין „פּראָספּעריטי״, האָט די אַמעריקאַנער אַגריקולטור דורכגעלעבט אַ שווערן קריזיס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן באַלד נאָך דער וועלט־מלחמה און האָט אָנגענומען אַ כראָנישן כאַראַקטער. דער שטענדיקער אַגריקולטורעלער קריזיס האָט ערנסט געטראָפן די בענק אין די אַגריקולטורעלע געגנטן. צווישן די יאָרן 1920־1929 האָבן 5,000 בענק אין די אַגריקולטורעלע געגנטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן באַנקראָטירט אויף אַ סומע פון אומגעפער 1,500,000,000 דאָלאַר. די דאָזיקע באַנקראָטן האָבן, אמת, געשפּילט אין די הענט פון די גרויסע באַנקירן אין די אינדוסטריעלע צענטערן. אָבער די לאַגע אין דער אַגריקולטור האָט ניט געקאָנט זיך ניט אָפּרופן אויף דער לאַגע אין דער אינדוסטריע, איינשרומפּנדיק דעם אינערלעכן מאַרק, וואָס איז נאָך אַלץ די הויפּט־באַזע פאַר דער אַמעריקאַנער פּראָדוקציע.

ווען מען האָט נאָך אין זינען די ווילדע ספּעקולאַציע־וואַקכאַנאַליע אין די יאָרן פון „פּראָספּעריטי״, וואָס האָט אַרויפגעשרויפט די פּרייזן אויף אַקציעס און אַלערליי ווערט־פּאַפּירן אויסער יעדער פּראָפּאָרציע צו די אַקטועלע אָדער פּאָטענציעלע פּראָפיטן פון די אונטערנעמונגען, ווערט קלאָר, אַז די אַמעריקענער „פּראָספּעריטי״ איז געווען געבויט אויף אַ זאַמדיקן באָדן, אויף דעם באָדן פון אַ צעפוילטן קאַפּיטאַליזם מיט זיינע פאַרשאַרפטע ווידער־שפּרוכן. די אַמעריקאַנער „פּראָספּעריטי״ האָט דעריבער געמוזט צוזאַמענ־ברעכן. דער קראַך פון דער „פּראָספּעריטי״ האָט אַריינגעוואָרפן דעם אַמערי־קאַנעם קאַפּיטאַליזם אין דעם שאַרפסטן קריזיס פון זיין געשיכטע. זינט

1929 קאָן דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם ניט געפניען קיין נאָרמאַלן אויס־וועג פון קריזיס.

די לאַגע פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער אונטער „פּראָספּעריטי"

זינט 1921 האָט דער חלק פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער אין די איינ־קונפטן פון דער אינדוסטריע געהאַלטן אין פאַלן און דער חלק פון די קאַפּי־טאַליסטן געהאַלטן אין וואַקסן. דער צענזוס פון פאַבריקאַציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן באַווייזט, אַז אין 1921 האָט דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס (איינשליסנדיק די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג, לענדלאָרדס, באַנקירן, און די אייגנטימער און פאַרוואַלטער פון דער אינדוסטריע) באַקומען 48 פּראָצענט פון דעם ווערט פון דער פּראָדוקציע; אין 1929 האָט ער שוין באַקומען 60 פּראָצענט — אַ גרעסערער חלק ווי ווען עס איז פריער אין דער אַמעריקאַנער אינדוסטריעלער געשיכטע. די 33,000,000 לוין־אַרבעטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן פאַרדינט אין די „פּראָספּעריטי"־יאָרן אין דורכשניט 25$ אַ וואָך. מער ווי העלפט פון אַלע אַרבעטער האָבן פאַרדינט ווייניקער ווי אָט־דעם דורכשניט; ווייניקער ווי אַ צענטל פון אַלע אַמערי־קאַנער לוין־אַרבעטער האָבן פאַרדינט 40 דאָלאַר אַ וואָך.

אין געוויסע אינדוסטריעס זיינען די דורכשניטלעכע שכירות פון די אַרבעטער געווען ווייניקער ווי 20$ אַ וואָך. די ווייכע קוילנגרעבער אין אָהייאָ, פּענסילווייניע, אַלאַבאַמאַ און אַ צאָל אַנדערע ווייכע קוילן־פעלדער האָבן זיך געפונען אין אָט־דער קאַטעגאָריע. „שוואַרצע אַרבעט" האָט גע־בראַכט דעם אַרבעטער 45 סענט אַ שעה און פאַרם־הענט האָבן באַקומען ווייניקער ווי 2.50$ אַ טאָג.

פרויען־אַרבעטער האָבן פאַרדינט נאָך ווייניקער ווי די מענער. לויט באַריכטן פון דער פרויען־ביוראָ פון די פאַראייניקטע שטאַטן, האָבן פרויען־אַרבעטער אין אָהייאָ פאַרדינט ווייניקער ווי 14$ אַ וואָך; אין מיסיסיפּי און אַלאַבאַמאַ — ווייניקער ווי ניין דאָלאַר אַ וואָך. די שכירות פון די 4 מיליאָן יונגטלעכע אַרבעטער אין דער אַמעריקאַנער אינדוסטריע זיינען אויך געווען אַ סך נידעריקער ווי די שכירות, וואָס די דערוואַקסענע האָבן באַ־קומען פאַר דער זעלביקער אַרבעט. ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז די שכירות פון די 1,060,900 קינדער אין דער אַמעריקאַנער אינדוסטריע (לויט דעם

צענזוס פון 1920, קיין שפּעטערדיקע ציפערן זיינען ניטאָ) זיינען געווען די קלענגלעכסטע פון אַלעמען.

צו פאַרשטיין וואָס אַט־די „פּראָספּעריטי״־שכירות האָבן געמיינט פאַר די ברייטע מאַסן אַרבעטער אין טערמינען פון שפּייז, קליידונג און אַ דאַך איבערן קאָפּ, איז נויטיק צו געדענקען די הויך פון לעבנס־קאָסטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די ביוראָ פון אַרבעטער־סטאַטיסטיק פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן האָט אין 1919 אויסגעאַרבעט אַ מינימום־בודזשעט פאַר אַ פאַמיליע פון 5 פּערזאָן אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד. דער יערלעכער מינימום־בודזשעט פאַר אַזאַ פאַמיליע האָט אויסגעמאַכט צווישן 2,024 דאָלאַר אין סקענעקטעדי און 2,468 דאָלאַר אין סאַן־פראַנציסקאָ. ס'איז קלאָר, אַז די גרויסע מאַסע אַרבעטער האָט אַפילו אין די יאָרן פון „פּראָס־פּעריטי״ ניט דערגרייכט דעם מינימום, וואָס אַ רעגירונג־ביוראָ האָט גע־האַלטן אַלס נויטיק פאַר אַן „אַנשטענדיק לעבן״.

די אַרבעט־באַדינגונגען זיינען אין די יאָרן פון „פּראָספּעריטי״ געוואָרן ערגער. די אַרבעט־שטונדן זיינען געוואָרן לענגער אין די מערסטע אינ־דוסטריען. דער דורכשניט אַרבעט־שטונדן אין דער אייזן־ און שטאָל־אינ־דוסטריע איז פאַרגרעסערט געוואָרן פון 54.4 שטונדן אַ וואָך אין 1926, אויף 54.6 שטונדן אַ וואָך אין 1929, לויט אַ באַריכט פון דער ביוראָ פון אַרבעטער־סטאַטיסטיק אין די פאַראייניקטע שטאַטן. לויט דעם זעלביקן באַריכט זיינען די אַרבעט־שטונדן אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע פאַרגרעסערט געוואָרן פון 53.3 אין 1926 אויף 53.4 אין 1928. די האָוווער־קאָמיסיע וועגן לעצטע עקאָנאָמישע ענדערונגען דערקלערט, אַז די דורכשניטלעכע אַרבעט־שטונדן אין דער גאַנצער אַמעריקאַנער אינדוסטריע איז געווען 49.6 שטונדן אַ וואָך אין 1927.

„ספּיד־אַפּ״ און אינטענסיפיצירטע עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטער באַ דער אַרבעט זיינען געוואָרן די ריכט־ליניע אין דער אַמעריקאַנער אינ־דוסטריע זינט דער וועלט־מלחמה. די אַמעריקאַנער עפישענסי־אינזשינירן האָבן דערפונדן פאַרשיידענע מעטאָדן ווי אַזוי אַרויסצוקוועטשן דעם מאַקסי־מום ענערגיע פון די אַרבעטער. די קאָנווייער־סיסטעם, שטיק־אַרבעט, באָנוס־סיסטעמען זיינען די מער־באַקאַנטע פון די עפישענסי־מעטאָדן אין דער אַמעריקאַנער אינדוסטריע.

אַלס רעזולטאַט פון אָט־דער קאַפּיטאַליסטישער ראַציאָנאַליזאַציע פּראָ־דוצירט יעדער אַרבעטער אין אַמעריקע אַ סך מער ווי אין די יאָרן פאַר דער מלחמה, ניט קריגנדיק פאַר דעם אַ פּראָפּאָרציאָנעלע פאַרגרעסערונג פון שכירות. לויט דעם באַריכט פון דער הואַווער־קאָמיסיע וועגן לעצטע עקאָ־נאָמישע ענדערונגען, איז די פּראָדוקציע פון אַרבעטער אויסגעוואַקסן צווישן די יאָרן 1919 און 1927 אויף 53.5 פּראָצענט. ווערליק דער ענערגיע, וואָס אַן אַמעריקאַנער אַרבעטער פאַרלירט בײַ דער אַרבעט, איז ער דער ערגסט־באַצאָלטער אַרבעטער אין דער וועלט.

זינט דעם אָנהויב פון קריזיס, אין אָקטאָבער 1929, איז די לאַגע פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין די פאַראייניקטע שטאַטן געוואָרן מער שווידערלעך ווי אין די מערסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. ניט זייענדיק פאַראַנטוואָרט־לעך פאַר קיין שום פאָרם פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג, האָט דער קאַפּיטאַליס־טישער קלאַס אַרויפגעלייגט די גאַנצע משא פון דעם שווערן קריזיס אויף די פּלייצעס פון די אַרבעטער־מאַסן דורך מאַסן־אַרבעטסלאָזיקייט, טיילווייזער אַרבעט, לוין־שניטן, און אינטענסיפיצירטן „ספּיד־אַפּ" פון די אַרבעטער, וואָס געפינען זיך נאָך אין די פאַבריקן. לויט קאָנסערוואַטיווע אויסרעכענונ־גען, געפינען זיך היינט צו טאָג אַרום 17 מיליאָן אַרבעטלאָזיקע אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן; נאָך מיליאָנען אַרבעטן בלויז טיילווייז. די איינקונפט פון דעם אַרבעטער־קלאַס אַלס אַ גאַנצן איז געשניטן געוואָרן אויף מער ווי העלפט. די אינפלאַציע־פּאָליסי פון דער רוזוועלט־אַדמיניסטראַציע און די ען־אַר־עי האָבן אַרויפגעשרויפט די פּרייזן אויף די נויטיקסטע לעבנס־מיטלען מער ווי אויף 25 פּראָצענט צווישן אויגוסט און דעצעמבער, 1933. הונגער און נויט איז דער גורל פון דעם גרעסטן טייל פון דעם אַמעריקאַנעם אַרבעטער־קלאַס.

אין אָט־די באַדינגונגען זיינען די גרונט־אַנטאַגאָניזמען צווישן די אַר־בעטער און קאַפּיטאַליסטן געוואָרן אַלץ שאַרפער, און די אָפענע קאָנפליקטן אַלץ אָפטער. הונגער־מאַרשן און באָנוס־מאַרשן נעמען אָן אַלץ מער און מער אַ מאַסן־כאַראַקטער; זינט פרילינג, 1933, הויבט זיך אָן אַנטוויקלען אַ מעכטיקע סטרייק־באַוועגונג, וואָס טראָגט אַ מאַסן־כאַראַקטער.

די אַמעריקאַן פעדערייש‌אָן אָוו לייבאָר

זינט דער וועלט־מלחמה, איז די פירערשאַפט פון דער אַמעריקאַן פעדע־

ריישאַן אָוו לייבאָר געוואָרן אַלץ מער און מער רעאַקציאָנער און די פּראָגראַם פון דער אָרגאַניזאַציע אַלץ מער קאַפּיטאַליסטיש. די פירער פון דער א. פ. ל. האָבן ארויסגעוואָרפן פון די יוניאָנס טויזנטער מיליטאַנטע ארבעטער, וואָס האָבן געוואַגט צו קריטיקירן די ביוראָקראַטיע און באַקעמפן די קאַפּיטאַליסטישע פּאָליסים פון דער פעדעריישאָן; די ביוראָקראַטיע פון דער א. פ. ל. האָט צוליב דער זעלביקער סיבה צוריקגעצויגן די טשאַרטערס פון צענדליקער לאָקאַלע יוניאָנס.

די פירערשאַפט פון דער אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר איז זינט דער וועלט־מלחמה געוואָרן אַ טייל פון דער קאַפּיטאַליסטישער רעגירונג־מאַשין און איז צו יעדער צייט געקומען צו הילף דער רעגירונג אין דורכפירן די פּאָליטיק פון דעם אַמעריקאַנעם קאַפּיטאַליזם. אַזוי איז דאָס געווען אין דער צייט פון דער מלחמה; אַזוי איז דאָס אין דעם איצטיקן קריזיס.

אין נאָוועמבער, 1929, האָט פּרעזידענט גרין, אויף אַ קאָנפערענץ אין ווייסן הויז, צוגעזאָגט הואָווערן, אַז די א. פ. ל. וועט פאַר דער צייט פון קריזיס ניט זוכן קיין לוין־העכערונגען פאַר די אַרבעטער. אויפן גרונט פון אַן אומבאַשטימטער הבטחה מצד אַ גרופּע „אויבן־שאָפּ"־אינדוסטריאַליסטן, אַז זיי וועלן ניט רעדוצירן שכירות און ניט אויפלייגן קיין אַרבעטער, האָבן די פירער פון דער פעדעריישאָן, לויט דער אָפיציעלער דערקלערונג, וואָס הואָווער האָט ארויסגעגעבן וועגן דער קאָנפערענץ, צוגעזאָגט, אַז זיי „וועלן ניט אונטערנעמען קיין שום באַוועגונג, אַחוץ די וואָס ווערן שוין פאַרהאַנדלט, צו פאַרגרעסערן שכירות, און אַז יעדע קאָאָפּעראַציע זאָל געגעבן ווערן צו דער אינדוסטריע מצד „לייבאָר" (לייען: יוניאָן־ביוראָקראַטיע. — י. ס.) אין שליכטן אירע פּראָבלעמען."

די ביוראָקראַטן פון דער א. פ. ל. האָבן הייליק אויפגעהיט זייער הבטחה, כאָטש די קאַפּיטאַליסטן האָבן זייער צוזאָג באַלד געבראָכן. ניט נאָר האָבן די קאַפּיטאַליסטן ארויסגעוואָרפן מיליאָנען ארבעטער אויפן גאַס, נאָר די שכירות פון די אַרבעטער, וואָס זיינען פאַרבליבן אין די פאַבריקן, זיינען זינט יענער באַרימטער קאָנפערענץ פיל מאָל געשניטן געוואָרן. פּרעזידענט גרין אַליין איז געווען געצוואונגען דאָס צוצוגעבן. אָבער דער עקזעקוטיוו־קאָונסיל פון דער א. פ. ל. באַרימט זיך אין זיין באַריכט צו דער קאָנווענ־

שאַן פון דער א. פ. ל. אין 1930, אז ער האָט קאָאָפּערירט מיט די קאַפּי־טאַליסטן „דורך ניט אויפהויבן אישוס, וואָס וואָלטן געקאָנט שטעלן אין א פאַרלעגנהייט, אָדער שטערן די פאַרזוכן צו ווענדן דעם גאַנג באַרג־אַרויף. יוניאָנס האָבן ווידעראַמאָל דעמאָנסטרירט זייערע מעטאָדן און זייער פאַר־שטענדעניס פאַר דער קעגנזייטיקער אָפּהענגיקייט פון זייערע אינטערעסן און די אינטערעסן פון דער אינדוסטריע און פון דער געזעלשאַפט.“ (אונטער־געשטראָכן פון מיר — י. ס.).

די יאָרן פון קריזיס און די שוידערלעכע לאַגע פון די אמעריקאַנער אַרבעטער האָבן ניט געווירקט אויף די ביוראָקראַטן פון דער אמעריקאַן פעדע־ריישאָן אָוו לייבאָר צו ענדערן זייער קלאַסן־קאָלאַבאָראַציע פּאָליטיק. פּונקט ווי אין 1929, זיינען איצט די ביוראָקראַטן פון דער א. פ. ל אינסטרומענ־טאַל אין דורכפירן די ען־אַר־עי פּאָליטיק פון דער רוזוועלט־אַדמיניסטראַציע, וואָס איז געווענדט געגן דעם אַרבעטער־קלאַס. אויף וויפיל די אמעריקאַן פעדערייישאָן אָוו לייבאָר שפּילט א ראָל אין קלאַסן־קאַמף, איז דאָס אלס ווירקזאַמער אינסטרומענט אין די הענט פון אמעריקאַנישן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, וואָס דערלאָזט ניט אָרגאַניזירן די אַרבעטער פאַר א קאַמף געגן קאַפּי־טאַליזם און וואָס ברעכט און פאַרראַט יעדן קאַמף פון די אַרבעטער געגן דעם אָנגריף פון קאַפּיטאַליסטישן קלאַס אויף זייערע לעבנס־באַדינגונגען.

די טרייד־יוניאָן יוניטי ליג

די קאַפּיטאַליסטיש־רעאַקציאָנערע פּאָליטיק, אין וועלכער די לייבאָר־ביוראָקראַטן האָבן איינגעשפּאַנט די אמעריקאַן פעדערייישאָן אָוו לייבאָר, די פאַרפאָלגונגען אויף די מיליטאַנטע מיטגלידער אין די יוניאָנס פון דער א. פ. ל., און דער פאַקט, וואָס צענדליקער מיליאָנען אַרבעטער אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן זיינען בכלל ניט אָרגאַניזירט אין קיין שום יוניאָנס, האָבן געפירט צו דער גרינדונג פון א נייעם יוניאָן־צענטער, די טרייד־יוניאָן יוניטי ליג, וואָס הויבט אָן שפּילן אַלץ מער און מער די אָנפירנדיקע ראָל אין די קאַמפן פון אמעריקאַנעם אַרבעטער־קלאַס.

די גרינדונג פון דער טרייד־יוניאָן יוניטי ליג אין קליוולאַנד, אין סעפּ־טעמבער, 1929, איז געווען דער רעזולטאַט פון א לאַנג־יאָריקן קאַמף, וואָס

די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן אין דער א. פ. ל. האָבן אָנגעפירט אין דער אָרגאַניזאַציע צו ענדערן די פּראָ־קאַפּיטאַליסטישע פּאָליטיק פון דער א. פ. ל, צו פאַרוואַנדלען זי אין אַ קלאַסן־יוניאָן פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער. אָט־דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין 1920 מיט דער גרינדונג פון דער טרייד־יוניאָן עדיוקיישאָנאַל ליג, וואָס האָט זיך געשטעלט אַלס איר אויפגאַבע צו בויערן פון אינווייניק אין די יוניאָנס פון דער אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, כדי זיי צו מאַכן מער פּראָגרעסיוו דורך אַן אָרגאַניזירטן דרוק פון דער מיטגלידערשאַפט. די נייע יוניאָן־אָרגאַניזאַציע האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון דער דאָזיקער פאָרם פון טעטיקייט, נאָר האָט זיך געשטעלט אַלס איר הויפּט־אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן די מיליאָנען ניט־אָרגאַניזירטע אַמעריקאַנער אַרבעטער אין אומאָפּהענגיקע יוניאָנס. אָט־די פּאָליסי איז אויסגעדריקט אין דער פּראָגראַם פון דער טרייד־יוניאָן יוניטי ליג, וואָס די פאַרטרעטער פון 70,000 אַרבעטער האָבן אָנגענומען אויף דער גרינדונג־קאָנווענשאָן אין קליוולאַנד:

„די טרייד־יוניאָן יוניטי ליג"—ווערט געזאָגט אין דער דערקלערונג פון דער קאָנווענשאָן — „זוכט אַגרעסיוו צו העלפן דער אָרגאַניזירונג פון נייע רעוואָלוציאָנערע אינדוסטריעלע יוניאָנס אין אינדוסטריען, וואו עס זיינען ניטאָ קיין יוניאָנס, און אין אינדוסטריען, וואו די עקזיסטירנדיקע יוניאָנס זיינען קאָרופּטירט און אימפּאָטענט. די אָרגאַניזירונג פון די מאַסן אין נייע יוניאָנס שטייט אין סאַמע צענטער פון דער טרייד יוניאָן יוניטי ליג פּראָגראַם. אָבער דאָס מיינט ניט, אַז זי וועט פירן אַ פּאָליטיק פון קליינלעכע שפּאַלטונגען און פון אַרויסציען אינדיווידועלע מיטגלידער פון די אַלטע טרייד־יוניאָנס, וואָס האָבן אַ מאַסן־כאַראַקטער. אַזאַ פּאָליסי איז געווען איינס פון די פיל טעותן פון דער „אי דאַבעליו דאַבעליו".

„פאַרקערט, די טרייד־יוניאָן יוניטי ליג אָרגאַניזירט דעם לינקן פליגל אין די דאָזיקע אַלטע יוניאָנס און קעמפט פאַר זייער רעוואָלוציאָניזירונג. די קוואַליפיצירטע אַרבעטער פילן אויך דעם דרוק פון ראַציאָנאַליזאַציע. אומצופרידענע מאַסן אין די פאַרשיידענע יוניאָנס קוקן אויף זייערע אָפיציעלע פירער מיט האַס און פאַראַכטונג ווי אויף פאַררעטער. עס איז נאָר נויטיק די געלעגנהייט און אַ ווירקזאַמע פירערשאַפט צו אַנטוויקלען ערנסטע קאַמפן געגן דעם באַאַמטנטום און די באַלעבאַטים. די טרייד־יוניאָן יוניטי ליג קעמפט אין די אַלטע יוניאָנס צו אַמאַלגאַמירן זיי דורך דער דירעקטער אַקציע פון די מאַסן געגן זייערע פירער. זי קעמפט פאַר אַ מיליטאַנטער לוין־ און סטרייק־פּאָליסי אין די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס און שאַפט רענק און פייל סטרייק־קאָמיטעס קעגן דער

> אָפיציעלער מאַשינעריע פון די ביוראָקראַטן. זי קעמפט צו צעברעכן דעם פאַרבאַנד פון די אַלטע יוניאָנס מיט די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען און זייערע אַרייננצוציען אין די פּאָליטישע קאַמפן פון אַרבעטער־קלאַס. זי קעמפט אויפצוהויבן די אָרגאַניזירטע מאַסן פאַר דער פּאַרטיידיקונג פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און בכלל געגן דער אָנקומענדיקער אימפּעריאַליסטישער מלחמה. זי פירט אַן אומדערבאַרימדיקן קאַמף צו עלימינירן די רעאַקציאָנערע פירער פון קאָנטראָל פון אָט־די יוניאָנס און דורכצואוואַרפן זייער פּראָגראַם פון קלאַסן־קאָלאַבאָראַציע. זי קעמפט אָפּצושאַפן דיסקרימי־נאַציעס קעגן נעגערן אין די אינדוסטריען און אין די יוניאָנס. זי קעמפט אַריינצוציען די אַלטע אָרגאַניזאַציעס אין ענגערע פאַרבינדונגען, אָרגאַניזאַציאָנעל און אידעאָלאָגיש, מיט דער אינדוסטריעלער יוניאָן־באַוועגונג געגן דעם יוניאָניזם פון די לייבאָר־ביוראָקראַטן. די נייע יוניאָן־באַוועגונג קעמפט מיליטאַנטיש פאַר קלאַסן־אינדוסטרעלן יוניאָניזם סיי אויסער די אַלטע יוניאָנס, סיי אינעווייניק, אין די אַלטע יוניאָנס.״

אָט־די אויפגאַבן וואָס די נייע יוניאָן־אָרגאַניזאַציע האָט זיך געשטעלט, האָבן קלאָר באַשטימט איר כאַראַקטער. די טרייד־יוניאָן יוניטי ליג איז באַזירט אָפן פּרינציפּ פון קלאַסן־קאַמף, וואָס מוז אומפאַרמיידלעך פירן צום קאַמף געגן דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, צום קאַמף פאַר אַ סאָציאַליס־טישער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. די טרייד־יוניאָן יוניטי ליג אָנערקענט דעריבער די נויטיקייט פון פּאָליטישן קאַמף פון אַרבעטער־קלאַס און די נויטיקייט פון דער פּאַרטיי פון אַרבעטער־קלאַס, וואָס זאָל צענטראַליזירן און אָנפירן מיט אַלע קאַמפן פון אַרבעטער־קלאַס. די איינציקע אַרבעטער־פּאַרטיי אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס באַזירט זיך אָפן פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף, וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו קעמפן פאַר דער פּאָליטישער מאַכט פון אַרבעטער־קלאַס, איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. אָט פאַרוואָס די טרייד־יוניאָן יוניטי ליג באַטייליקט זיך אין פּאָליטישע קאַמפן מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אָנערקענט איר פירערשאַפט. די טרייד־יוניאָן יוניטי ליג אָנערקענט אויך די אינטערנאַציאָנאַלע אייניקייט פון אַרבעטער־קלאַס און איז אָנגעשלאָסן אין רויטן אינטערנאַציאָנאַל פון אַרבעטער־יוניאָנס.

פאַר דער קורצער צייט פון איר עקזיסטענץ, האָט די טרייד־יוניאָן יוניטי ליג שוין באַוויזן צו שפּילן אַ וויכטיקע ראָל אין אַ צאָל היסטאָרישע שלאַכטן פון אַרבעטער־קלאַס אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אַזעלכע באַרימט־געוואָרענע קאַמפן, ווי דער סטרייק פון די פּענסילווייניע־קענטאָקי קוילן־

גרעבער, דער סטרייק פון די אַגריקולטורעלע אַרבעטער אין אימפּיריעל וואַלי, קאַליפאָרניע, דער סטרייק פון די האַפנאַרבעטער אין ניו־אָרלינס, דער סטרייק פון די טעקסטיל־אַרבעטער אין לאָורענס, מאַסאַטשוזעטס, און צענדליקער אַנדערע סטרייק־קאַמפן זיינען אָנגעפירט געוואָרן פון דער טרייד־יוניאָן יוניטי ליג.

דעם גרויסן איינפלוס, וואָס די טרייד־יוניאָן יוניטי ליג האָט זיך אין דער קורצער צייט פון איר עקזיסטענץ דערוואָרבן צווישן די אַמעריקאַנער אַרבעטער האָט מען געקאָנט זען אין דער סטרייק־כוואַליע, וואָס איז געווען דער כאַראַקטעריסטישער אויסדרוק פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין דעם לעצטן יאָר, 1933. די לעצטע סטרייק־כוואַליע איז געפירט געוואָרן אונטערן צייכן פון דער ען־אַר־עי. טאַקע די אילוזיעס, וואָס די רוזוועלט־רעגירונג און די רעפאָרמיסטן האָבן געזוכט צו שאַפן בא די אַמעריקאַנער אַרבעטער, אַז די ען־אַר־עי וועט זיי ברענגען באַ־שעפטיקונג, העכערע שכירות און דאָס רעכט צו אָרגאַניזירן זיך, האָבן אַליין געהאָלפן צו פאַרשפּרייטן די סטרייק־באַוועגונג. אַרבעטער, וועלכע האָבן געגלויבט, אַז די ען־אַר־עי איז טאַקע באַשאַפן געוואָרן נאָר דערפאַר, אַז זיי זאָלן קריגן העכערע שכירות, זיינען אַרויסגעטראָטן אין סטרייק אַזוי שנעל ווי זיי האָבן געזען, אַז זיי באַקומען ניט די דערוואַרטעטע העכערונג. די אַרבעטער, וועלכע זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין די א. פ. ל. יוניאָנס, כדי אָפּצוהאַלטן זיי פון סטרייקס, האָבן זיך באַנוצט מיט זייער אָרגאַניזירטן כח צו קעמפן פאַר בעסערע באַדינגונגען.

אָבער כמעט אַלע סטרייקס אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן אין די לעצטע חדשים פון יאָר אָנגענומען אַ כאַראַקטער פון אָפענעם קאַמף געגן דער ען־אַר־עי. דאָס איז געווען אַ דאַנק דער טעטיקייט פון דער טרייד־יוניאָן יוניטי ליג, וואָס איז געווען די איינציקע טרייד־יוניאָן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט קלאָר געמאַכט פאַר די אַרבעטער דעם כאַראַקטער און די צוועקן פון דער ען־אַר־עי. אַזוי, אַז כאָטש די רעגירונג האָט געטאָן אַלץ, וואָס זי האָט געקאָנט צו שטעלן אין פאָדערגרונט פאַר די אַרבעטער די א. פ. ל., אָף וויפיל עס האָט נאָר געקאָנט האָבן אַ שייכות מיט דער סטרייק־באַוועגונג, פונדעסטוועגן איז די צאָל אַרבעטער, וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט די סטרייק־

פירערשאַפט פון דער טרייד־יוניאָן יוניטי ליג, כמעט אַ העלפט פון דער צאָל, וואָס זיינען געווען פאַרוויקלט אין די א. פ. ל. סטרייקס. לויט ניט־גענויע אָפּשאַצונגען, האָבן 450 טויזנט אַרבעטער געסטרייקט אונטער דער פאַן פון דער א. פ. ל. דאָס שליסט איין אין זיך פיל אַרבעטער, וואָס כאָטש זיי האָבן זיך ניט אָנגעשלאָסן אין דער א. פ. ל„ האָבן זיי פונדעסטוועגן געסטרייקט אונטער איר פירערשאַפט. אונטער דער פירערשאַפט פון דער טרייד־יוניאָן יוניטי ליג האָבן אין דער זעלביקער צייט געסטרייקט 200 טויזנט אַרבעטער. ווען מען רעכנט צו דעם צו די אַרום 175 טויזנט אַרבעטער, וואָס האָבן געקעמפט אונטער דער פירערשאַפט פון פאַרשיידענע אומ־אָפּהייגיקע יוניאָנס, וואָס האָבן נאָך מורא צו גיין מיט די „רויטע", אָבער געטרויען ניט מער די פירער פון דער א. פ. ל„ ווערט קלאָר, אַז די יוניאָנס פון דער טרייד־יוניאָן יוניטי ליג ציען צו אַלץ מער גרעסערע טיילן פון אַרבעטער־קלאַס, און אַז איר איינפלוס טרעט אַריבער ברייט איבער די גרענעצן פון דער אייגענער אָרגאַניזאַציע.

די טרייד־יוניאָן יוניטי ליג איז געוואָרן אַ פאַקטאָר, וואָס גיט דעם קלאַסן־קאַמף אין די פאַראייניקטע שטאַטן אינגאַנצן אַן אַנדער ווענדונג.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי

די גרינדונג פון דער טרייד־יוניאָן יוניטי ליג און די מערסטע אַרויס־טרעטונגען פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער אין דעם לעצטן פּעריאָד זיינען פאָרגעקומען אונטער דער פירערשאַפט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט אַרויפגעלייגט איר שטעמפּל אויף דער אַנטוויקלונג פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג אין דעם לעצטן צענדליק יאָרן.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז געגרינדעט געוואָרן אין סעפּטעמבער, 1919, דורך דעם לינקן פליגל, וואָס האָט מיט אַ יאָר פריער זיך פאָרמירט אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אַנדערש פון די פריערדיקע לינקע שטראָמען אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט דער לינקער פליגל פון 1918 געפירט דעם קאַמף געגן דער אָפּאָרטוניסטישער פירערשאַפט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אַרום די פונדאַמענטאַלע אישוס פון

קלאַסן־קאַמף אין דער איצטיקער עפּאָכע, פון וועלכע די הויפּט־אישוס זיינען געווען די שטעלונג צו דער באַטייליקונג פון אַמעריקע אין דער וועלט־מלחמה און צו דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. דער היסטאָרישער פּאַרדינסט פון דעם לינקן פליגל פון 1918 באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט זיך אַנטשלאָסן געשטעלט געגן די רעפאָרמיסטישע פירער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און האָט באַוואוסטזיניק אָרגאַניזירט די רענק און פייל פון דער פּאַרטיי פאַר אַ פולשטענדיקן איבעררייס מיט די אָפּאָרטוניסטישע פירער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אַזוי אַרום איז דער לינקער פליגל געוואָרן די פונדאַמענטאַלע גרופּע, וואָס האָט אָרגאַניזירט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אָבער דער לינקער פליגל פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז געווען נאָר איינס פון די שטראָמען — אמת, דער סאַמע וויכטיקסטער — וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן צו שאַפן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן. די לינקע און מיליטאַנטישע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער עס על פּי, אין דער אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, אין דער אַי דאָבעליו דאָבעליו, און אין אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס האָבן געהאָלפן אין דער בויאונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אַזוי אַרום דער יורש פון אַלע מיליטאַנטע און רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס פון אַמעריקאַנעם אַרבעטער־קלאַס.

דער כאַראַקטער פון די עלעמענטן, וואָס זיינען אַריינגעגאַנגען אין באַשטאַנד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי בא איר גרינדונג, האָט געמוזט אַרויסלייגן אַן אייגנאַרטיקן שטעמפּל אויף איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג, ספּעציעל אין די ערשטע יאָרן פון איר עקזיסטענץ. ס'איז ניטאָ קיין שום ספק, אַז די גרונט־קאַדרען פון דער פּאַרטיי, די פּראָלעטאַרישע עלעמענטן, האָבן פון דעם ערשטן טאָג פון דער גרינדונג פון דער פּאַרטיי געזוכט נאָכצופאָלגן אין די פוס־טריט פון לענינען און פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, האָבן געזוכט זיך פאַרבינדן מיט די ברייטע מאַסן אַמעריקאַנער אַרבעטער, אויפלעבן בא זיי די רעוואָלוציאָנערע און מיליטאַנטע טראַדיציעס פון זייערע צענדליקער פריערדיקע קאַמפן און דערהויבן די נייע קאַמפן פון אַמעריקאַנעם אַרבעטער־קלאַס צו דער העכער שטופע, וואָס פירט צו

קאַמף פאַר מאַכט, פאַר פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. ווי איבער דער גאַנצער וועלט, ציט אויך די אַמעריקאַנער קאָמוניסטישע פּאַרטיי איר יניקה פון די אַרבעטער־עלעמענטן, להיפוך די סאָציאַל־פאַשיסטן, וואָס ציען זייער יניקה פון קליינבירגערלעכע עלעמענטן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. אָט־די קליינבירגערלעכע עלעמענטן האָבן אין משך פון דער גאַנצער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג געזוכט צו האַלטן דעם אַרבעטער־קלאַס צוגעבונדן צום וואָגן פון קאַפּיטאַליסטישן קלאַס און ניט דערלאָזן, אַז ער, דער אַרבעטער־קלאַס, זאָל ווערן אַ זעלבסטשטענדיקער פּאָליטישער כח.

ווען ס׳איז אָבער געקומען צו דער קאָנקרעטער אָנווענדונג פון די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן פון מאַרקסיזם־לעניניזם בנוגע די טאָג־טעגלעכע קאַמפן פון אַרבעטער־קלאַס, האָבן די פאַרשיידענע גרופּירונגען אַזוי גיך זיך ניט געקאָנט באַפרייען פון אַלטע געוואוינהייטן און מעטאָדן און פיל פון זיי פון דער קליינבירגערלעכער אידעאָלאָגיע, וואָס זיי האָבן **גע׳ירש׳נט** פון זייערע רעפאָרמיסטישע אָרגאַניזאַציעס, אַזוי אַז די פּאַרטיי האָט זיך אָפט געוואַקלט צווישן אָפּענעם אָפּאָרטוניזם און אולטראַ־לינקן ראַדיקאַליזם. ס׳האָט געמוזט נעמען אַ צענדליק יאָרן (1919־1929), ביז וואַנען די פּאַרטיי האָט דורך אינערלעכע שטרייטיקייטן און ענדלעך מיט דער הילף פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל זיך באַפרייט פון אַ צאָל פרעמדע, קלאַסן־פיינטלעכע עלעמענטן (די לאָרע־לאַווסטאָן־קענאָן גרופּעס) און האָט אַסימילירט און קאָנסאָלידירט אַלע פּראָלעטאַרישע עלעמענטן אין איין איינהייטלעכער פאַראייניקטער לענינסטישער פּאַרטיי, וואָס איז היינט־צו־טאָג דער רעוואָלוציאָנערער אַוואַנגאַרד פון אַמעריקאַנעם אַרבעטער־קלאַס.

פאַר דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס פון די פאַראייניקטע שטאַטן איז דער באַדייט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי געוועזן קלאָר פון דעם ערשטן טאָג פון איר גרינדונג. שוין בײַ איר גרינדונג האָט דער הערשנדיקער קלאַס דערזען אין דעם עצם עקזיסטענץ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אַ גרויסע געפאַר פאַר זיינע פּלענער אָראָפּצודריקן דעם לעבנס־סטאַנדאַרד פון די אַמעריקאַנער מאַסן, זיך אומצוקערן צו „נאָרמאַלסי״. כאָטש די פּאַרטיי איז געווען יונג און האָט געמאַכט ערשט אירע ערשטע שריט, איז זי אָבער געווען די איינציקע, וואָס האָט געלאָזט הערן איר שטים אין די אַזוי־גערופענע ראַסן־

ראַיאָטן אין שיקאַגאָ, רופנדיק די ווייסע און נעגערשע ארבעטער זיך צו פאַר־אייניקן אין קאַמף געגן פלייש־טראַסט און די אַגענטן פון די קאַפּיטאַליסטן אין דער שטאַטישער אדמיניסטראַציע, וואָס זיינען געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די צענדליקער טויטע און הונדערטער פאַרוואונדעטע אין אָט־די ראַיאָטן, וואָס זיינען פאָרגעקומען ערב דער אָרגאַניזיר־קאָנווענשאָן פון דער פאַרטיי. די יונגע קאָמוניסטישע פאַרטיי איז אויך געווען די ערשטע אויפצוהייבן אַ פּראָ־טעסט געגן דער „ליבעראַלער" ווילסאָן־אַדמיניסטראַציע, וואָס האָט געזוכט צו טעראָריזירן די מיליאָנען פרעמד־געבוירענע ארבעטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן דורך מאַסן־דעפּאָרטאַציעס. דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס האָט דעריבער באַשלאָסן צו דערלאַנגען אַ טויט־קלאַפּ דער נייער פאַרטיי, זי אָפּווישן פון דער ערד.

די ווילסאָן־אַדמיניסטראַציע האָט גערן דורכגעפירט דעם ווילן פון די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן. פיר חדשים נאָך דער גרינדונג פון דער פאַרטיי, דעם צווייטן יאַנואַר, 1920, זיינען איבערן גאַנצן לאַנד דורכגעפירט געוואָרן איבערפאַלן איבער די אָפּיסעס און לאָקאַלן פון דער פאַרטיי. מען האָט אַרעסטירט אַ צאָל פירער פון דער פאַרטיי, טויזנטער פאַרטיי־מיטגלידער און אויך ניט־פאַרטייאישע ארבעטער און זיי פאַרשפאַרט אין די טורמעס און אימיגראַציע־סטאַנציעס; די פאַרטיי־אָפּיסעס און לאָקאַלן און אַפילו צענדליקער פּריוואַטע וואוינונגען פון ארבעטער האָט מען צעשמעטערט און פאַרניכטעט אַלץ וואָס ס'איז די פאָליציאַנטן און דעטעקטיווס געקומען אונ־טער די הענט. די דאָזיקע אַטאַקע אויף דער קאָמוניסטישער פאַרטיי איז טרויעריק־באַרימט געוואָרן אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער אַר־בעטער־באַוועגונג אַלס די „פּאַלמער־רעידס" (פּאַלמער איז געווען ווילסאָנס יוסטיץ־מיניסטער, וועלכער האָט דורכגעפירט די איבערפאַלן).

דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס פון די פאַראייניקטע שטאַטן און זיין רעגירונג האָט זיך אָבער ניט איינגעגעבן צו פאַרניכטן די קאָמוניסטישע פאַר־טיי. די פאַרטיי איז געווען געצוואונגען אַראָפּצוגיין אונטער דער ערד, כדי איינצוהאַלטן איר ניי־פאָרמירטע אָרגאַניזאַציע, וואָס די רעגירונג האָט גע־זוכט צו פאַרניכטן. אין דעם פּעריאָד פון איר אונטערערדישער טעטיקייט האָט די קאָמוניסטישע פאַרטיי געמוזט פירן אַ קאַמף ניט צו איזאָלירן זיך

אינגאַנצן פון די ברייטע מאַסן; זי האָט געשאַפן אַזעלכע לעגאַלע אַגענטורן, ווי די פריינט פון סאָוועטן־רוסלאַנד („פריענדס אָוו סאָוויעט ראַשיאַ") און די טרייד־יוניאָן עדיוקיישאָנאַל ליג. די ערשטע האָט דורך איר קאַמפּאַניע צו העלפן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס האָט, אַלס רעזולטאַט פון מלחמה און בירגער־קריג, איבערגעלעבט אַ הונגער, באַוויזן צו דערגרייכן ברייטע מאַסן און זיי אויפקלערן וועגן די געשעענישן אין דער אַרבעטער־רעפּובליק; די צווייטע האָט געגעבן דער פּאַרטיי די מעגלעכקייט זיך צו באַטייליקן אין די אַרבעטער־קאַמפן פון יענער צייט ניט בלויז אַלס אַגיטאַטאָרן, נאָר אין אַ סך פאַלן אַלס די הויפּט־פירער.

אין דער זעלביקער צייט האָט די פּאַרטיי געמוזט פירן אַן אינערלעכן קאַמף קעגן דער שפּראַך־פעדעראַציע פאָרם פון אָרגאַניזאַציע, וואָס זי האָט איבערגענומען בירושה פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאָרם פון אָרגאַניזאַציע איז אָבער נאָך פאַרבליבן אין דער פּאַרטיי ביז 1925, ווען זי האָט זיך איבערגעבויט אַף דעם יסוד פון שאַפּ־ און גאַסן־קעמערלעך.

אַ ביטערער קאַמף אין דער פּאַרטיי איז אויך געפירט געוואָרן אַרום דער פראַגע פון דער לעגאַליטעט פון דער פּאַרטיי. אַ גרופּע אין דער פּאַרטיי האָט אַנטוויקלט אַ טעאָריע וועגן אומלעגאַליטעט אַלס פּרינציפּ פון קאָמוניסטישער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. די פּאַרטיי האָט די דאָזיקע טעאָריע צוריקגעוויזן און באַשלאָסן אָנצוהייבן אַ קאַמף פאַר לעגאַליטעט, אָפּצושאַפן די פּאַרטיי אַלס אַן אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע. די רעגירונג האָט אָבער דערלאַנגט דער פּאַרטיי אַ צווייטן קלאַפּ דורך אַן איבערפאַל אַף דער פּאַרטיי־קאָנווענשאָן, וואָס איז פאָרגעקומען אין ברידזשמאַן, מישיגען, אין 1922, וואו מען האָט אַרעסטירט און פאַרשפאַרט אין טורמע אַ גרויסע צאָל פּאַרטיי־פירער. דער קאַמף פאַר דער פּאַרטיידיקונג פון די קרבנות פון דעם ברידזשמאַן־איבערפאַל האָט געהאָלפן געווינען פאַר דער פּאַרטיי שטיצע און סימפּאַטיע באַ ברייטע שיכטן אַרבעטער.

די ברידזשמאַן־קאָנווענשאָן איז געווען אַ ווענד־פּונקט אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. זינט דער דאָזיקער קאָנווענשאָן האָט די פּאַרטיי ניט אויפגעהערט איר אָנגעשטרענגטע אַרבעט זיך צו־

צוגרייטן פאַר איר היסטאָרישער ראָל אַלס די פירערין פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער און האָרעפאַשנע מאַסן. דאָס צו דערגרייכן האָט די פּאַרטיי די גאַנצע צייט געמוזט פירן אַ קאַמף אויף צוויי פראָנטן, געגן רעכטן און „לינקן" אָפּאָרטוניזם אין דער פּאַרטיי.

די „גענדז" (די גרופּע אין דער פּאַרטיי, וואָס האָט געפאָדערט אומ־לעגאַליטעט אונטער אַלע אומשטענדן) האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך דעם לינקן אָפּנויג. די אָפענע אָפּאָרטוניסטן האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם לאָרע־סאַלוצקי קאָקוס.

סאַלוצקי איז געקומען אין דער פּאַרטיי נאָך דער צווייטער שפּאַל־טונג אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. די דאָזיקע שפּאַלטונג (1921) האָט געבראַכט אין דער פּאַרטיי אַ היבשע צאָל רעוואָלוציאָנערע אַר־בעטער און אַנדערע לינקע סאָציאַליסטישע עלעמענטן, וועלכע די פּאַרטיי האָט אין פאַרלויף פון אירע קאַמפן געגן אָפּאָרטוניזם אַסימילירט. אין דער זעלביקער צייט האָבן אייניקע צענטריסטישע פירער פון דער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי, אונטערן דרוק פון אַט־די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, געפונען פאַר נויטיק זיך אָנצושליסן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, כדי ניט צו פאַרלירן זייער איינפלוס אויף אַט־די עלעמענטן. די דאָזיקע פירער (סאַלוצקי, צביון) האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער פּאַרטיי ניט צו ווערן קאָמוניסטן, נאָר אַריבערצוגעווינען די פּאַרטיי פאַר זייערע צענטריסטישע פּאָליסים. זיי האָבן ניט געוואָלט, אַז די פּאַרטיי זאָל גיין אין די טריט פון לענינען און באָלשעוויזם, נאָר זאָל זיך אומקערן אויפן וועג פון צענטריזם, אין שוים פון קאַוטסקי'ן. אַט־די עלעמענטן האָבן זיך גרופּירט אַרום דער פערזאָן פון לאָרע, אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכער איז געוואָרן דער אידעאָלאָגישער פירער פון דער דאָזיקער גרופּע. דער פּאַרטיי איז אויסגעקומען צו פירן אַ שטאַרקן קאַמף געגן אַט־די אָפענע אָפּאָרטוניסטן. היינט־צו־טאָג געפינען זיך די אַלע דריי אין לאַגער פון שונא. סאַלוצקי איז אויף קעסט באַ הילמאַנען אין דער אַמאַלגאַמייטעד, צביון עלטערט זיך אין עושר באַם „פאָרווערטס", און לאָרע איז געוואָרן אַ זשורנאַליסט פון דעם „ניו־רעפּאָבליק"־טיפּ.

אין אַ שפּעטערדיקן פעריאָד, האָט דער קאַמף געגן „לינקן" און רעכטן

אָפּאָרטוניזם אָנגענומען אַנדערע פאָרמען. אין דער צייט פון זעקסטן וועלט־קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל (1928) האָט זיך אין דער פּאַרטיי אַנטוויקלט אַ גרופּע אונטער דער פירערשאַפט פון דזשיימס פּ. קענאָן, וואָס האָט געזוכט אַריבערצוגעווינען די פּאַרטיי פאַר דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער פּאָזיציע פון טראָצקיזם. קענאָן און זיין גרופּע זיינען אַרויסגעשמיסן געוואָרן פון דער פּאַרטיי. ווי טראָצקי און אַלע זיינע אָנהענגער, זיינען די דאָזיקע עלעמענטן היינט־צו־טאָג די ביטערסטע שונאים פון קאָמוניזם און פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, כאָטש זיי זוכן צו באַהאַלטן זייערע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען אונטער רעוואָלוציאָנערע פראַזן.

באַלד נאָך דער אויסשליסונג פון דער קענאָן־טראָצקי גרופּע האָט דער לאַוווסטאָן־קאָקוס אין דער פּאַרטיי געמאַכט אַ פאַרזוך אַראָפּצופירן די פּאַרטיי פון איר פּראָלעטאַריש־רעוואָלוציאָנערער באַזע. די לאַוווסטאָן־עלעמענטן האָבן אַנטוויקלט אַ טעאָריע וועגן דער „אויסנאַם־לאַגע" פון אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם. לויט דער דאָזיקער טעאָריע, איז דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם — וועלכער האָט שוין געהאַט איבערגעלעבט די לעצטע חדשים פון סטאַביליזאַציע און האָט זיך געפונען ערב דעם צוזאַמענבראָך פון פּראָספּעריטי, אַפן וועג צו דעם ערגסטן קריזיס אין זיין געשיכטע — אַריינגעטראָטן אין זיין „גאָלדענער ערא". די לאַוווסטאָניסטן האָבן פאַרגליכן די איצטיקע עפּאָכע פון אַמעריקאַנישן קאַפּיטאַליזם מיט דער וויקטאָריע־עפּאָכע פון דעם ענגלישן קאַפּיטאַליזם. זיי האָבן געוואָלט, אַז די פּאַרטיי זאָל זיך אָריענטירן אַף אַ לאַנג־יאָריקער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם. אויב די טראָצקיסטן האָבן אינגאַנצן אָפּגעלייקנט, אַז דער קאַפּיטאַליזם איז אַריינגעטראָטן אין דעם דריטן נאָכ־מלחמה'דיקן פּעריאָד פון אונטערגאַנג, האָבן די לאַוווסטאָניסטן דערקלערט, אַז דער דריטער פּעריאָד פון נאָכ־מלחמה־דיקן קאַפּיטאַליזם מיינט ניט אַ פּעריאָד פון אונטערגאַנג, נאָר אַ פּעריאָד פון אויפשטייג, אַז דער קאַפּיטאַליזם איז אַריינגעטראָטן אין אַ פּעריאָד פון פּערמאַנענטער סטאַביליזאַציע; אויב די טראָצקיסטן האָבן אָפּגעלייקנט די מעגלעכקייט פון בויען סאָציאַליזם אין איין לאַנד, האָבן די לאַוווסטאָניסטן געזען בלויז די שוועריקייטן אין דער דורכפירונג פון דעם ערשטן פינפיאָר־פּלאַן פון סאָציאַליסטישן אויפבוי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. סיי די טראָצקיסטן, סיי די לאַוווסטאָניסטן זיינען געווען פאַראייניקט אין זייערע פאַרלוימדונגען אַף דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און אַף דעם פירער פון סאָוועטישן פּראָלעטאַריאַט און פון דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַרישן אַוואַנגאַרד פון דער גאַנצער וועלט, חבר סטאַלין; סיי די טראָצקיסטן, סיי

די לאָוועסטאָניסטן זיינען געקומען צו הילף דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אָפּלייקענענדיק דעם סאָציאַל־פֿאַשיסטישן כאַראַקטער פֿון דער פֿירערשאַפֿט פֿון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל און פֿון זיינע פֿאַרשיידענע סעקציעס, וואָס העלפֿן אָביעקטיוו דער בורזשואַזיע איינפֿירן פֿאַשיזם.

די לאָוועסטאָן־גרופּע האָט געמאַכט אַ פֿאַרזוך אויסצונוצן די פּאַרטיי ווי אַ באַזע פֿאַר אַ קאַמף געגן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. די זעקסטע פּאַרטיי־קאָנווענשאָן, וואָס די לאָוועסטאָניסטן האָבן קאָנטראָלירט אַ דאַנק פֿראַקציאָנעל־מעכאַנישע מעטאָדן אין די וואַלן פֿון דעלעגאַטן, איז פֿון זיי פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טריבונע, פֿון וועלכער זיי האָבן אַטאַקירט די מאַרקסיסטיש־לעניניסטישע ליניע פֿון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. מיט דער הילף פֿון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט די פּאַרטיי זיך אויך באַפֿרייט פֿון די לאָוועסטאָן־עלעמענטן. דער מאַניפֿעסט פֿון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל (מאַי 1929) האָט פֿאַראייניקט די פּאַרטיי און האָט אַוועקגעלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿאַר איר ווייטערדיקער באָלשעוויזירונג און אַנטוויקלונג.

היינט־צו־טאָג איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי די אָנערקענטע פֿירערין פֿון אַלע רעוואָלוציאָנערע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פֿון די אַמעריקאַנער אַרבעטער. זי האָט אָרגאַניזירט און געפֿירט די גרויסע קלאַסן־שלאַכטן פֿון דעם לעצטן פּעריאָד אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. דאָס איז דער כח פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס האָט דעם זעקסטן מערץ, 1930, אַרויסגעפֿירט העכער אַ מיליאָן אַרבעטער אויף די גאַסן פֿון די אינדוסטריעלע צענטערן פֿאַר דער פֿאָדערונג: „אַרבעט, אָדער שכירות"; דאָס איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וואָס האָט געגעבן די פֿירערשאַפֿט אין דורכפֿירן די הונגער־מאַרשן אויף וואַשינגטאָן אין 1931 און 1932; דאָס איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וואָס האָט אָרגאַניזירט דעם קאַמף געגן דעם „פּריים־אָפּ" אויף די סקאַטסבאָראָ נעגער־אינגלעך, וואָס פֿירט אַ קאַמף געגן לינטשערייען און וואָס אָרגאַניזירט די ווייסע און נעגער־אַרבעטער אין קאַמף פֿאַר פֿולע און גלייכע רעכטן פֿון די נעגערשע מאַסן; דאָס איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וואָס האָט אָרגאַניזירט דעם קאַמף געגן דעם דייעז־אַנטי־אויסלענדער־געזעץ־פּראָיעקט און פֿאַר דער פֿאַרטיידיקונג פֿון די רעכטן פֿון די פֿרעמד־געבוירענע אַרבעטער; דאָס איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וואָס האָט אָרגאַניזירט די פּראָטעסט־באַוועגונג געגן נאַצי־דייטשלאַנד און דעם שענדלעכן רייכסטאַג־פּראָצעס; דאָס איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וואָס האָט ריכטיק אַנאַליזירט די פּאָליטיק פֿון דער רוזוועלט־אַדמיניסטראַציע, האָט אָפּגעריסן די דעמאַגאָגיע פֿון דער ען־אַר־עי און האָט אידעאָלאָגיש צוגעגרייט

די ארבעטער צום קאַמף פאַר בעסערע לעבנס־באַדינגונגען, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דער סטרייק־כוואַליע פון די זומער־ און הארבסט־חדשים פון 1933; דאָס איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וואָס האָט ארויסגערוקט פאַר דעם ארבעטער־קלאַס די פאָדערונג פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג און מאָביליזירט גרויסע מאַסן־אַקציעס ארום דער דאָזיקער פאָדערונג; דאָס איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וואָס פירט אַן אומדערמידלעכן קאַמף געגן אימ־פעריאַליסטישער מלחמה און פאַר דער פאַרטיידיקונג פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די דערגרייכונגען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פאַרבינדן זיך מיט די ברייטע ארבעטער־ און הארעפּשאַנע מאַסן און ווערן די פירערין פון זייערע קאַמפן זיינען אָבער אַ סך קלענער ווי זיי וואָלטן געקאָנט זיין אין די באַדינגונגען פון דעם פאַרשאַרפטן קלאַסן־קאַמף אין די פאַראייניקטע שטאַטן. צו זיין גרייט צו באַגעגענען און ווערן די פירערין פון דעם רעוואָ־לוציאָנערן אויפברויז, וואָס קריגט אַלץ מער אימפּעט, האָט די פּאַרטיי לעצטן יולי אָפּגעהאַלטן אַן אויסעראָרדנטלעכע קאָנפערענץ, וואָס האָט זיך געווענדעט מיט אַן אָפענעם בריוו צו אַלע פּאַרטיי־מיטגלידער. דער דאָזיקער זעלבסט־קריטישער פּאַרטיי־דאָקומענט, וואָס ווייזט אָן אויף אַלע שוואַכקייטן פון דער פּאַרטיי, שטעלט אוועק אַלס די דרינגענדיקע אויפגאַבע פון דער פּאַרטיי זיך איינצופונדעווען אין די פונדאַמענטאַלע שיכטן פונם ארבעטער־קלאַס און אויפצוהייבן אַ מעכטיקע פּאָליטישע באַוועגונג צווישן די מאַסן פונם לאַנד דורך „אָרגאַניזירן אַ פאַראייניקטן קאַמף פון די אַמעריקאַנער ארבעטער און פון אַלע הארעפּאַשנע מאַסן פאַר זייערע דרינגענדיקע לעבנס־פאָדערונגען."

די באַלדיקע אויפגאַבן, וואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט זיך גע־שטעלט אין דעם איצטיקן מאָמענט, פאַר וועלכע זי וועט אָרגאַניזירן און מאָביליזירן די ארבעטער־מאַסן, זיינען:

„1. אָרגאַניזירן קאַמפן געגן דירעקטע לוין־רעדוצירונגען און רעדוצירונגען פון די רעאַלע שכירות דורך אינפלאַציע; פירן קאַמף צו פאַרגרעסערן די שכירות, געגן יעדער פאָרם פון סטעגער־פּלאַן, פאַר דער רעדוצירונג פון אַרבעט־שטונדן אָן שום רעדוצירונגען אין לוין.

„2. ענג צוזאַמענגעבונדן מיט דער מאָביליזאַציע געגן דער לוין־שניט־אָפענסיווע איז די קאַמפּאַניע צו אָרגאַניזירן דעם קאַמף פון די אַרבעטלאָזיקע און טיילווייז־אַרבעטלאָזיקע פאַר באַלדיקער רעליף און אָר־גאַניזירן דעם קאַמף פאַר אַרבעטלאָזיקייט־ און סאָציאַלע פאַרזיכערונג אויפן חשבון פון דער רעגירונג און פון די באַלעבאַטים. אין דער איצטיקער צייט איז פון דער גרעסטער וויכטיקייט די אויפגאַבע צו אַנטוויקלען אַ ברייטן קאַמף אין דער פרעסע, דורך מיטינגען, דעמאָנסטראַציעס, סטרייקס געגן דער געצוואונגענער אַרבעט און געגן מיליטאַריזירן די אַרבעטלאָזיקע,

אַרויסרוקנדיק די לאָזונגען: „פאַר דער אָפּשאַפונג פון אַלע פאָרמען פון געצוואונגענער אַרבעט"; „קעגן דער מיליטאַריזאַציע פון די אַרבעט־לאַזיקע"; „טרייד־יוניאָן שכירות אַף אַלע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן". אָרגאַניזירן, ספּעציעל אין אַרבעט־קעמפּס און צווישן די אַרבעטער אַף געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, דעם קאַמף פאַר אָט־די פאָדערונגען און פאַר אַלע זייערע טביעות.

„3. אָפּצואווישן די חובות אַף מאָרטגעדזשעס (היפּאָטעקן), די שטייערן און רענט פון די גרויסע פאַרמער־מאַסן. פאַר דער אָפּשאַפונג פון דער שקלאַפערישער עקספּלואַטאַציע פון די „שעיר־קראַפּערס".

„4. צו אָרגאַניזירן דעם קאַמף געגן רעדוצירן די פּענסיעס פון די קראַנקע וועטעראַנען און פאַר די באָנוס־אויסצאָלונגען.

„5. פאַר גלייכע רעכט און קעגן אַלע אונטערדריקונג־פאָרמען פון די נעגערס; פאַר דער זעלבסטבאַשטימונג פון די נעגערס אין שוואַרצן פּאַס.

„6. קאַמף קעגן אַלע פאָרמען פון טעראָר, קעגן אָפּנעמען די פריוי־הייט צו סטרייקן, רעדן, פּרעסע און קעגן אַלע פאָרמען פון פאַרפאָלגונגען און קעגן דעפּאָרטאַציעס פון די פרעמד־געבוירענע אַרבעטער.

„7. קעגן דעם דייטשן פאַשיזם און פאַר דער באַפרייאונג פון אַלע פּראָלעטאַרישע פּאָליטישע אַרעסטירטע.

„8. קאַמף קעגן דער נייער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, קעגן אינטערווענציע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און קעגן דער פינאַנציעלער און מיליטערישער שטיצע, וואָס ווערט געגעבן דעם יאַפּאַנעזישן אימ־פּעריאַליזם."

(פונם „אָפענעם בריוו צו אַלע פּאַרטיי־מיטגלידער")

אונטער דער פירערשאַפט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָבן אויך די עקאָנאָמישע קאַמפן פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער געקראָגן אַ גאַנץ אַנדער פּאַרנעם און כאַראַקטער. אַזעלכע קאַמפן, ווי דער קאַמף פון די טעקסטיל־אַרבעטער אין פּאַסייק, גאַסטאָניע, די קאַמפן פון די נאָדל־אַרבעטער אין ניו־יאָרק, פון די קוילנגרעבער אין קענטאָקי, יוטאַ און ניו־מעקסיקאָ, פון די אַגריקולטורעלע אַרבעטער אין אימפּיראַל וואַלי, זיינען וועג־צייכנס אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג.

אָבער אָט־די קאַמפן, ווי די דאָזיקע גאַנצע עפּאָכע, פאָדערן ניט אַ סקיצירטע באַשרייבונג, וואָס מיר האָבן דאָ געגעבן, נאָר אַ גענויע אונטער־זוכונג און באַהאַנדלונג.

ניו יאָרק, דעצעמבער, 1933.